# Digitaliseret af | Digitised by

DET KGL. BIBLIOTEK
Royal Danish Library

Forfatter(e) | Author(s): rédigé par J. Lipchitz et J. Podrusnik
Titel | Title: L'étudiant juif : mensuel littéraire et scientifique consacré aux intérêts des étudiants juifs et de la jeunesse juive en général = דער יודישער סטודענט : געווידמעט די אינטערעסען פון דער יודישער יוגענד בכלל און פון דער יודישער שטודירענדער יוגענד בפרט
Bindbetegnelse | Volume Statement: 1912-1912; Hæfte 1-4(/5)
Udgivet år og sted | Publication time and place: Copenhague ; Gent, 1912-13

## DK

Værket kan være ophavsretligt beskyttet, og så må du kun bruge PDF-filen til personlig brug. Hvis ophavsmanden er død for mere end 70 år siden, er værket fri af ophavsret (public domain), og så kan du bruge værket frit. Hvis der er flere ophavsmænd, gælder den længstlevendes dødsår. Husk altid at kreditere ophavsmanden.

## UK

The work may be copyrighted in which case the PDF file may only be used for personal use. If the author died more than 70 years ago, the work becomes public domain and can then be freely used. If there are several authors, the year of death of the longest living person applies. Always remember to credit the author

Univ.-Bibl.

L'Étudiant Juif.
Nr. 1 – 4.
1912 – 13.

2,-44
Jud. 580.
DET KONGELIGE BIBLIOTEK
DA 1.-2.S 2 8°
1 02 0 8 01293 6
+Rex
BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS
AFGIVET AF UNIV: BIBL:
BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS

# L'etudiant Juif.

**Mensuel litéraire et scientifique**

consacrè aux intèrèts des ètudiants juif et de la jeunesse juive en général

*Rédigé par J. LIPCHITZ et J. PODRUSNIK.*

**Prix de l'abonnement:**

| | | | |
|---|---|---|---|
| un an: | 7,20 frs | 2,70 roubles | 6 Marks |
| six mois: | 3,50 „ | 1,35 „ | 3 „ |

Redaction et administration:

**Gand (Belgique) Rue Charles Quint 82**

KJØBENHAVNS 1914 UNIVERSITETSBIBLIOTEK

**Trykt i Das Wochen Blatt's Trykkeri, Hausergade 36.**
**Josef Lititschevski.**

BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS

# פון דער רעדאקציע

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

# פון דער רעדאקציע.

צוליעב צענזור-אורזאכען און גרויסע טעכנישע שוועריגקייטען האט די רעדאקציע בעשלאסען פער-וואנדלען דעם „יודישען סטודענט“ אלס אונפעריאדי-שע זאמעלביכער אהן כראניק און קארעספאנדענציעס. דער יודישער סטודענט וועט אויך ווייטער זיין גאנץ אונאבהענגיג פון וועלכער עס איז ארגאניזאציע און האפט אויף דער סימפאטיע און שטיצע פון דער יודי-שער סטודענטענשאפט און פון דער יודישער יוגענד בכלל.

קענען אפען און נארמאל צו פונקציאנירען איז ביי די ווארשויער סטודענטען נישטא. די גרויסע הכנסות פון די בעלער וואס ארדנען איין די יודישע סטודענטען אין ווארשוי, הכנסות, וועגען וועלכע די אויסלענדישע קאלאניעס האבען נישט די העזה צו פאנטאזירען, ווערען צוטיילט צווישען די יודישע סטודענטען דורך דער אדמי־ניסטראציע פון אוניווערסיטעט אהן קיין שום סיסטעם, נישט אלס געגענזייטיגע הילף נאר אלס סובסידיעס. נאר אויך אין דעם קען מען, נאטירליך, נישט בעשולדיגען אין גאנצען די יודישע סטו־דענטען, די פראבעס צו לעגאליזירען א קאסע ביים אוניווערסיטעט קענען זיך נישט איינגעבען ביי דער יעצטיגער לאגע פון די רוסישע אוניווערסיטעטען. פונדעסטוועגען, מיינען מיר, וואלטען די יודישע סטודענטען אין ווארשוי, אפילו ביי יעצטיגע בעדינגונגען, פארט געקענט עפעס אויפטהון, אדער נאכטהון זייערע חברים אין אויס־לאנד. מ'דארף נאר האבען מענשען מיט ענערגיע, מיט גוטען ווילען וועלכע זאלען בעגעגענען אין זייער ארבייט די סימפאטיע פון די איבעריגע חברים.

ל. יאקובסאן.

די קורסיסטקעס האט קיינער נישט געוואוסט ווער איז געוועזן דאק־טאר מאנדעלשטאם...

די ווארשויער קורסיסטקע ווייס נישט גאר פון קיין יודישער שפראך, זי לייענט גאר נישט קיין יודישע ציימונג. דאס יודישע פאלק, זיין לעבען, נישט דאס אמאליגע, נאר אפילו דאס היינטיגע, זיינען איהר פיעל פרעמדער און פיעל וועניגער בעקאנט אלס דאס לעבען פון די עסקימאסען.

די ווארשויער קורסיסטקע, די טאכטער פון יודישען קרעמער, סוחר, בעל הבית ערגעץ וואו אין שקלאוו, האמעל, בערדיטשעוו איז כסדר דורכגעדרינגען מיט דער רוסישער קולטור, וועלכע האט זיך ביי איהר אנגעהויבען מיט קירפיצניקאווס גראמאטיק און האלט יעצט ביי ארציבאשעוו׳ס לעצטען ראמאן.

עפעס ווי נישט קיין יודישע טאכטער איז די קורסיסטקע. און אלץ וואס עס טהוט זיך אויף ביי אונז איז איהר נישט נוגע. און ווי מאדנע, ווי אבשטויסענד דארף זיין אט די בריאה וועלכע קומט קיין ווארשא און קולטיווירט דארט די רוסישע ציוויליזאציע, די רוסישע שפראך, וועלכע, כדאי צו בעמערקען, ווערט בעהערשט אזוי שלעכט פון אונזערע יודישע געבילדעטע טעכטער־קורסיסטקעס.

וואס שייך דעם עקאנאמישען מצב פון דער ווארשויער סטודענ־טענשאפט, מוז מען זאגען, אז ער איז פערהעלטניסמעסיג גאנץ גוט. דער ווארשויער סטודענט, וועניגער די קורסיסטקע, קען כמעט שטענ־דיג געפינען אין ווארשוי א פערדינסט. און אין דער אמת בעשעפ־טיגט זיך אין ווארשוי דאס רוב סטודענטען מיט לעקציעס, וועלכע גיבען זיי די נויטיגע מיטלען צום לעבען.

דאך פיהלט זיך א גרויסע נויט אין א עקאנאמישער אינסטיטו־ציע, צ. ב. אין א קאסע פון געגענזייטיגער הילף. דעם סטודענט קומט אן שווער צו אריינטראגען זיין שכר לימוד. דעם סטודענט פעהלט אפט אויס געלד אויף לעבען, אויף דירה אדער א מלבוש. און אזא לעגאלע קאסע פון געגענזייטיגער הילף, וועלכע זאל

ריבער איז דעם ווארשויער סטודענט גאנץ אונפערשטענדליך אזא פאקט, ווי דער «ציוריכער צוזאמענפאהר». דעריבער איז אויך די קאלטבלוטיגקייט צו דעם לעבען פון די אויסלענדישע סטודענטען, די פאלקאמע אבגעריסענהייט פון יענע חברים, וועלכע האבען נישט זוכה געווען צום גליק פון זיין אין א רוסישען אוניווערסיטעט.

אין ווארשוי זיינען כמעט נישטא קיין עפענטליכע יודישע לע־זעהאלען, וואו דער יודישער סטודענט זאל קענען דורך דער פרעס־סע זיך אלזייטיג בעקענען מיט די ערשיינונגען אין יודישען לעבען. און דעריבער בענוגט זיך דער ווארשויער סטודענט אין גליקליכען פאל מיט 1 יודישער צייטונג. זעלטען, זעלטען ווען א סטודענט לייענט נאך עפעס א יודישען זשורנאל. איך קען א סטודענט, וועל־כער האלט זיך פאר א שטיקעל נאציאנאליסט, און וועלכער לייענט א יודישע צייטונג משבת לשבת... און וויפיעל זיינען דא וועלכע שפייזען זיך מיט סעמעסטער צייטונגען, ד. ה. וועלכע לייענען א בלאט איינמאל אין סעמעסטער?

נאר אויב מיר ריידען פון א בלאסער נאציאנאלער פיזיאנאמיע פון די ווארשויער סטודענטענשאפט, פון איהר נישט איבריג הויכען קולטורעלען מצב, מוזען מיר דא אויסטיילען אין א בעזונדער רוב־ריק די ווארשויער קורסיסטקעס.

מיר קענען ניט אנווייזען געננוי, אבער יעדענפאלס איז זייער צאהל אין ווארשוי זעהר גרויס. אבער, מיר קענען נישט דערמאהנען קיין איינציגען פאל, וועלכער זאל אונז דיענען פאר א בעוויז, אז ביי די ערציהערינס פון קינפטיגען יודישען דור זאל מען בעמערקען א שפור פון נאציאנאלער בעוואוסטזיניגקייט.

איך דערמאהן זיך יא אין א פאקט, וועלכער איז דוקא האראק־טעריסטיש פאר די ווארשויער קורסיסטקעס. נאך דר. מאנדעלשטאם טויט האט איין קורסיסטקע געוואלט צונויפקלייבען אונטערשריפטען אויף א מיטגעפיהל־טעלעגראמע צווישען איהרע חבר׳טעס. אבער י האט קיין 10 אונטערשריפטען נישט געקענט צונויף נעמען. פון

מיר זאגען ניין, ווייל מיר ריידען פון א אלגעמיין סטודענטישער אויפלעבונג, ווייל מיר נעהמען פאר א ביישפיעל די רוסישע סטודענטענשאפט וועלכע געהט שטענדיג פאראויס מיט דעם פאקעל אין דער האנד, ווייל מיר שטעלען זיך פאר די גראנדיעזע ערוואכונג פון די אויסלענדישע יודישע סטודענטען, וועלכע קעהרען זיך אום יעצט צו זייער פאלק אין ארגאניזירטע מחנות.

דער ווארשויער סטודענט איז קודם כל נישט ארגאניזירט. עס איז ביי איהם נישט ענטוויקעלט דער געזעלשאפטליכער אינסטינקט דאס שטרעבען צו געפינען אדער שאפען א סביבה, אין וועלכער ער זאל קענען ענטוויקלען זיינע אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען, אדער אויסברייגגען די קראפט וואס ער פערמעגט זעלבסט. ער האט זיך זיינע אינטערעסען, וועלכע בעשטעהן אין דעם לעהר ביכעל און אין די פריוואטע לעקציעס, וועלכע ער גיט אב, כדי צו פערדינען חיונה.

זיין ווירקונגס־קרייז זיינען 2־3 חברים, מיט וועלכע ער «צובּרעוועט» אינאיינעם און א פאר קורסיסטקעס, ביי וועלכע מען קען טרינקען טהיי מיט היימישען איינגעמאכץ, אדער וואו מ'קען זיך אפטמאל ערלויבען א שטיף אדער א לאך טהון.

עס זיינען, אמת, געוועז געמאכט געווארען פראבעס צו ארגאניזירען אין ווארשוי די מעהר בעוואוסטזיניגע סטודענטישע עלעמענטען. עס האבען זיך ארגאניזירט אהן טאראראם 2־3 קרייזליך, וועלכע זענען אבער זעהר גיך צופאלען געווארען. און איצט איז דא נישטא אפילו קיין שפור פין ארגאניזאציע, נישט רעכענדיג די ציוניסטישע סטודענטען, וועלכע טהוען איינזייטיג זייער פארטיי ארבייט, וואס קען בעפריעדיגען נור זעהר א קליינעם טייל פון דער ווארשויער סטודענטענשאפט. און אט די דאזיגע אונארגאניזירטהייט איז די סיבה פון דער בית־עולם שטימונג ביי די ווארשויער סטודענטען. צוליעב דעם איז נישטא דער לעבעדיגער אינטערעס צו די פערשיעדענע ערשיינונגען אין יודישען געזעלשאפטליכען לעבען, דע־

גארגעלדיגע רוסישע שפראך, וועלכע פליסט פון די מיילער פון אנדערע קאלעגען, און דא און דארט שוועבט דורך די צערשטרויטע אונגעלומפערטע קורסיסטקע, אונזער אלטע בעקאנטע «גאלדע גדאליעוונא».

נישטא צווישען די ווארשויער יודישע סטודענטען קיין שפור פון דער געזעלשאפטליכער אויפלעבונג, וועלכע מיר בעמערקען אין דער אויסלענדישער קאלאניע. אמת, ס'איז דא א לעגאליזירטער אקא־דעמישער פעראיין ביים פאליטעכניקום, אבער דער פעראיין ווייזט ארויס זעהר וועניג לעבען; ער האט נישט פעראייניגט ארום זיך די סטודענטענשאפט און האט זיך נישט דערהויבען צו דער מדרגה, אויף וועלכער עס שטעהען די אויסלענדישע יודישע סטודענטען פער־איינען. זעלבסטפערשטענדליך, אז די סבות דערפון מוז מען זוכען נישט נאר אין דער אבגעלאזענקייט און דער אפאטיע פון די ווער־שויער סטודענטען, נאר אויך אין יענע אלגעמיינע בעדינגונגען, אין וועלכע עס געפינען יעצט אלע פעראיינען און געזעלשאפטען און איבערהויפט די אקאדעמישע אין רוסלאנד.

אבער אויסער די פאליטעכניקער געפינט זיך דאך אין ווארשא א גרויסע סטודענטישע מאסע. עס זיינען דא אין ווארשוי ארום 200 אוניווערסאנטען, א בעדייטענדע צאהל וועטערינארער, א גרוי־סע צאהל צוהערער פון די צאהן־ארצט שולען, זעהר פיעל קורסי־סטקעס. און צו קען מען ריידען וועגען וועלכע עס איז נישט אויפ־לעבונג ביי אט דער גרויסער מאסע פון דער קינפטיגער יודישער אינטעליגענץ? צו קען מען ריידען וועגען וועלכען עס איז נישט אינטערעס צו די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען אין יודישען לעבען? צו רעאגירט די מאסע אויף אט די ערשיינונגען? צו האט זי זיך דערהויבען צו דעם מצב, אין וועלכען עס געפינט זיך די ארומיגע רוסישע סטודענטענשאפט וועלכע איז פון שטענדיג אן געוועזען דער «באראמעטר» פון דעם רוסישען געזעלשאפטליכען לעבען?

ניין. וועלען מיר ענטפערען.

יודענטום. זיין פריידיגען אלע גרויסע ווערטער און קיין מעשים פאלגען דערפון ניט נאך. דאס פאלק האט נאך קיין איינציגען שריט דערוייל פאראויס ניט געמאכט. ווייל א פאלק פאדערט ניט נור ווערטער, נור אויך ביישפיעלען פון אפפערווילליגקייט, העלדישקייט און מערטירערייי — און צו איז דען דאס פאלק אליין שוין גענוג דערצו? זייט וויסען, אז א מיליאן שעפסען קענען זיך ניט איבער־נעהמען די ראל פון איין פאסטוך! — עס מוז געשאפען ווערען א נאציאנאלע בעוועגונג, וואס זאל זיין א נאציאנאלע אנשטרעגונג. א נאציאנאלער געוואלטיגער ווילען, וואס זאל בעשאפען ט ה א ט ע ן. דאס וועט אפשר אין צוקונפט פרובירען טהון דער היינטיגער אונ־טערקומענדער דורי. ער וועט אבער מוזען אין זין האבען, ארויסצו־רייסען זיך פון אלע גלייכגילטיגע יודישע סביבות, וואס רינגלען איהם ארום. ער וועט זיך מוזען איינלעפען און אנפאסען אין די יודישע העלדען־סביבה, וואס האט אונז בעשאפען ביז׳ן היינטיגען טאג שטאלץ און רוהם — אין דער מאקאבעער־סביבה!

ל. יאקובסאן.

# די יודישע סטודענטענשאפט.

## אין ווארשוי.

גרוי און נישט אינטערעסאנט קומט אויס דאס לעבען פון דער יודישער סטודענטענשאפט אין ווארשוי דעם, וואס קומט אן פון דער «אויסלענדישער קאלאניע». דו פערגעסט זיך יעדער מינוט וואו דו ביסט און דו זוכסט «דעם פעראיין»; דו זוכסט יענעם יודישען סטו־דענט, צו וועלכען דו געהסט צו אין אויסלאנד ווי צו א אייגענעם מענשען און הויבסט מיט איהם אן ריידען מאמע לשון; דו זוכסט די יודישע לעזע־האלע, וועלענדיג איבערלייענען א פרישע צייטונג אדער זשורנאל. אבער אומזיסט. דו זעהסט פאר זיך נאר שטייף פערמאכטע מונדירען מיט בלישצענדיגע קנעפ, דו הערסט נאר די

יודישען ערוואכען ניט געשעפט פון זיינען עלטערען. נור פון ביכער און אויסערליכע איינפלוסען, אין דעם שטעקט א גרויס געפאהר.

דערפאר קען מען נאך מיט איהם ניט זיכער זיין, אז ער זאל מיט דער צייט ניט אנהויבען שוואנקען צווישען אנדערע אידעען אדער אידעאלען. די נאציאנאלע אידעע האט ער דורכגעדענקט, אדער מען האט איהם געצוואונגען נאכצודענקען. ער האט עס אבער ניט דורכגעפיהלט· ער האט עס ניט אנגעהויבען דורכפיהלען, באלד ווי ער האט איבערהויפט אנגעהויבען דענקען· און ביז׳ן היינטיגען טאג, האבען זיך נאך אונזערע אפיציעלע נאציאנאליסטען ניט מישב געווען, אז ס׳איז גלייכער איין יודישע נאציאלע שול צו בעשאפען איידער גאנצע פעק פראגראמען מיט פראפאגאנדע־ליטעראטור· ווען א אנדער פאלק, אפילו דאס מאטעריעל און גייסטיג ארימסטע וואלט צוגעזעהן, ווי זייער שטודירענדע יוגענד ווערט בעהאנדעלט אין די אוניווערזיטעטען ווי די יודישע· וויעפיעל שמאך און ערביטערונגען זיי האבען אויסצושטעהן אי ביי זיך אין דערהיים· אי ביי פרעמדע· וואלט זי שוין לאנג געקלעהרט· וועגען שאפען פאר זיי א אייגענע היים. ניין, זי וואלט ניט געקלעהרט, נאר מיט אלע איהרע כחות וואלט זי געארבייט אויפצושטעלען אזא גרויסען נאציאנאלען בנין ווי א אוניווערזיטעט· ביי אונז הערט מען ניט מעהר ווי מיט־קרעכצען אדער טיילמאל דאס אויך ניט. צי מיינט מען ווירקליך· אז אזא זאך איז ניט אויספיהרבאר? ניין! די איניציאטיווע פעהלט. אט די איינציגע זאך· וואס מאכט גרויס אלע פעלקער. אונזער איניציאטיווע האט דער האנדעל איינגאנצען אויפגעפרעסען· און פאר אלעם אנדערען האבען זיי געלאזען נור גלייכגילטיגקייט· איראניע און סקעפטיציזם. די מענשען האבען צווישען זיך אבגעשמועסט א געזעץ, אז די יונגע ברויכען לערנען ביי די עלטערע· דער דאזיגער געזעץ· קען אין דער בעציהונג פונ׳ם היינטיגען יודישען עלטערען דור צום יונגערען ניט גילטען. ניטא· גאר ניט וואס זיך אבצולערנען ניט ביים רעכטען און ניט ביים לינקען פליגעל פונ׳ם היינטיגען

דאס זענען די ביידע עקסטרעמע זייטען פון היינטיגען יודענטום וואס אבער איז אינ׳ם „גאלדענעם מיטען״ געפונען געווארען? א קליינע צאהל אויפריכטיגע יודישע דענקער מיט זייערע בעגרענצטע צוהערער; א קליינע צאהל נאציאנאלע טהעארעטיקער מיט זייערע לעזער. די ליידענדע און די מאראליש-ליידענדע און וויטער-שטע-הענדע הערען זיך צו ווי פון א חלום ווענען דעם, וואס עס געהט פאר. און צו געהט טאקי עפּעס פאר? צו איז דא א מאל ניט די גאנצע „אויפלעבונג״ איין גרויסע פראזע?

צו איז דאס זאמלען אויפ׳ן נאציאנאל-פאנד א סימן פון אויפלע-בונג? ליעגט אפשר דער סימן דערין, אין דער ענטוויקלונג פון דער יודישער פרעסע? אדער אין דעם, וואס מיר ווערען זיך פערצווייי-פעלט געגען אנטיסעמיטישע אנפאלען? א, ניין! יעדער אויפריכטיגער ציוניסט ווייסט, אז נדבות פאר׳ן נאציאנאל-פאנד ווערען פון פאלק ניט געטראגען אין אזא מאס, אז מען זאל אין דעם דערקענען אוי-סערגעוועהנליכעס. דאס פאלק גיט ניט פאר׳ן נאציאנאלפאנד קיין קרבנות. און ניט דערפאר „וואס די ציוניסטישע אידעע געפעלט זיי ניט, נור ווייל זיי האבען ניט קיין טיעפע עמפפינדונג דער צו; די יודישע פרעסע פערברייט זיך צוליעב א אביעקטיווען טעם. איהר פערברייטונג און ענטוויקלונג האט זי צו פערדאנקען דער צייט אין וועלכער זי לעבט און ניט קיין אינערליכען דראנג.

מען וועט דאך מוזען מודה זיין, אז די גרעסטע טייל נאציאנאלע ארבייטען פון דער לעצטער צייט, זיינען ניט מעהר ווי רעפלעקסען פון אנדערע, פונקט פערקעהרטע, יודענפיינדליכע טהאטען.

די סביבה, ארום וועלכע עס ענטוויקעלט זיך דער נייער דור איז אוננארמאל, נאכלעסיג און אהן גלויבען אין דער אייגענער קראפט. דער יונגער דור, האטש פון טאג צו טאג ווערט ער אלץ מעהר יודיש-בעוואוסטזיניגער, מיט א אמת „אייראפעאישען״ נאצי-אנאלען שטאלץ, פעהלט איהם אבער זיין ווארצעל, פון וואנען ער זאל ציהען זיין לעבענסקראפט. ער האט די בעגייסטערונג פאר׳ן

געבליבען הארט און אונבעוועגליך? האט זי פערלוירען איהר נאצי־אנאלע אמביציע, וועלכע זי האט אזוי לאנג העלדיש אויסגעהאלטען אין פערלויף פון טויזענדער יאהר? אפשר, יא! די נאציאנאלע אמבי־ציע, דער נאציאנאלער עגאאיזם איז פערפלאכט און פערטעמפט געווארען, דאס אלץ האט די צייט פון אונז געמאכט. א לאנגע צייט, פון א ס׳ הונדערטער יאהרען, וואס דאס פאלק האט געמוזט קעמפ־פען פאר דער אותו־שעה, פאר דער היונה און פאר׳ן דת׳ קיין גרויסע צוקונפטספלענער האבען ניט געקענט דעמאלט ארויפשווימען. און אט, האט אנגערוקט דאס צוואנציגסטע יאהרהונדערט, וואו מען האט זיך סוף כל סוף געמוזט שטעלען א אלטערנאטיווע: זיין אדער ניט זיין. אויף א ארט שטעהן איז אונמעגליך. עס מוז א פלאץ געזוכט ווערען צו לעבען נארמאל, ווייניגסטענס, מוז א אופ׳ן געזוכט ווערען ווי אזוי צולעבען נארמאל, אדער איבער־הויפט ניט צו לעבען זעלבסט שטענדיג, און עס זיינען ענטשטאנען, איינס נאכ׳ן אנדערען, נאציאנאלע בעוועגונגען — ניט קיין נאציא־נאלע בעוועגונג!

III.

ערשט דעמאלט האט מען ארויסגעזעהן, וואסערע פאלשע מעט־האדען די פיהרער זיינען געגאנגען אנווענדען, כדי דאס פאלק צי בעוועגען. מען האט געוועקט צו א אויפלעבונגס ארבייט אלטע בעל־בתים, וואס זיינען טיעף מיט זייער גאנצער לייב און לעבען אריינ־געטהון אין זייערע געשעפטען און טעגליכע דאגות.

מען האט גערופען צו אויפלעבונג א דור, וואס איז פון איין זייט טיעף ביז צו דער נשמה פערזונקען אין אונוויסענהייט און פאנאטיזם און פון דער אנדערער זייט אנגעשטעקט מיט דער אייראפעאישער ציוויליזאציע אויף דער לינקער זייט און וועלכע איז ביז טיעף אין דער נשמה קנעכטיש געווארען, וועמענס איינציגער אידעאל איז, די מאסקע פון זייער פנים צו פערפאלשטענדיגען, אז זי זאל האבען א אויסזעהן פון א אמת׳ן פנים.

דירעקציע.

ס'איז אוועקגעלעגט געווארען א סך קאפ־ארבייט וועגען דער טהעאריע פון דער היינטיגער נאציאנאלער בעוועגונג ביי יודען. זאלען די דאזיגע טהעאריען, וועלכע זיינען ארייגעבריינגט געווא־רען אין דער יודישער גאס פון א הייפעל נאציאנאלע דענקער, זא־לען די דאזיגע טהעאריען זיין א אמת'ע אבשפיגלונג פונ'ם איצטיגען יודישען לעבען? ס'איז דערביי ערלויבט צו צווייפלען. סאציאלע טהעאריען ווערען אין דער וועלט בעשאפען נור אויפ'ן סמך פון דורכגעלעבטע פאקטען פון די פעלקער, אויב ניט זענען עס גאר אוטאפיעס. מודה זייענדיג, אז זיי שרייבען פאר יודען, און פיהלען אלס יודען, קען דער נאכקלעהרער דערקענען איין פאקט, וואס אויב אפשר קיינער האט איהם ביז איצט ניט געזאגט, האט עס אבער יעדער געפיהלט און איז פערשידענע אנדערע פארמען ניט איינמאל שוין ארויסגעזאגט געווארען: די מעדיצינער פון יודישען קראנקען גוף און נשמה האבען זייער שטודיום און פראקטיק דורכגעמאכט אין פרעמדע קליניקעס, זיי האבען פראקטיצירט ביי מענשען פון אנדערע פעלקער, וועלכע זיינען פיזיאלאגיש און פסיחאלאגיש אנדערש געבויט ווי דער יודישער. און אט דעם קראנקען יודישען גוף, פערשרייבען זיי רעצעפטען, וועלכע זיינען אפשר זעהר גוט און אנגעמאסטען פאר זייערע אמאליגע פאציענטען, דער יודישער גוף און נשמה קענען זיי אבער ניט פערטראגען. עס העלפט ניט וואס דעם רעצעפט האט מען א יודישען נאמען געגעבען, דער יודישער קערפער האט וואונדען אויף זיך, וואס קיין אנדערער מענש ווייס פון זיי גארניט און קען זייער נאמען אפילו ניט. אט צו די ספעצי־פיש יודישע קרענק מוזען בעשאפען ווערען יודישע רעצעפטען, ספעציעל טאקי בעשאפען ווערען פאר איהם.

און וואס אייגענטליך ליעגט דער טעם, וואס ניט קוקענדיג אויף אלע אנשטריינגונגען פון דער ציוניסטישער, טערריטאריאליסטישער און אלע אנדערע פארטייען מיט נאציאנאלע ציעלען, איז דאס פאלק

II.

ס׳זיינען דא מענשען וואס גלויבען אין גארניט. אלץ איז ביי זיי א ליגען. אנדערע גלויבען אין איין איינציגען גאט, דעם בעל הבית פון דער ערד און אלץ וואס איז נור שייך צו איהר. נאך א קאטעגאריע מענשען זיינען פארהאן, וואס האבען א גוואלדיגען דרך ארץ און פערעהרונג פאר אלע געטליכקייטען: ס,איז גענוג דערצו, אז זיי זאלען ענטדעקען אין וואס עס איז, א שטיקעל ליכט אדער נור א פונק פון מאראלישער שעהנקייט, — דעמאלט איז עס שוין ביי זיי הייליג. מעג אפילו דער יסוד פון דער נייער פערעהרונג אדער פערגעטערונג לחלוטין ניט איינשטימען מיט זייערע פון פריהער אנגענומענע פרינציפען! דאס איז שוין אזא מין ראמאנטישער טריעב. ס׳איז אין דער געשיכטע בעקאנט, ווי די קריסטען פון צווייטען יאהרהונדערט, האבען ניט קוקענדיג אויף זייערע גוואלדיגע מאראלישע אנשטרענגונגען, זיך ניטגעקענט בעפרייען פון דער היידנישער קולטור און פילאזאפיע; און איינחזר׳נדיג אין זייערע פרומע מחות די קריסטליכע לעהרע, האבען זיי ביז אין די ווייטע יאהרהונדערטער ארייין געלעבט היידניש, ניט אבגעבענדיג זיך דערויף אפילו קיין רעכנונג אליין אפשר ניט דערפיהלענדיג דאס. דאס זיינען נאטירליכע סימפטאמען פון א איבערגאנגס־פעריאד. ווען מען פערלאזט א לאנגע, הונדערטער אדער טויזענטער יאהר אלטע טראדיציע, ווען מען שטעלט זיך אויף א שיידוועג כדי אויפ־צוזוכען, און ווען עס געלינגט ניט, דאן — אויפצושנארען א נייע ריכטליניע פאר׳ן גייסטיגען לעבען — כאפט מען זיך אן אין יעדען בליאסק. אין יעדען פונק: „אט, אט, דוכט זיך, איז דא א אמת, לאמיר איהם כאפען!״ און יאגענדיג זיך נאך איהם ווערט דער פונק פער־לאשען און זיי בלייבען ווייטער אין דער פינסטער... די יונגע יודען האבען די טראדיציע אוועקגעווארפען — אלענפאלס פיהלען זיי זיך ווי ניט גוט בעפעסטיגט צו דער לאנגער שנור פון אונזער געשיכטע זייער געהן איז ווי פון א שכור׳ן, אהן א בעשטימטער ווענדונג אדער

יודענטום. — דער חסידיזם, וואס אונזער גרויסער פרץ האט עס אין א מילד מלאכ׳ל און הימלישער גרויסקייט פעראייביגט, ווייזט זיך גאר ארויס, אז ס׳איז א שווארצע ראבע געווארען; א ווילד בעשעפניש וואס דאס דענקענדע יודענטום האט פערגעסען איהר אין די צאהם צו האלטען. — די דאזיגע סביבה איז ניט נור אבשטויסענד זי איז אויך געפעהרליך אין אלע אופנים פאר דער נאציאנאלער אידעע און פאר די „צוריקגעקומענע” דער גרעסטער טייל פון די היינטיגע יו־דען איז, א חוץ דעם, א פאסיווער שטיק חומר, וואס «אויפלעבונג» ליגט איהם ניט אין דער לינקער פאה. דאס קען מען זעהען, לויט דעם אינטערעס, וואס עס ערוועקט פראפארציאנעל ביי זיי יעדע נא־ציאנאלע אונטערנעהמונג. די אידעען: ציוניזם, טערריטאריאליזם און אלע אנדערע יודישע „איזמען” זיינען געבליבען לעבען אויף די פראגראמען און אין ביכער, און וואס א יודישער לעזער לייענט עס נאך היינט אי אהן הארץ, אי אהן בעגייסטערונג. קאלט, ווי אייז, איז דאס היינטיגע יודענטום; קאלט, ניט קוקענדיג אויף אלע מאטע־ריעלע און מאראלישע יסורים וואס עס ליידט איבער. ווען מען בלעטערט דורך די וועלט געשיכטע און מען זעהט, וויעפיעל שווא־כע אונטערדריקטע פעלקער, פלעגען מיט א פערצווייפעלטער אי־בערמענשליכער אנשטרענגונג, איינמאל פאר אלע מאל אנ׳עק מאכען אדער צו זייער לעבען אדער צו דעם לעבען פון זייערע פייניגער; ווען מען דערמאהנט זיך, אז די יודען האבען אויך געהאט אויף זיך דיעזלבע ראל, ווערט שרעקליך ביטער און נודנע אויפ׳ן הארץ, זעהענדיג אונזער היינטיגען היהנער־פלעט צושטאנד. דאס פראנצויזישע פאלק — אט דער קולטורעלער ריעז! — פרעדיגט היינט א «effort nationale» און די „אלטע” יודען זיצען און געני־צען און פערגיסען טרעהרען, אמת׳ע צו ניט אמת׳ע אויף יודישע ליידען, וואו איז די גוואלטיגע איניציאטיוו, וואס ברויך זיך געפינען ביי א פאלק אין אזא מאמענט?

יעדען שריט טיראניש קאנטראלירט.

ווען זיי האבען זיך אין עפעס פערשולדיגט, האט מען זיי שוין מעהר ניט געמשפט ווי «מענשען», נור ווי י ו ד ע ן, ווי שיילאק׳ן אדער יודאס׳ן. די לאגישע נויטווענדיגקייט און אפשר די געפיהלס־נויטווענדיגקייט האט זיי פון אייראפא אבגעשטויסען; זיי האבען זיך געטראכט: אנ׳ארימע היים אבי א אייגענע, אויס אומגעבטענע געסט! א חוץ דעם האבען זיי פאר זייערע אויגען דערזעהן, ווי די שטארקע די מעכטיגע פעלקער, די פעלקער מיט קאנאנען האבען די קאסמא־פאליטישע אידעע פעררי̇קט ערגיץ אין א ווינקעל. אין די אלטע פערשימעלטע ביכער און ארחיוען און אליין האבען זיי מיט זייער גאנצער ענערגיע זיך צוריקגעגעווארפען אין דער שויס פון דער נאציאנאליסטיש־שאוויניסטישער בעוועגונג. א בעוועגונג, וועלכע איז ניט געבליבען אהן אנ׳אבקלאנג אפילו ביי די עקסטרעם לינק־סטע שיכטען פון די פאלקסארגאניזמען.

אט די צוויי פאקטארען האבען דעם יונגען דור פערטריבען פון ז י י, אבער וואוהין איז דער דאזיגער דור געקומען? אוועקגעהענדיג פון „אייראפא”, האבען זיי געהאט בדעה צו געהן צו זיך אהיים צו זייערע עלטערען און טראדיציעס. נאכמעהר: זיי האבען געמיינט צו געפינען א סביבה פאר זיך, ווייל אהן א געהעריגער סביבה ווערט יעדער זאך פויל, קאלט און ווילענלאז. די סביבה שטופט צו גרויסע טהאטען, זי בעאיינפלוסט דעם כמות פון די טהאטען, און גיט ענער־גיע די אלע, וואס ווילען טהעטיג זיין.

אבער באלד, ביים אנקומען, האבען זיי דערזעהן זייער טעות איראנישע קאלטע געזיכטער האבען זיי בעגעגענט, א סך העסליכע פנים׳ער, און צו דעם אלעם א אונערטרעגליכע לופט. דאס אלט־מאדישע יודישקייט, וואס זיי האבען עס אין זייער פאנטאזיע ווי א ראמאנטישע שענהייט אויפגעפאסט, האבען זיי געטראפען פערשי־מעלט און אהן א טראפען זאפט און לעבען, וואס ווייטער ווערט עס אלץ העסליכער. קיין האר דערמאהנט עס ניט דאס א מ א ל י ג ע

צום גרעסטען טייל אנ׳אבשפיגלונג פון דער אומגעבונג וואס ארום איהם. נור א פענאמען איז עס, ווען ס׳זאל צום ב. ש. אויף א זומפּ אויסוואקסען א שמעקענדע רויז, אין דער ווירקליכקייט זעהען מיר דאס ניט. רויזען וואקסען, בליהען און דופטען נור אין א פעלד, און פערלאנגען, אז די זון זאל זיי ווארימען, א זיידען ווינטעל זאל זיי גלעטען און דער רעגען זאל זיי, ניט אהן א מאס, בעפרישען.

אויף א שלעכטען באדען קענען נור זיין ווילדע געוויקסען, אהן א טראפען שענקייט.

דער באדען, אויף וואס א נייער דור שטעלט זיך, כדי ווייטער צו ציהען דעם פאדים פון „ז י י ן" — דאס איז דער פערגאנגענער דור, די טראדיציעס. אט די טראדיציעס, חאטש די צייט גיט איהר אנדערע פארמען, בלייבען זיי אבער שטענדיג אין זייער אינערלי־כען וועזען די זעלבע.

בעת אבער מיר זעהען איצט און פ י ה ל ע ן, ווי די יודישע יוגענד ווערט בעוואוסטזיניג, מיט א געזונדען נאציאנאלען אינסטינקט, ווי זי ארגאניזירט זיך און פארבערייט זיך אויף דער נאהנטער צו־קונפט צו א אינטענסיווער, ענערגישער נאציאנאלער אויפלעבונגס־ארבייט, שטעלט זיך א קשיה: צו האט זיי דערצו דער גרעסטער שטופ געטהון דער אלטער דור, אדער אפשר איז דאס א «אויסערליכער־דרוק», צי איז דאס א אבקלאנג פון דער נאציאנאליסטישער בעווע־גונג וואס געהט איצט פאר א ר ו ם אונז, אין גאנץ אייראפּא?

אהן ספק האבען די לעצטע צוויי אורזאכען געהאט א ווירקונג אויף דעם, וואס קומט איצט פאר ביי׳ם יונגען יודישען דור. די ענ־טוישונגען, וואס זיי האבען בעגעגענט אינ׳ם ניט־יודישען פּראגרע־סיווען לאגער האט זיי גענוג געגעבען צו פערשטעהן, אז זיי האבען דארט ניט מעהר קיין פלאץ, אז זיי זיינען אורחים ביי א פרעמדען טיש. זיי האבען עס דערפיהלט. לויט דער האלב־רחמנות׳דיגער האלב איראנישער בעציהונג צו זיי מצד דער קולטורעלער וועלט. די לעצטע, וועלענדיג זיי זעהן צווישען איהרע רייהען, האט זיי

צופלאמטען פנים צוריק··· און אין א רגע הויב איך זיך ווייטער ארויף·· שטעה ביין טיהר און הער ווי מיין הארץ פאכט, עמיצער האט פון אונטען א קלאפ געטאן די טיהר פון ארייננאנג און איך קלינג אן··
כ׳האב פערביסען די ליפען ביז וועהטאג··· וואס האב איך גע־טאן?... כ׳וויל אנטלויפען.. נור די פיס ציטערען און די טיהר עפענט זיך···
איך פרעג און מען ווייזט מיר זיין טיהר··· כ׳קלאפ און געה ארײן··
וואס איז מיט מיר געוועזען ווייס איך ניט··· כ׳געדענק נור די ווערטער:
— ווערט בעקאנט, מיין כלה···
און פון דעמאלט אן איז אויסגעלאשען אלץ... צו אלץ בין איך גלייכגילטיג·· מיר דוכט, אז איך קאן טאן, וואס די מאמע הייסט חתונה האבען אפ פאר׳ן אלטען געלדיגען זאק·· אדער פאר דעם אליין·· אדער פאר וועלכען באכציקעל פון גאס···
... געוועזען צייטען, וואס איך האב געוואלט עמיצען צו להכעיס אבטהון דאס ערגסטע··· ווארפען זיך אויפ׳ן האלז יעדערען נאך דעם דערשטיקען איהם···
שוין דריי יאהר אראב···
נור איצט האב איך זיך שוין בערוהיגט·· כ׳קאן חתונה האבען פאר ווען ס׳איז··· און ניט חתונה האבען... ס׳איז מיר אלץ איינס··
נור לעבען לעב איך מיט יענער וואלדיגער נאכט··· מיט די מעשיות··· מיט די פינסטערניש און וואלדיגער רוהיגקייט···

י. פאדרוזשניק.

# די סביבה פון יונגען דור.

### I.

יעדעס ארגאנישע וועזען ווערט געבוירען, וואקסט און ענטוויקעלט זיך אין אזא פארם און זאגאר אינהאלט, ווי די סביבה זיינע איז. זיינע כאראקטער־שטריכען און גאנצע פיזיאנאמיע איז

האב איך געגארט שמערצליך געוואלט ער זאל קומען און עפעס זאגען, ערגעץ רופען··· פרעגען... א כ׳וואלט שוין איהם ווייזען ווי איך ליעב איהם! מיין הארץ האט שוין פאר איהם געהאט גענוג ווערטער צוגעגרייט נור גאר נישט... טרעף איך איהם — איז פון אלץ געוועדט — פריינדליך, ליעבליך, מיט זיין אנגענעמען קול, ווי געווען — — ווייטער אויף צוויי דריי וואכען···

און ס׳האט זיך פאר מיר אנגעהויבען א שרעקליכע צייט פון שווייגען און דולדען··· ניט שלאפען, ניט עסען··· און ניט לערנען··

איך פלעג שוין בעשליסען אליין איהם זאגען··· ארויסצורופען א שמועס אויף דער טעמא... שרייבען... נור כ׳פלעג זיך אבהאלטען··· זיך שעמען און מורא האבען··· און דאס הארץ פלעגט בלוטיגען··· דער קאפ פלעגט דרעהען... און נעכט, אך נעכט... מעהר ניט, ווי מיין אויוועלע ביי וועלכער כ׳פלעג אבשטעהן גאנצע אווענדען און די פינסטערניס פון מיין צימער וויסען עס···

ס׳איז שוין געווען אסך שנעע אויפ׳ן גאס. שוין עטליכע וואכען זיינען געווען גרויסע פרעסט. און — איך פלעג אלץ ווארטען און קוקען אט־אט קומט ער... אט־אט...

בין איך איינמאל — כ׳געדיינק ניט ווי אזוי — ארויס און בין לאנג אומגעגאנגען איבער די גאסען. בעסער אויף דער גאס וואו ער האט געוואוהנט... א שכור׳ער האט מיך א שטויס געטאן און איך האב זיך ארומגעקוקט... כ׳בין געשטאנען און געקוקט אויף זיין פענ־סטער׳ וואס איז געווען בעלויכטען אויפ׳ן דריטען שטאק. מענשען זיינען געגאנגען פארביי מיר איך בין אנטלאפען.. דאס הארץ האט ביי מיר געקלונגען··· אין די אויערען געקלונגען...

און אט בין איך שוין ווידער אונטער זיין פענסטער··. כ׳ווייס אליין ניט ווי אזוי -- כ׳געדענק נור, אז מיין הארץ האט שרעקליך געקלאפט, און אין מויל איז געווען טריקען — און אט הויב איך זיך אויף די טרעפ··· שפאר זיך אן אין די פארענציעס כ׳זאל ניט פאלען··· כ׳קום ביז זיין טיהר, כ׳שטעה אווילע און לויף מיט א

און די פיס האבען מיך קוים אויפגעהאלטען... אזוי קליין און נאריש בין איך געווארען אין מיינע אייגענע אויגען... אין מיין שירץ און גימנאזיסטען־קליידעל...

עטליכע טעג נאכאנאנד האב איך זיך ניט געקאנט בערוהיגען... איך האב אלץ געווארט אפשר וועט ער קומען... ער דארף דאך פערשטעהן...

אין א וואך ארום האב איך איהם געטראפען אין טעאטער. ער איז צו מיר צוגעגאנגען בעת אנ׳אנטראקט. נאך שעהנער איז ער געווען... מיין הארץ האט געקלאפט פאר פרייד... עטליכע שאבלאנע ווערטער. איך האב איהם עפעס געוואלט זאגען... נור... מען האט שוין געמוזט געהן צו די ערטער... ער האט מיך געדריקט מיין האנד זאגענדיג: „מיר וועלען זיך נאך טרעפען"... און ביים ארויסגאנג האב איך איהם געזעהען מיט א גאנצער קאמפאניע... ער׳ט מיך פון ווייטען פריינדליך בעגריסט און... איך בין אוועק מיט אשרעקיכען געמיטה.

אלץ זעלטענער פלעגען מיר זיך טרעפען... ס׳האבען זיך אנגעהויבען רעגענס מיט בלאטע. ווער עס האט נור געקאנט איז געזעסען אונטער פערשלאסענע טיהר און פענסטער. ס׳האבען זיך אנגעהויבען לאנגע אווענדען — — און נעכט — מיט שווערע בלייערנע חלומות...

כ׳האב פאר זיך קיין ארט ניט געפונען...

כ׳פלעג געהן אין טעאטער, אווענדען קאנצערטען... זוכען... און פלעג איך איהם טרעפען — פלעגט ער זיין פריינדליך ווי געווען... פלעגט אנ׳אנדערס מאל געהן בעגלייטען, ווען ער פלעגט זיין אליין... און פרעגען ביי איהם?... ריידען אינטימעס?... פלעגט ניט אויסקומען... בשעת ער פלעגט מיט מיר ריידען, — זאגאר פון זייטיגעס — פלעגט זיך מיין הארץ בערוהיגען, און גליקליך זיין — און ס׳וואלט אויסקומען ווי׳לד פאר זיך אליין, ווען איך וואלט אין מיטען דערינען זאגען איהם וועגען מיינע שלאפלאזע נעכט און שרעקעדיגע רעיונות...

און בלייב איך אליין —

אין גימנאזיע האט מיך איינמאל געפרעגט א חבר׳טע:

„אמת?... מען איז דיר מקנא״...

און מיר האט זיך פלוצלינג אויסגעדוכט אז איך בין העכער, שעהנער אינטערעסאנטער פון זיי אלעמען... אז מיך האט מען אויס־געקליבען... איך בין געווארען שטאלץ און גליקליך... און אנשטאט אנ׳ענטפער האב איך די חבר׳טע אזוי פעסט א קוש געטאהן אין די ליפען, אז זי האט שעמעוודיג מיט׳ן ארביל די ליפען געריבען דער נאך און איז אב פון מיר זאגענדיג: „משוגענע״... און מיר האט זיך געוואלט לאכען, שטיפען, ליעבען ארומגענעמען אלעמען, אפילו אונזער קלאסנער דאמע... און דעם אלטישקען דארינקען דייטש...

ס׳איז מיר פלוצלינג אין זינען געקומען: „זיי א מענש, מאך זיך ניט נאריש... זיי שטאלץ און פערדיען זיין ליעבע״...

... נור אט האבען זיך אנגעהויבען די ראש־השנה׳דיגע טעג... ס׳זענען צוריקגעקומען די דאטשניקעס און האבען פערלארען זייער יום־טוב׳דיגען אויסזעהן.. זענען געווארען בעשעפטיגט, פערנומען, ס׳האט זיך עפעס אומגעביטען, איבערגעקעהרט... מענשען, וואס האבען זיך פריהער פריינדליך בעגעגענט, זיינען געווארען פלוצלינג ווייט און פרעמד... מיט פרעמדע ארומגערינגעלט, טיהר און צימער וואגיקער, פוילער מיושב׳דיגער בעזעצט...

ביי מיר האט זיך די צייט צוברעקעלט, צוריסען אויף שטיקלאך, ווי אייז פון טייך אין פריהלינג, און ס׳איז צווישען זיי קיין גלאט־קייט ניט געווען, קיין רוהיגקייט און צופרידענהייט ניט געגעבען... נאאומען פלעג איך כמעט ניט טרעפען. און אויב יא — איז עס געווען אויף א רגע, אין גאס, געאיילט, געלאפען ניט ווי געווען...

און דא זענען אנגעשטאנען די יום־טובים, מיט די לאנגע עסע־נעס, מיט די געסט און וויזיטען און האבען אבגענומען דאס צייט און דאס געדולט...

איינמאל יום־טוב האב איך איהם געטראפען אין גאס מיט צוויי פרויען, אזעלכע גראנד־דאמען, ס׳האט מיר דאס הארץ א יאג געטאן...

דיגע גראז, און פיהלען נאאומען נאהענט... עמיצער האט פארגע־
לעגט מען זאל ליגען שטיל און מען זאל דערצעהלען מעשיות,
אפשר האב איך דאס פארגעלעגט... כ׳געדעק ניט. און פאר וואס איז
דאס דער גורל אויף נאאומען דעם ערשטען? אפשר ווייל איך האב
דאס געוואלט...

— איהר ווילט, חנה׳לע, איך זאל דערצעהלען? — האט ער
שטיל געפרעגט.

און ער האט דערצעהלט... וועגען גזלנים, שדים, וועלף, כ׳ווייס
וואס? די מעדלאך האבען מורא געהאט און געציטערט... און איך
בין זיך געלעגען א רוהיגע, א גליקליכע און האב געשמייכעלט... זיין
קול איז געווען אזוי ריין און אנגענעהם, ווי דער מילדער ווינדטעלע
ווי די סאמעטענע נאכט: פינסטערניש...

גזלנים, שדים, און וועלף האבען מיר זיך אויך אויסגעדאכט
אזוינע גוטע הארציגע און טרייע חברים...

עס האט אנגעהויבען צוטאגען און מיר האבען זיך ניט ארומ־
געזעהן... זענען מיר ארויף אויף א בערגיל, אנגעקוקט דעם זונ־
אויסגאנג... כ׳האב גאר ניט געוואוסט, אז ס׳איז דא אזוינע שעהנע
פארבען אין דער נאטור, אז ס׳איז דא אזוינע זינגענדיגע פייגעלאך
אז די וועלט איז אזוי שעהן, אזוי רייך... מיין גאט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די צייט איז דורכגעלאפען, איך געדענק ניט ווען און ווי אזוי
עפעס גאר ניט זיך ארומגעזעהן, ווי די בארנעס זיינען צייטיג גע־
ווארען, ווי די עפעל האבען אנגעהויבען אליין אראב צו פאלען זיין
אייבסגארטען, וואו מיר פלעג שפאצירען אפט... אט זענען שוין
בלעטער אונטער די פיס... רוישיגע... גאלדיגע... אויפ׳ן הארצען אזוי
גרינג, גוט און רוהיג... נאאום געהט נעבען מיר... ער איז איינער...
חבר׳טעס האבען אנגעהויבען געבען אנצוהערענישען, נור מיר איז,
אדרבא, דערפון געווען פרעהליכער... און זיכערער האב איך געקוקט
אויף זיך און אויף איהם...

איך לויף צווישען קארען, לאך און קלייב. בלויע קארען־בלימעלאך און א ליעבער קול רופט מיך: „חנה'לע״... און איך בעהאלט זיך און שפרינג ארויס מיט א ביכעל אין האנד... און פאטש אין טאוועל לוסטיג און גליקליך...

* * *

און מיר פלעגען זיך טרעפען... יעדען טאג, יעדער אווענד. גאנצע וואכען פלעג איך זיצען אין שטאדט, די עלטערען זאגען; אז איך האב צאהן־וועהטאג און מוז זיי היילען...

מיר פלעגען געהן אין נאהענטען וואלד. אלץ האט געהאט אזא ריינעם און שטילען אויסזעהן אלץ ארום איז כשר, רוהיג און ליעב.

כ'געדענק א שבת —

מיר זענען מיט'ן פאראחאד אוועקגעפאהרען אין נאהענטען דארף, וואו עס האבען געוואוהנט דאטשניקעס. דארטען זענען מיר אומגעגאנגען איבער'ן גראזיגען טרוקענעם וואלד, געווארפען זיך מיט בערעלאך, געקליבען יאגדעס. מיט אונז זענען געווען נאך עט־ליכע בעקאנטע. אלע זענען געווען פרעהליך, פריש און ליעב... מען האט געזונגען, געקלעטערט אויף בערג. נאאום פלעגט ווייניג רעדען, נאר זיין געזיכט איז געווען אזוי מילד און גוט... איך הער נאך איצט זיין שטים בעת מיר זענען גיך ארויפגעלאפען אויף א הויכען בארג:

— חנה'לע איהר זענט מיעד?...

מיר האט זיך געדוכט, אז אלץ לעבט צוליעב מיר, צוליעב נא־אומען.. און די בוימער אזוינע פריינדליכע.. מיר האבען זיך ניט ארומגעזעהן ווי עס איז נאכט געווארען. א! וואס פאר א נאכט, מיין גאט מיין, גאט... ווי בלוי דער הימעל איז געווען, ווי פריינד־ליך די וואלד־פינסטערניש, ס'האט זיך קאפ געדרעהט פון גליק פון וואלד־שכירות..

מיר האבען זיך צוגעזעצט עסען האט איינער פון אונז געבראכט פון א פויערשען שטיבעל, נאר צו וואס עסען?... ס'האט זיך געוואלט אייביג, אייביג ליגען אויף דער ערד, גלעטען איהרע ווייכע שמעקע־

קענען געברויכען אזעלכע פוסטע ווערטער... און זיין פרעהליך...

ס׳איז שוין געווען שפעטליך. א זייגער זעקס פארנאכט. צייט צו געהן א היים — ביז כ׳וועל ארויס פון שטאדט, ביז כ׳וועל קומען. נור ס׳האט זיך ניט געהויבען פון ארט... כ׳בין געזעסען... פלוצלינג זעה איך עס געהט אריין א בעקאנטער: זיין פאמיליען־נאמען געדענק איך ניט. כ׳ווייס נור, אז מען רופט איהם, דוכט זיך, נאאום. א חבר׳טע האט אונז אמאל בעקאנט געמאכט און אנגערופען נאאום... כ׳האב מיט איהם קיינמאל ניט גערעדט. און אין זינען ניט איינגעהאלטען... ער׳ט מיך אויך דערזעהן, האט מיך בעגריסט און איז צו צו מיר. כ׳האב זיך עפעס דערפרעהט. א געזונטער, א הויכער, מיט געקרויזטע שווארצע האר, און ניט קיין לאכענדיגען נארישען פנים...

— זדראווסוואוטע, איהר ערלויבט צו אייך? — האט ער געזאגט און זיין קול איז געווען אזוי רוהיג, פעסט און אנגענעהם, אז כ׳האב דערשפירט אנ׳אנגענעהמע ווארימקייט איבער מיין גאנצען קערפער...

מיר האבען גערעדט און געשפאצירט... לאנג ביז שפעט, צו אונזער שטאדט־דירה האט ער מיך צו געפיהרט, אז ס׳איז שוין געווען ליכטיגלאך, און דארט האבען מיר זיך געזעגענט אויף די טרעפ און האבען נאך ווייטער געשמועסט. פרעהליך און אנגענעהם.

פון וואס האבען מיר גערעדט — געדענק איך ניט. כ׳גלויב ניט ס׳זאל זיין אינטערעסאנט. און פון וואס האבען מיר געקאנט ריידען: ער איז געווען א יאהר 24, בעלעזען געוועזען; איך — א מיידעלע.—

נור די נאכט איז זיך אבגעפלויגען אויף די טרעפ. און פונאנדערגעגאנגען זיך בעת דער סטרוזש האט אנגעהויבען ראמען די גאס.

מיר האבען זיך אבגערעדט טרעפען אויף מארגען צוועלף.

...עפעס שעהנער און ליעבער איז אלץ ארום געווארען אין אונזער דירה מיט אנגעווארפענע פערדעקטע זאכען. כ׳האב גלייך איינגעשלאפען מיט א רוהיגען און גוטמוטיגען שמייכעל אויף מיינע ליפען.

און ס׳האט זיך מיר געחלומ׳ט: דער ברעג טייך... פישעלעך.

— חנה׳לע, דו?... גאט איז מיט דיר... אײנינקע אליין?!...

איך האב זיך געלייגט אין בעטעל און האב זיך פון העלער הויט צעוויינט... מיט אזעלכע הייסע זודיגע טרעהרען... ווי קיינמאל ביז אהער.. איך האב די קישען געביסען, מען זאל ניט דערהערען...

מיין גוף האט געברענט... און דאס האט געצויגען מיט א מאד־נער שמערצענדער ביינקעניש.

א פאר טעג נאכדעם איז מיר געוועזען גרינגער. כ׳האב געגע־סען, געלעזען און געשלאפען.

מעהר קיין דאטשניקעס זענען ארום אונז ניט געווען, פלעגט מען זיך לייגען פריה.

אין עטליכע טעג האב איך אנגעהויבען צו איילען מיט׳ן לעזען, ווייל עס האט זיך מיר געוואלט אין שטאדט... בייטען דאס בוך...

אין שטאדט האב איך געהאט פיעל בעקאנטע, חבר׳טעס און יונגע לייט. כ׳פלעג יעדעס מאל טרעפען בעקאנטע אין גאס, צו כ׳פלעג אריינגעהן צו וועמען, נור כ׳פלעג גלייך חרטה האבען, וואס איך בין אריין, וואס איך האב געטראפען... די מיידלאך פלעגען זיין פערשוויצט, די פנים׳ער אבגעלאזען און צעבראכען, און די בחורים — נאריש צעשמייכעלט...

פלעג איך זיך פון זיי אויסדרעהען אדער געדולדיג הערען וואס זיי פלאפלען.

כ׳האב אומגעביטען דאס בוך און בין אריין אין שטאדט־גארטען. מענשען זיינען געווען פול. מען איז אומגעגאנגען הין און הער, הין און הער, פארווייז, אדער גאנצע חבריות... כ׳האב זיך געזעצט אויף א ביינקעל נעבען אריינגאנג און האב מיט׳ן שפיץ־שירם אומגע־פיהרט איבער׳ן זאמד.

אומעדיג איז מיר געווען.. נאריש האבען זיך מיר אויסגעדוכט די ווערטער און פנים׳ער פון די שפאצירענדע, זייערע וויצען און קאמפלימענטען. איך פלעג כמעט הויך איבער׳חזר׳ן א דערהערטעס ווארט, און מיר פלעגט זאגאר מיאוס ווערען פאר מענשען, וואס

זיסטלאך׳ בחורים׳לאך, געשפאצירט און געשטיפט, געלאכט און גע־
חנ׳ט זיך; א שענינקע בין איך געווען... האט ניט געפעהלט...

ניט איין אינגעל איז געווען אין מיר פערליעבט. נור זאגען, אז
איך האב עפעס איבערגעלעבט, מיין הארץ זאל עפעס וועהטאן דאס
געדענק איך ניט.

נייגיריגקייט, און אפשר דערפאר, ווייל מיר האט זיך געוואלט
זיין א גרויסע... מען זאל נאך מיר «אוכאזשעווען»... די חבר׳טעס
זאלען מיר מקנא זיין...

איך געדענק מיין ערשטען קוש. א גימנאזיסטעל פלעגט זיפצען
און בעטען זיך, איך זאל איהם ליעבען. האב איך איהם צוגעזאגט
האט ער מיך פון פרייד ארומגעהאפט און מיך א קוש געטאן. האב
איך איהם... אין די ליפען... ס׳איז געווען אין אווענד, אין א הינטער
געסעל. און איך האב נאכדעם געפרעגט, וואס האפט מען זיך דאס
קושען, וואס געפינט מען דערינען... אומזיסט רעדט מען אזוי פיעל
פון דעם...

א פנים, אז דאס מאל האט אין מיר ערוואכט די פרוי... איך פלעג
געהן מיט דער שוועסטער און נאך א פאר מיידלאך באדען זיך...
פלעג איך זיך מאדנע שעמען... קיינמאל איז דאס ניט געווען מיט מיר..

דאס גאנצע לייב פלעגט מיר ברענען... און דער אטהעם פער־
האפען... כ׳פלעג זיך שעמען די אויגען אויפהויבען...

און דער ברעג טייך׳ די קליינע גרינע גרעזלאך, פון ווייטען די
זון אויף די בוימער, די קיהלע מחיה׳דיגע לופט, דאס געשריי פון די
קיה אויפ׳ן פעלד פלעגען מיך וועקען׳ ציהען, בייגקענדיג מאכען
ביז וועהטאג, ביז קלעמעניש.

די מאמע פלעגט זיך קלאגען פאר׳ן טאטען, וואס איך עס ווע־
ניג. איינמאל בייגאכט א פנים שפעטלאך, אין מזרח־זייט איז שוין
געווען גאנץ ליכטיג, איז זי ארויס פון שטוב און האט מיך דער־
זעהן זיצענדיג נעבען טיר. זי האט זיך דערשראקען און שטארק
פערוואונדערט, כמעט ווי א געשריי געטאן:

ציטערט דער ביי...

— ווען ביי נאכט?... פרעגט פערוואונדערט דער אלטער... —

— ניין, כ׳וועל ניט געהן... — זאגט באריס אונבעשטימט.

---

הילכיגע פראסטיגע טריט פון א סך מענשען האבען זיך דער־הערט אויפ׳ן גאס — באריס האט זיך אוועקגעשטעלט ביים זייט פענסטער און גנבה׳דיג פון אונטער׳ן פארהאנג ארויסגעקוקט... ווען מען האט דעם מת פארבייגעטראגען האט איהם אגרויסע פרייד ארום גענומען און ס׳האט זיך איהם זינגען פערוואלט...

לייב יאכנאוויטש.

# חנה׳לע.

(ערצעהלונג).

געווען איז דאס אין אזא טאג, ווי היינט, אנפאנג׳ס פריהלינג, מיר האבען שוין געוואוהנט אויף א דאטשע, אין א קליין פויעריש־שטיבעל, דריי ווייארסט פון שטאדט.

איך פלעג לויפען אין שטאדט, זאגענדיג די עלטערען, אז איך דארף בייטען א בוך, אדער זעגענען זיך מיט א חבר׳טע, און פלעג בלייבען דארטען נעכטיגען. און אויף מארגען פלעג קומען אויף דאטשע, זיין אונגעדולדיג, ביז שפעט ביינאכט זיצען אויפ׳ן גאניק מיט מיין עלטערער שוועסטער און האלב ריידען, זוכען חלום׳ען, אונטערזינגען אומעטיגע ליעדלאך.

איך פלעג פאר זיך קיין ארט ניט געפינען, כ׳האב געפיהלט, אז עפעס פעהלט מיר, און כ׳האב ניט געוואוסט וואס... איך בין דע־מאלסט איבערגעגאנגען אין זיעבעטען קלאס, א יאהר אכצען. און מיינסט, אז איך בין געווען אזא נאאיווע, כ׳האב מיט קיין אינגעל קיין מגע־ומשא ניט געהאט? אדרבה, זינט איך געדיינק זיך, נאך פון צווייטען קלאס אודאי, בין איך שוין ארומגעגאנגען מיט גימנא־

— פייער... בליצט ארום דורך א געדאנק ער שטרעקט אויס די האנד און זוכט די שוועבעלעך, ער ווייס ער געדיינקט אז ער האט זיי אויף דעם ארט פאר׳ן שלאף אוועקגעלייגט — נאר די האנד זיינע ציטערט און שפרינגט און קען ניט אנטאפען.

פלוצלונג האט ער זיך א טרייסעל געטאהן ווי אנ׳אונטערגעהאקטער— בלוט!··· האט ער א כארכעל געטהון און אבגעריסען די האנד —

און ווייטער שטיל אין צימער נאר זיין שווערער אטהעם רייסט — און זיינע אויגען שטעכען דער פינסטערנעש כ׳וועל אנ׳הוילער לויפען... קלערט ער אין אנגסטען, כ׳וועל די הויזיגע אויפוועקען... און ער לויפט צום טהיר און קען די טהיר ניט טרעפען — ענדליך ער האט איהר... א מורא׳דיגע אומה נעמט איהם אן ער שרעקט זיך די טהיר עפענען דארטען ווארטען די אויגען אויף איהם און א פאר אויסגעשטרעקטע הענד דער ביי שטעהט דער אלטער... ער דערקענט איהם מיט איין אויג··· מיט א לאמטערנע צו די פיס...

וואס האב איך געטהון··· וואס האב איך געטהון··· רייסט ער זיך די הויט פון קאפ — דעם מקבר איבער געגעבען שוין צו שפעט... שוין צו שפעט···

און צוריק שליידערט ער זיך אויפ׳ן בעט און גראבט דער קאפ איין... בייסט בלוטיג די ליפען און כארכעלט: דער טויט... נאר דער טויט...

— — — — — — — — — — — — — — —

די ווינטערדיגע זון האט אריינגעשיינט אין צימער —

אין דער זעלבער צייט האט ווער צו באריסען געעפענט די טהיר — און דער אלטער חיים איז אריין.

— די לויה שוין באלד זאגט ער.. מען טראגט דא גלייך פאר־ביי — כ׳בין דיר געקומען זאגען טאמער ווילסטו מיטגעהן.

ראזענפעלד איז אויפגעשפרונגען פון געלעגער און צוגעלאפען צום פענסטער — ער האט דערזעהן גרופפעס מענשען געהען דורך און האט מען איהם נאך געכטען ניט בעגראבען?··· פרעגט ער און

עפּעס האָט זיך צוגעזויגט צו זיין האַרץ און ציהט דעם חיות אויס — ער פערבריעכט די הענד — וואָס האָב איך געטהון... וואָס האָב איך געטאָהן?... שרייט ער אויס און ווידער פערציטערט ווערטער — ווייטער האָט יענע מאָדנע געשטאַלט אשווינדעל געטאָהן...

א קאַלטער שווייס בעדעקט איהם און ער ציהט זיך אין אונמאַכט אויס. נאָר א מאַטערענדער געפיהל הויבט איהם צוריק פון געלעגער און מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגען קוקט ער אין דער פינסטערער טיעפענעש און קלאָר בולט זעהט ער דעם שליטען מיט די פערבלוטיגטע שטרוי דעם אויסגעפּלאַסטעטען קערפּער און ער פיבערט פון פחד ער האָט די אויגען דערזעהן...

ער מאַכט א גוואַלדיגען אנשטרענגונג — זיין גאַנצער געדאַנק שטורמט אין קאָפּ — ניין רעדט ער צו זיך און טרייסעלט דערביי מיט'ן קאָפּ — ס'קען ניט זיין —

אָפּונק פון האָפנונג פערגנבה'עט זיך ביי איהם. — ער איז טויט געוועזן — כ'האָב אהרונציק'ן ניט בעגראָבען קיין לעבעדיגען... ס'קען ניט זיין... ער איז טויט געוועזן... נאָר טויט געוועזן...

— פאַר וואָס טויט?... האַפּט ער זיך ביין געדאַנק און וויל זיך סטראַשען מיט'ן פינגער... ער שמייכעלט ווילד — ווייל כ'וויל אזוי... און יענע אויגען קוקען ווייטער אויף איהם... האַלב־אָפענע רעט־זעלהאַפטע אויגען...

ער טרייסעלט זיך פון אשרעקליכען שווידער, ער קען זיין בליק פון די משונה'דיגע אויגען ניט אברייסען ער לאָזט אראָב זיינע בארוועסע פיס אויף דער ערד, זעצט זיך אויפ'ן קאַנט פון בעט, און שטרעקט די הענד אויס...

רוהיגער איז איהם געוואָרען... די אויגען האָבען זיך אבגערוקט און פערשוואומען אין ווינקעל — —

כ'מוז עפּעס טהון קלערט ער שווער... נאָר וואָס זאָל איך טהון?... פרעגט ער זיך ווייטער... כ'מוז פערריכטען מיין פעהלער... כ'וועל לויפען אנזאָגען... בעשטימטער...

ער זאל זיך נארען... ער האט בעשטימט דערהערט אשארך ווי מען זוכט עפעס אין קוסטעס בשעת מען קלויבט וואס...

גנבה'עט זיך ווער?... קלערט ער און אהרונציק קומט איהם אויפ'ן געדאנק — צוזאמען מיט איהם... טראכט ער און וויל ווייטער ניט קלערען...

נאר ווידער שטיל... ער הערט זיך איין... ניין, ניט מעהר... איהם דוכט אז ער איז רוהיגער... ער לעגט דעם קאפ אויפ'ן קישען נאר די אויגען צו מאכען שרעקט ער זיך...

— וועלכע משוגענע געדאנקען... קלערט ער מיט וועהטאג, ניין ס'קען ניט זיין... ער איז ניט געווען קיין לעבעדיגער...

— פאר וואס האב איך קיין בראם ניט ביי זיך?...

— פאר וואס קען ניט זיין?... פרעגט ער זיך איבער און אנ־אומעט פאלט אן אויף איהם — ווער ווייס... כ'וואלט איהם נאך העלפען געקענט... אנ'הארץ האט דאך געקלאפט... שטיל...

— ער דערמאהנט זיך פלוצלונג אן חלום אויפ'ן וועג און זיין מויל קרימט זיך אין א שמערצליכען שמייכעל: שעהן איהם געקושט... אנ'הארץ האט געקלאפט און כ'האב געשוויגען...געהייסען צונעמען... פון די אויגען... קאלט איז מיר געווען... אמענשליכער לעבען און קאלט איז מיר געווען... פאר דער מאמען זיך געשראקען און אין שטוב ניט גענומען אקליין קינד בין איך נאך און הייל מענשען — נעהמט איהם צו... און א לעבעדיגען בעגראבען... ס'האט מיר ניט געפאסט און אנ'הארץ האט געקלאפט זיין הארץ... בעשטימט זיין הארץ... — — — זיינע... נאר זיינע... —

און דייטליך קלאר הערט ער אין דער שרעקענדער שטילקייט ווי אנ'הארץ שלאגט און יעדעס קלאפ שלאגט איהם ווי מיט האמערס אין די שלייפען...

אין פערצווייפלונג שליידערט ער זיך איבער'ן געלעגער און ווידער דער זעלבער דינער שארפער געדאנק: א לעבעדיגען בעגראבען... אלעבעדיגען בעגראבען...

פּען שלאָף שאַרף — דין אַשטאַך געטאָהן און אויפגעוועקט... ער וואַרט אָב אַ ווײַלע... לעגט זיך צוריק און מאַכט די אויגען צו, נאָר מעהר אײַנשלאָפען קען ער ניט... נאָך ערגער, דער דינער, שאַרפער געדאַנק צעוואַקסט זיך אין אַ שרעקליכער אונרוהיגקייט און פער־פּולט די נשמה...

ער וויל זיך אַברייסען פון דער אונרוהיגקייט און אײַנשלאָפען איבער גוואַלד... ער דעקט זיך איבער׳ן קאָפּ איבער נאָר ער רייסט די דעקע אַרונטער... עפּעס אַ מאָדנע געשטאַלט האָט איהם פאַר די אויגען אַ שווינדעל געטאָהן...

— ס׳איז אומגעזונד צו ליגען מיט אַנ׳איבערגעדעקטער קאָפּ דערמאָהנט ער זיך און וויל זיך בערוהיגען...

ווי שפּעט איז שוין איצט?... קלערט ער ווייטער, ס׳טאָגט נאָך ניט... און ער קוקט זיך צו צו אַשטיקעל אַבגעדעקטע שויב אין דרויסען אַרײַן — ס׳אַרא שענע האַלב־ליכטיגע נאַכט... מורמעלט ער — נאָר באַלד רייסט ער די אויגען אַב, עפּעס שלעכט איז איהם געוואָרען זיך צוקוקענדיג, אין דער ווייסער האַלבער ליכטיגקייט האָט אַ שטאַרע האַלב־אָפּענע אויג אָפּינטעל געטאָהן...

— וואָס איז מיט מיר?... פרעגט ער זיך אונרוהיג — גאַלאַצי־נאַציעס — און ער ווענדט די אויגען אַב.

נאָר ווידער ציהט איהם אַקוק טהון אויפ׳ן זעלבען אָרט...ווייטער קוקט אויף איהם אַ שטאַרע האַלב אָפּענע אויג...

ער ציטערט אויף... וועמענס אויג איז דאָס?... קלערט ער ניט ווילענדיג ער האָט אָנגעהויבען ציטער׳ן פאַר שרעק...

אַצוטומלענדער רעיון איז איהם דורכגעלאָפען... מיט ביידע הענד האָט ער זיך פאַר׳ן קאָפּ אַכאַפּ געטאָהן...

זיינע ווייס ־ געוואָרענע ליפּען האָבען אַרויסגעשטאַמעלט: — אַ לעבעדיגען בעגראָבען...—

אַציטער איז זיין גאַנצען קערפּער דורך... ער האָט עפּעס אין דער פינסטערנעש אַ שאָרך דערהערט... יע אַ שאָרך... ס׳קען ניט זיין

שטאאר אהן געדאנקען פונקט ווי ער וואלט נאך דעם שליטען מיט'ן טויטען געזעהן פאר זיך — עפעס האט איהם באנג געטאהן און ער האט ניט געוואוסט וואס...

— עט, אט דאס איז אהרונציק'ס סוף... — געהט צו דער אלטער חיים און שאקעלט בעדויערענד מיט'ן קאפ. — נאר לאמיר שוין געהן אין שטוב אריין... גאט איז גערעכט... —

ביי באריסען האט זיך אין מארך עפעס אויסגעדרעהט און פער־שאפט, א שארפען וועהטאג... ווי אקינד איז ער נאכגעגאנגען חיים'ן און צוריק אין שטוב אריין.

די מוטער איז געווען שרעקליך פערזארגט און אלע זיינען גע־ווען צוטומעלט.

— נו... נו, — — האט געמורמעלט דער פאטער.

— וואס איז געווען?... וואס איז געווען?... האבען זיך אנדערע געווארפען צו באריסען.

אך, לאזט איהם אב א מינוט... — בעט זיך די שוועסטער — זעהט נאר ווי מיעד ער איז!... —

ווירקליך, באריס האט זיך דערפיהלט שרעקליך אויסגעמאטערט און צובראכען, עפעס אונערטרעגליכעס האט זיך אויפ'ן קאפ ארויפ־געקוילערט און צוגעדריקט, די געדאנקען זיינען אין מארך־שארבען אין אשטיק אייז זיך צונויפגעפרוירען און איבער געוואלד האט ער זיך בעמיהט שמייכלען צו אלע... — גאר ניט.. גאר ניט... האט ער געטענה'ט מעהר צו זיך ווי צו די איבעריגע...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ער האט זיך האסטיג אויפגעכאפט פון שלאף און ווילד זיך ארומגעקוקט...

וואס איז?... קלערט ער ווי צומישט.

א געדאנק האט איהם אין מיט'ן שלאף, אין מיט'ן מיעדען טיע־

רען און שפרינגען נאך מעהר פון פראסט — עס וועהטאגט און שטערט די אויערען מיט די שפּיץ פינגער און ער דרעהט זיך ארום שליטען אצוטומעלטער...

שוין אצייט אריבער און ער קען נאך אלץ צו קיין בעשלוס ניט קומען...

אין עולם האט מען זיך אנגעהויבען ריהרען אונגעדולדיג און אונרוהיג... דעם רופא רופען... דעם רופא... האט אשטימע באריס'ס אויער דערגרייכט — א טיפּער פערדרוס האט איהם א שטאך געטאהן אויף אלעמען און אויף זיך... מעהר אויף זיך — פאר וואס שווייגט ער?.. ווארום זאגט ער גאר ניט? ווארום איז ער אין אזא פערלעגענהייט — דער עולם ווארט דאך אויף זייןווארט...

און נאך אונרוהיגער און גוואלדיגער פערלעגענהייט דרעהט ער זיך ארום שליטען.. פערקוקט אין פנים... טאפּט די בלוט.. און שווייגט, שווייגט...

וואס דאקטאר, מען קען איהם צו נעמען... — זאגט פלוצלונג דער אלטער וועלכער האט צוגעלויכטען מיט דערזעלבער הארטער גרילצענדער שטים, מעהר אויף זיכער ווי פרעגענדיג.

ראזענפעלד האט געציטערט פון קעלט. געשווינד האט ער אומגעדרעהט דעם קאפּ צום אלטען, פריער האט ער גאר אזוי גוט ניט בעמערקט איהם איצט זעהט ער, אז ער איז א גרויער אנ'הויכער און בלינד אויף איין אויג. —

דאס איז דוכט זיך דער מקבר — בליצט באריס'ן דורך א געדאנק — יע ער געדענקט איהם... ער לעבט נאך... ווי אלט... ער ווייס...—

— יע, נעמט איהם צו ... — רעדט ער מעכאניש ארויס...

באריס האט דערהערט ווי אלע האבען אבגעצויגען דעם אטהעם, ארום האט מען זיך גענומען טומלען... אימעצער האט אנגענומען דעם פערד אונטער'ן צוים און אבגעפיהרט ווייטער.

אלע האבען זיך גענומען פארנאנדערגעהן.

באריס איז נאך געבליבען שטעהן אויף דעם זעלבען ארט

שטרוי: ער האט דעם קאפ בעטראכט — פון מויל האט זיך פער־גליווערטע בלוט געצויגען, די אויגען אבער זיינען האלב אפען גע־ווען און מיט א מאדנעם אב שיין...

— לעבט ער?... פרעגט ער זיך ווידער און מאטערט זיך אנטא־פען דעם פולס...

נאר די פינגער זיינע זיינען פערגליווערט און אבגעפראַרען און זיי שפרינגען איבער׳ן אויסגעצויגענעמס האנד און ער קען גאר ניט דערשפירען...

דאס רעגט איהם נאך מעהר אויף — ער זוכט די הארץ און קען מיט די פערגליווערטע פינגער ניט פארנאנדער שפילען דעם פאלטא שפילעט פארנאנדער געשווינד! שרייט ער צוטומעלט... אימיצער העלפט איהם — — מען מוז איהם אין שטוב אריינעמען קלערט ער — נאר ער דערמאהנט זיך די יום׳טוב׳דיגע שטימונג פון שטוב... די מוטער וועט מיר דאס קיינמאל ניט מוחל זיין... חאפט ער זיך מעגליך אז דאס איז גאר אגעשטארבענער... גיכער פאר אלץ א געשטארבענער... געוויס אגעשטארבענער...די בלוט... די פערגלאצטע אויגען... מען טאר איהם גאר ניט ריהרען פון ארט פיעלייכט... רעכט פארטיגט ער זיך. ער וויל דאך הערען צו ס׳קלאפט די הארץ... ער ליגט דעם אויער צו און פאר קיין פאל קען ער קיין קלאנג ניט כאפען... ארום, דוכט איהם איז די שטילקייט געווארען נאך שטרענג ערנסטער ער שטרענגט זיך אן, ער הערט אנ׳הארץ קלאפט עפעס יע, נאר ער קען ניט בעגרייפען ווערמענס: צו זיין אייגענע הארץ קלאפט דאס אין דער שטיל, אדער דעם געבראכטענס... און ס׳געהט אוועק אמינוט, צוויי דריי... ראזענפעלדען דוכט זיך אויס א גאנצע אייביגקייט ציהט זיך... דער דארפישער בחור האלט אין איין ווי־דערהאלען: לעבט ער נאך? — לעבט ער נאך?... און באריס מאטערט זיך אלץ דא געפינען דעם פולס. דא דערהערען די הארץ... א קאלטער ציטער נעמט ארום דורך — ער האט נאר איצט די גאנצע שארפע קעלט פון דער נאכט דערשפירט און די הענד זיינע גליווע־

ראזענפעלד האט דערפיהלט דאס שווייגענדע ווארטען פון די מענשען און מיט אונרוהיגקייט אנגעהויבען אנטאפען וואס או״פ׳ן שליטען איז.

ער האט אבער געשווינד די האנד אבגעריסען — א אינסטינקטיוּוער עקעלהאפטער געפיהל האט איהם ארום געכאפט; זיין האנד האט זיך איינגעטינקט און עטוואס פערגליווערטעס, קלעפיגעס...

— בלוט... — האט ער אמורמעל געטאהן און זיך אליין איבערגעשראקען —

— פייער גיט אהער!... — האט ער הויך אין דער וועלט אריין אגעשריי געטאהן. —

אלאמפ פון פענסטער!... — האט מען אנגעהויבען רופען.

ניין — מען דארף ניט!... — האט א הארטע גרילצענדע שטימע איבערגעהאקט — פייער איז דא... כ׳האב מיין לאמטערנע...

— אין עולם האט מען זיך אנגעהויבען רודער׳ן — אימעצער אנ׳הויכער נאר געבויגען פון אלטקייט האט צוגעטראגען א לאמטערנע מיט האלב פאפירענע שויבען און גענומען באריסען צולייכטען דער ביי פערקוקט אויפ׳ן שליטען דעם ליגענדען אין פנים אריין...

— לעבט ער נאך?... — לעבט ער?... — שטיקט זיך פרעגענד פון געוויין דער בחור — כ׳האב איהם געפיהרט... שטאמעלט ער.— פריער האט ער גערעדט, נאכדעם איז ער אנטשוויגען געווארען... כ׳האב גערעדט, צו איהם און ער שווייגט... איך רייד און ער ענטפערט ניט... —

באריס האט גאר ניט געענטפערט די כליפענדע רייד פון בחור האט אויף איהם א משונה׳דיגען איינדרוק געמאכט — לעגט דער מענש אויפ׳ן שליטען? פרעגט ער זיך און וואס איז איהם? — ווייטער האט ער דערשפירט דעם שטילען ווארטען פון די מענשען און נאך אונרוהיגער האטער זיך איבערגעגעבען דער אונטערזיכונג... נאר אומזיסט האט ער זיך געמאטערט עפעס פערשטעהן, ער האט בעטראכט דעם אויסגעצויגענעם מענשען אויף די פערבלוטיגטע

אין וועהטאגליכע קרעמפען. מיט אשרעקליכען מאנסבילשען קול האט ער געוויינט און ניט געקענט ארויסברייינגען קיין איין ווארט פון מויל אומזיסט האט ער זיך געמאטערט איינהאלטען זיך פון צו וויי־נען, ער האט נאר הילפלאז געפאכעט מיט דער האנד אין וועלכער ס׳האט אבייטש געשטעקט...

ביים זייט שטעהט די דינסט און דערצעהלט אויך: אז עפעס א קראנקען האט מען געבראכט און אז דער בחור האט זיך אליין אריינגעריסען...

פון דרויסען הערט זיך פלוצלונג א טומעל און א געלויף פון מענשען

— וואו?.. וואו איז דער קראנקער?... — פרעגט באריס שנעל, און לויפט צום טיהר.

— באריס! — שרייט נאך די מוטער — נא דיר אשאל, פערוויקעל זיך ס׳איז דאך געפעהרליך פון א ווארמער שטוב אויף א פראסט... און ריומט איהם עפעס אין אויער אריין..

באריס כאפט דעם שאל אין האנד שאקעלט צו מיט׳ן קאפ און לויפט ארויס. נאך איהם די איבעריגע.

ראזענפעלד זעהט, אז מענשען שטעהען שוין ארום — נאר אין דער פינסטערנעש קען ער ניט בעמערקען וואס דא קומט פאר, און די הארץ קלאפט איהם אונרוהיגער און אונרוהיגער.

נאך מענשען לויפען פון דער ווייטענס.

— דער דאקטאר... דער נייער דאקטאר... האט ער דערהערט שטילע שטימען ארום און מען האט געמאכט א וועג פאר איהם.

דאס האט איהם צוגעגעבען מוטה — ער איז דרייסט געגאנגען פאראויס און ביין אבשיין פון ווייסען שנעע דערזעהן פאר זיך א שליטען אויף וועלכען אויסגעדרעהט אויף אזייט איז געלעגען א מענש מיט דער קאפ ארונטער־געהאנגען...

דער רינג פון די ארומיגע האט זיך ווייטער צונויפגעצויגען און שטיל פארשענד - שטיל איז געווארען, ווי אלע װאלטען דעם אטהעם פערהאלטען און געווארט. שרעקליך געווארט...

זיך פערזאַמעלט ביי זיי אין שטוב איהם בעגעגענען, ער זעהט אַרום זיך פריינדליכע פּנימער און הערט גוטע וואונשען און פון גאַנצען הארצען דריקט ער אַלעמען די הענד. די מוטער האַלט איהם איין איינרעדען ער זאָל עסען... ער איז דאָך געוויס הונגעריג פון וועג ווי מיעד דו ביזט, נעבאַך אויסגעמאַטערט זיך, מיין קינד — זאָגט זי מיט אַנגסט. — באַריס שמייכעלט גליקליך — „מיין קינד" — קלערט ער ווי טריי און מילד דאָס איז...

באַריס שפּירט זיך ווירקליך מיעד, נאָר ער פיהלט זיך אַזוי גוט צווישען אַלעמען — און ער ענטפערט דער מוטער און קושט איהר

— ניין, ניין, מאַמאַ כ'בין גאַרניט מיעד...

— דאָך אַזוי לאַנג געפאָהרען... זעה נאָר וואָס פאַר אַ מיעדען בליק דו האָסט?... — פערקוקט זי איהם אין די אויגען — און ער בערוהיגט איהר ווייטער אַז ס'איז גאַרניט... פערקעהרט ער שפּירט זיך זעהר מונטער...

אין דעם פרעהליכען גליקליכען צימער האָט אומגעריכט אַ פּראָס־טיגער צוג זיך אַריינגעריסען...

— ראַטעוועט... ער ריהרט זיך ניט... גוואַלד...— האָט אַ פרעמדע פערפראָרענע שטימע פּלוצלונג איבער'ן שטוב אָהילכגעטאָהן און זיך אָבגעהאַקט.

דורך דער יום־טוב'דיגער לופט איז אַ טרויעריגער ציטער דורכ־געלאָפען און אַלץ טונקעלער געמאַכט... אַרגע פון שטומער שטיל־קייט... אַלע זיינען געלעהמט געוואָרען און ביי יעדערן איז די האַרץ פערשטאַרבען...

שטום... און ס'דוכט זיך אַז די משונה'דיגע שטום קלינגט נאָך פערפראָרען פערצווייפעלט און אָטהעמט אייז־קאַלט...

— וואָס איז?!! וואָס איז?!! האָבען זיך אַלע אין שרעק אַ וואָרף געטאָהן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָהן...

ביי דער אָפענער טהיר איז געשטאַנען אַ יונגער פרעמדער בחור — אין אַ דאָרפישען פעלצעל, און האָט זיך געטרייסעלט ווי

סטער... זעה נאר, זעה!...—

באריס האט זיך ניט צוגעהערט צום אלטענס רייד, נאר זיך צוגעשמידט מיט׳ן בליק צו זייער הויז, די שטוב איינגאנצען בעדעקט מיט שנעע. פון קוימען האט זיך געהויבען א גלייכער זייל רויך אין נאכטיגען הימעל אריין, אוןביידע „אבגעגאנגענע” פענסטער צום גאס האבען געלויכטען צוויי בליטץ-לאמפען און מיט פרעהליכע פלעקען זיך געלייגט אויף דער ווייסער גאס.

ראזענפעלד האט זיך מאדנע געפיהלט אין דעם מאמענט, האסטיג האט די הארץ געקלאפט פון פרייד און פון אלץ... נאר אט איז ער שוין אין דער היים...

דער שליטען האט זיך נאך ניט אבגעשטעלט און אויפ׳ן גאניק האט זיך די טהיר שוין ברייט פארנאנדערגעעפענט. אין א וואלקען שטוביגען דאמפיגען נעבעל האבען זיך בעוויזען די הויזיגע...

א שטיקעל טומעל... ווי די ביהנען בעפאלט מען דעם שליטען... באריס וויל געשווינד אנטקעגען ארויסשפרינגען נאר ער קען ניט.. ער שפירט אז איין פוס איז פונקט ווי א שטאלקארץ און פאלאגט איהם ניט...

— כ׳האב א פוס איינגעזעסען — לאכט ער און מען האפט איהם אונטער די הענד ארונטער און מען פיהרט איהם אין שטוב אריין... ס׳האלזען און קושען איהם אלע — מעהר פון אלע די מוטער— דער פאטער בעטראכט איהם זעהר אויפמערקזאם פון א זייט און בעט אלעמען מיט שטאלץ צו כיבוד, די שוועסטער פערוואַרפט איהם מיט פראגען. אין שטוב איז יום-טוב׳דיג צוגערוימט. דער סאמאוואר זידט, געבעקס און אלערליי כיבודים שטעהט שוין אויפ׳ן פערפוצטען טיש...

באריס׳ן איז דאס פרעמד אביסעל — כ׳האב זיך אבגעוועהנט, אבער דאך ווי מילד דאס איז... טראכט ער אין הארצען און דער קאפ דרעהט זיך איהם פון פרייד. ער שפירט זיך אמת גליקליך, ער איז ארומגערינגעלט כמעט פון דער גאנצער פאמיליע, אלע האבען

כחות האָט ער זיך בעמיהט צוזאַמענצונעמען די צופאַהרענע געדאַנקען, עפּעס האָט ער זיך ווי געפּלאָנטערט אין אַ ווייסען פראָסטיגען שפּינוועבס און זיך ניט געקענט אַרויסבעקומען.

מיט האַסט האָט ער פון זיך דעם פּעלץ אַראָבגעוואָרפען... ער האָט זיך פונקט ווי אין אייזיגע וואַסער אָבגעטוקט, און דאָס האָט איהם גלייך צו זיך געבראַכט. זיין גאַנצע ענערגיע און קלאָרער פערשטאַנד זיינען מיט אַמאָל צוגעשוואָומען.

ער האָט גלייך בעמערקט אַז זיי פאַהרען שוין אויף דער ערשטער נאָך גוישער גאַס פון זייער שטעדטעל. אָט איז דער קלויסטערמענשען געהן נאָך אַרום. נאָך עטליכע מינוט און ער וועט זיין אין דער היים.

— בין איך שוין אין מיין שטעדטעל? — פרעגט ער זיך אַליין און גלויבט זיך ניט...

— וואָס אַ גוטען דרימעל געטאָהן?... וואָרם — אַ?... — פרעגט דער אַלטער חיים פרעהלאַך און שמודערט צו די פערד:

— גיכער, גיכער! —

נאָר ער פערשפּאַרט זיי גאָר יאָגען. די פערד האָבען שוין אַליין דערשפּירט די היים און מיט אַ פרעהליכען גאַלאָפּ, טרייסלענדיג מיט די קעפּ און העפטיגער קלינגענדיג שפּרינגען זיי כמעט אונטער מיט'ן שליטען — זייטיגע קוקען זיך אום, — אַ קוליך!... אַ קוליך!... שרייט ווער — אַ יונגער בחור.

זיינען מיר שוין אין דער היים... — דרעהט זיך אום דער אַלטער צו באַריס'ן מיט'ן גאַנצען שיינענדען פּנים. — עט, וועט מען זיך דאָס דערפרעהן... און נאָך גוט אָנגעקומען... — גיט ער צו העלדיש. — ס'איז נאָך ניט שפּעט, די קראָמען זיינען נאָך אָפען, «חיים הענדלער'ס» אויך... אַז ס'וועט אויספּעהלען אַביסעל משקה, וועט מען נאָך קענען צו קריגען...

זעה נאָר!... דערפרעהט זיך פלוצלונג דער אַלטער — אַרויפפאַהרענדיג אויף זייער גאַס — ס'שיינט אַ לאָמפּ ביי אונז אין פענ־

האט דער פרוש שטיל דערגרייכט
צום איינגאנג פון דער בלוט־שטאדט רוים...

אויף זיין ליפ דער גרויסער שם
מיט גליק בעשטראהלט. בעזעגלט מיט פרייד:
מקריב זיין זיך פאר דעם פאלק —
די וועלט פון פיין און זינד בעפרייט!...
פלוצלינג האט דער הימעל זיך
פערפלייצט אין ליכט, אין פורפור־ים —
א מלאך נידערט דאן אראב
און פערשוואנדט מיט איהם אין פלאם...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

דורות שווינדען, ס'פליהען צייטען,
א יאהר קומט־אן, א יאהר פערבליצט.
און משיח זיצט אין קייטען,
דער פרוש אין גן־עדן זיצט...

1913—1910.

יעקב קרעפליאק.

# א נאכט פון שרעק.

(ה מ ש ך).

באריס האט געעפענט די אויגען, אבער נאך גאר ניט פערשטא־נען. די גאנצע מיעדקייט און אנשטרענגונג פון וועג האט זיך איצט ארויסגעוויזען אין גאנצען סך־הכל. דער קאפ איז געווען א בלייער־נער און די געדאנקען נאך שווערערע... פאר קיין פאל, האט ער, אין דער ערשטער מינוט, זיך ניט געקענט אריענטירען: וואס מיט איהם איז? — און וואו ער געפינט זיך?... אינסטינקטיוו מיט אלע

א, האר!
לאז פאלען דיין חסד׳ס שיין
אויף דעם זינדער — —
זעה זיין הארץ:
דארט גליהט מיין פיין!
מעכטיג איז דיין האנד
און גרויס
דיינע וואונדער —
דאך שרעקליך איז די שאנד!
און טיעפער פאר דער שאנד
איז זיין צער
אויף מיר,
אויף דיר,
א, האר!

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער פסק איז ארויס פון דעם בית־דין של מעלה:
משיח מוז בלייבען געקאוועט אין קייטען,
דאך אבער דעם זינדער די זינד איז פערגעבען —
א מלאך זאל נידרען אראב צו דעם פרוש
און ברענגען איהם פלאמיג אין הימעל ביים לעבען...

אין גן־עדן זינגען ווידער
די כרובים
די מזמורים, מארגען־ליעדער — —
עס שטראהלען די שטערען, עס שאלען די ספערען:
זכאי! זכאי!

## V.

אין א ווייסער בלייכער נאכט,
די וועלט גערוהט האט אין איהר טרוים,

די שכינה פערשאטענט איהר ליכט. די מלאכים
פערזונקען די קעפ און עס פינסטערט א פחד — —
נור פלוצלינג א בלענדעדע שיין איז דערפלויגען;
א נשמה א ריינע, א ווייסע און הייליג:
א יודישע טאכטער מיט שטראהלענדע אויגען.—

עס שטראהלען די אויגען מיט הייליגער שמחה:
איהר נשמה איז א ו נ ט ע ן א ריינע געבליבען,
א ריינע ווי מ׳האט זי אין הימעל געגעבען —
די ערלים זיי האבען גע׳רצח׳נט איהר אונשולד,
דאך פריהער געמוזט ביי איהר רויבען דאס לעבען!...

די נשמה זי פאלט דאן צום כסא־הכבוד
און בעט פאר דעם פרוש די מדת הרחמים,
עס שטראהלט־אויף די שכינה, די זונען, די שטערען,
די נשמה בעט רחמים פאר׳ן כסא הכבוד,
און ס׳פאלען אין גאלדענעם בעכער די טרעהרען:

א, גאט!
אין דעם פרוש׳ס הארצען
גליהט מיין וועה — —
און זעה:
אין זיין אויג דעם שווארצען
גליהט מיין טרעהר — —
און הער:
ערגער פון דער וועה
איז די שפאט,
אויף מיר,
אויף דיר
א, גאט!

וויִ דונערען שווערע און קנאקען מיט פלאמען
און מאכען דערציטערט די הימלען מיט שאלען:

«דער חוטא, דער פרוש, זיין זינד איז די הארבסטע:
משביע די ספירות פון שם המפורש!
ער וועט נאך צורייסען די ברעגען פון ים'ען,
צוטרייסלען די בערגער, צוקרישען די הימלען,
פערגיעסען די וועלטען מיט וואסער און פלאמען
און זאגען «אנכי»!

אדני!
פלאם און העלי גיהנום־פלאַקער —
צופיעל חסד פאר דער זינד!
פערברענט דארף ווערען זיין נשמה
און דאס אש געהער דעם ווינד
און יעדער שטורם, וואס זינגט דיין לויב
איף בארג און ים און וואלד און פעלד
שפרייען זאל דעם זינדערס שטויב
אין אלע עקען פון דער וועלט.
און לעכצען זאל זיך יעדעס שטויבעל
צו דעם צווייטען
און בלאנדזיען אין דיין וועלט דער גרויסער
אייביגקייטען. —

און טרעפען זיי זיך, רוף דעם ווינד —
זאל ער שפרייטען!
אזוי דורות, וועלטען אייביגקייטען
ביז משיח ווערט בעפרייט
דורך דיין חסד
פון די קייטען!"

צום שיין, צו דעם הארטען געקאוועט—צו ווארטען
ביז ס׳וועט די שעה פון ערלעזונג דאך קומען...

## IV.

עס רעש׳ט אין די הימלען, אין אלע היכלות,
מלאכים און שרפים, די כרובים, אופנים,
זיי ציטערען פלאטערען שוועבען און יאגען;
כביכול בכבודו אליין איז דערשראקען:
עס האט זיך פון אונטען א שמועה דערטראגען —

עס גרויען פאר פחד די פליגעל, די ווייסע,
עס טונקלען פאר מורא די זונען פון חשמל,
עס לעשען פאר שרעק זיך די פלאמיגע שטערען,
די נעבעל-פרוכת׳ען קארטשען-זיך, וויקלען —
אין טיעפקייט פון פחד א קול לאזט זיך הערען.

א קול פול מיט גבורה און וייכקייט און פלאמען:
מלאכי־השרת, צום כסא־הכבוד!
די קטיגור, מליצים, מלאכים — צום בורא!

— — — — — — — — — — — — —

עס רעש׳ט אין די הימלען—דאס בית־דין של מעלה
משפט א פארכטיגען גרויסען דין־תורה.—

דאס משפט פון פרוש, וואס געהט שוין בעפרייען
משיח פון קייטען אהן רצון פון בורא,
(דען ס׳איז נישט ערפולט נאך דאס כוס פון די ליידען)
אין הימעל הערשט פחד, אין הימעל הערשט אימה,
עס שטומען די כרובים ביים שער פון גן־עדן...
דער מסית־מדיח, דער שטן, דער קטיגור,
ער פאדערט דעם עונש מיט ווערטער, וואס בליצען
מיט פעך און מיט שוועבעל, מיט ווערטער, וואס פאלען

דער פרוש הערט דאס קול וואס שאלט,
דאך געהט ער, שפאנט דורך סטעפ און וואלד,
ער פיהלט זיין זינד, ער זעהט זיין שטראף:
די טיעפע העל וועט זיין זיין ארט ‑ ‑ — — —
א קרבן ער — אבי א סוף!
און שפאנט מיט גליק אהין צום ארט,
צום טויער רוים׳ס די שטאדט פון שאנד, —
עס שרעקט איהם נישט קיין צוים, קיין וואנד —
מיט ליכט אין הארץ, מיט שטאק אין האנד...

## III.

פון דורות און צייטען, געקאוועט אין קייטען
זיצט דער משיח געפעסעלט צום שטיין.
די הענד, ווי די זיילען, פערקרעמפפט ער אין ביילען—
שטאל איז זיין ברוסט און פול ליעבע און פיין...

און ס׳ברויזען דארט פלאמען, ווי כוואליעס פון ים׳ען,
זיי שטורמען אין הארצען און קאכען און זיעדען,
זיי ברענען און צינדען זיין קערפער פול וואונדען —
דאס זיינען די ליידען, די פיין פון די יודען. —

און הערט זיך געשרייען פון יודישע וועהען
פון פינסטערען גלות און ביטערע צייטען
דאן רונצעלט זיין שטערען, און ס׳פליסען די טרעהרען
און נעמט זיך פון וועהטאג צורייסען די קייטען.

עס פלאמט־אויף זיין צארן, ער גרייפט צו דעם הארן,
בלאזען בעפרייאונג! — דאן רופט איהם א שטימע:
»משיח, זאלסט שטומען, ס׳איז נאך נישט געקומען
צייט צו בעפרייען פון גלות מיין אומה...

פון וועהטאג בעטרינקען, זיין קאפ לאזט ער זינקען,
זונקען צו דר׳ערד מיט א וועהטאגדיג ברומען,

פון נאכט בעגלייט, פון טאג בעגריסט,
עס שאלט דער וואלד, דער טייך, וואס פליסט,
עס ווינקט דער שנעה, עס קלינגט דער ווינד,
עס זינגט דער בוים, דאס עוף אין לופט:
„א, פריעדען דיר, דו מענשענקינד!"...
פון הימעל נור א שטימע רופט,
צוגיעסט זיך ווייט און טיעף און ברייט,
און שאלט מיט כעס און קלינגט מיט לייד:
«א, קעהר צוריק, ס'איז נישט די צייט!»

דער פרוש געהט דאס הארץ בעשווערט —
מיט טומאה פול, מיט זינד די ערד!
— דיין רצון איז עס נישט, מיין גאט,
געקומען איז נאך נישט די צייט —
דאך עובר בין איך דיין געבאט —
משיח מוז דאך זיין בעפרייט!
דו ווילסט עס נישט, מיין זינד איז שווער,
בעשטראף מיך גאט — איך קאן נישט מעהר! —
— א, גאט, מיין גאט, נעהם־צו מיין טרעהר...

איך בין דיין קנעכט, איך בין דיין קינד —
בעשטראף מיך שווער לויט מיינע זינד!
איך וויל פאר'ן פאלק א קרבן זיין,
א קרבן פאר דעם מענש און וועלט —
צושווער די נויט, צוגרויס די פיין!
— בעשטראף מיך גאט, בעשטראף, פערשעלט —
משיח דאך מוז זיין בעפרייט!
פון הימעל שאלט מיט כעס און לייד:
א קעהר צוריק, סאיז נישט די צייט!

ס׳איז נאך נישט די צייט און די וועלט ווערט געפאנגען
אין נעצען פון טומאה און תאוה געשפינט! — —
ער קוקט אויף די שאטענס — עס שרעקט איהם אין הארצען:
ער לעסטערט דעם בורא, ווי שווער איז די זינד!

דאך, קלעמט איהם; ער פאלט־צו צום ארון הקודש:
אך, גאט! ווען וועט ווערען משיח בעפרייט?
ער וויינט און ער בעט זיך... א קול לאזט זיך הערען:
א, חיים, מיין זוהן, עס איז נאך נישט די צייט!...

עס פלאמט אין זיין הארצען די וועה און דער צארן,
ער שרייט־אויס אין וועהטאג: «עס איז שוין די צייט!
די וועלט זינקט אין טומאה, אין זינד און אין תאוה —
משיח, משיח מוז ווערען בעפרייט!

און וויל נישט כביכול וועל איך איהם בעפרייען,
מיר איז דאך ענטפלעקט פון הויה דער סוד!» —

— — — — — — — — — — — — —

עס קוקט דורך די שויבען די נאכט מיט דרך־ארץ,
צום מענשען וואס גרייכט די מדרגה פון גאט...

## II.

מיט ליכט אין הארץ, מיט שטאק אין האנד,
דורך נאכט און סטעפ, דורך בארג און לאנד,
צום טויער רוים׳ס, די שטאדט פון שלעכץ,
די שטאדט פון זינד, וואס דורות־לאנג
געזאפט האט בלוט, און יודען־קרעכץ
געוועזען איז איהר ליעבסטער קלאנג —
דער פרוש שפאנט דורך בארג און לאנד,
צום טויער רוים׳ס, די שטאדט פון שאנד,
מיט ליכט אין הארץ מיט שטאק אין האנד.

אברהם וויעוויארקא.

# ביי די טויערען פון רוים.*)

(באלאדע).

## I.

עס דרימעלט די שטילקייט אין אלטען בית־מדרש,
עס קוקט אין די שויבען א שנעה־ווייסע נאכט,
עס שלאפען די ספרים, די שטענדערס פערשאטענט,
בלויז חיים דער פרוש נור איינער ער וואכט.

עס טונקלען אין חלל די שאטענס צוצויגען,
עס בלייכט נור פון דרויסען דער בלאנק־ווייסער שנעה,
און ס׳בלייכט אין בית־מדרש דאס פנים פון פרוש,
וואס שפרייזט דארט אליין מיט זיין הארץ־טיעפען וועה.

עס קנייטשט זיך זיין שטערען פון הארצענס־יסורים,
עס ברענען די אויגען, עס גליהט דארט א טרוים:
די יודען! — דאס פאלק ווערט אין בלוט דאך פערטרונקען
וואס זיצט ער, משיח, ביים איינגאנג פון רוים?

וואס האט איהם כביכול א שופר געגעבען,
און האט איהם געקאוועט, געשמידעט צו א קייט,
און ווי נור ער נעהמט זיך דעם שופר דערהויבען
שוין רופט איהם א קול: עס איז נאך נישט די צייט!...

דער שטן, ער הערשט דאך אין הארץ פון דעם מענשען,
דער מענש זינקט אין טומאה פאר פיין און פאר לייד,
און וויל נור משיח זיין שופר דערהויבען
שוין רופט איהם א קול: עס איז נאך נישט די צייט!..

---

*) די דאזיגע באלאדע, וואס איז נאך ערשיענען אין דרוק אין יאהר 1910, איז איצט פון פערפאסער ניי בעארבייט.

אין פעסטער אין דייטליכער געשטאלט, כדי די יודען וואס ווערען איצט געבארען זאלען בעהערשען און בעשטימען אלע אונזערע מעשים. און דאך האט דער ציוריכער צוזאמענפאהר אבגעשפיגעלט אין זיך די גאנצע ענטוויקלונג, וואס די. יודישע סטודענטענשאפט אין מערב־איירופא האט דורכגעמאכט פאר די לעצטע עטליכע יאהר. ער האט געגעבען דעם סינטעז פון די איבערלעבונגען און שטי־מונגען פון יודישען סטודענט. דער ציוריכער צוזאמענפאהר האט עס אלץ סומירט און האט געוויזען פאר דער גאנצער וועלט א נייעם טיפ פון א יודישען סטודענט. א טיפ פון א עכט יודישען אינטעלע־גענט, וואס ציהט זיין יניקה פון יודישען פאלק, לעבט מיט זיינע אינטערעסען און פאר זיינע אינטערעסען.

דער ציוריכער צוזאמענפאהר איז א היסטארישער טהאט ניט נאר אין יודישען סטודענטען לעבען, נאר אויך א וויכטיגע געשעהעניש אין דאס לעבען פון יודישען פאלק בכלל. ווייל דא האט מען בחוש געפיהלט אז די יודישע קולטור וואס האט זיך אנגעשטויסען אויף די פעלזען פון משכיליזם און אסימיליאציע האט געפונען אנ׳אויס־וועג אין ריין פאלקסטימליכער פארם וואס מיר רופען אן „ניי־יו־דהנטום״. און דאס ניי־יודענטום האט מען בולט ארויסגעזעהן אויפ׳ן ציוריכער צוזאמענפאהר. אמת, קיין נייע קולטור־לאזונגען נייע פאליטישע פראגראמען זענען ניט געגעבען געווארען, וועגען דעם איז אפילו ניט גערעדט געווארען, נאר אין דער לופט האט זיך געפיהלט עפעס א נייער ווינט פון מאכט און קראפט, וואס ברייגנט מיט זיך א הערליכע און פרייע צוקונפט.

שע אנשטאט מזרח־יודישע?

די פראגע ווערט געשטעלט צו נאמענטליכער אבשטימונג. די שטימען צוטיילען זיך פונקט העלפט אויף העלפט.

נאר ביים איבערשטימען ווערען מיר בעקרווינט מיט׳ן ווארט „מזרח״. ווי ווייט דער דער צוזאמענפאהר האט געפיהלט אז „מזרח״ איז נאר אן׳איבעריגער באלאסט, איז צוזעהען דערפון, וואס דער צוזאמענפאהר האט פאר זיך בעהאלטען דאס רעכט אומצובייטען דעם נאמען פון פערבאנד ביי אן׳איינפאכער מערהייט און ניט ביי די 7 שטימען ווי ס׳פאדערט זיך ביי אלע איבעריגע פונקטען פון די תקנות.

די איבעריגע פונקטען פון די תקנות ווערען אהן שום מניעות בעשטעטיגט איינע נאכ׳ן אנדערען. דערנאך — א פאר יום טוב׳דיגע שלוס־ווערטער און דער היסטארישער צוזאמענפאהר איז ביי א שטילער שטימונג געשלאסען.

---

אז מיר בעטראכטען איצט דעם צוזאמענפאהר פון אנהויב ביז׳ן סוף געפונען מיר אין איהם קיין בעשטימטע אידעען־שנור, וואס זאל ערקלערען אלע טהאטען און בעשלוסען. עס פעהלט אין איהם א אידעען־איינינקייט, וועלכע מיר זעהען צום ביישפיעל אויף פארטיי־קאנגרעסען. נאר אט די אידעען־לאזיגקייט ווייזט נאר אן, אז דער ציוריכער צוזאמענפאהר איז ניט געווען קינסטליך צוזאמענגעשטעלט אז ער האט אבגעשפיגעלט די גרויזאמע ווירקליכקייט פון אונזער צייט די פוסטקייט פון אונזער דיינקען און ארימקייט פין אונזער שאפען. עס האבען זיך ניט צונויפגעזאמעלט טרעגער פון גרויסע פאלקס־אידעען, קעמפפער פאר נאציאנאלע אידעאלען, נאר פער־טיידיגער פון איינפאכע, בעגרענצטע אינטערעסען און אין בעסטען פאל אנזאגער פון נייע בליטהען... נאר דער מיקראב ליגט אין דער צייט אליין. דער מאמענט, אין וועלכען מיר לעבען איצט ווירקט צופיעל צושטערענד און צו שעפפעריש אויף אונזערע לעבענס פאר־מען, די רעוואליוציע אויף אלע געביטען פון יודישען לעבען געהט צו רווישענד, אום די נייע קולטור־פארמען זאלען זיך ארויסווייזען

צו נאך דער מאנגעל פון צייט האט געצוואונגען ארבצונעהמען די גאנצע פראגע און מען האט זיך בענוגענט מיט פאלגענדע רעזאָ־ליוציע:

«דער צוזאמענפאהר ערקלערט, אז בעשליסענדיג ניט צושטע־לען אויפ׳ן סדר־היום א גאנצע רייהע פראגען פון געזעלשאפטליכען כאראקטער, וויל ער דערמיט ניט אויסדריקען אויף קיין שום אופן זיין גלייכגילטיגקייט צו די געזעלשאפטליכע אינטערעסען פון יודישען פאלק. ער האלט זיך אב צו נעהמען א שטעלונג צו די דאזיגע פרא־גען נור דערפאר, ווייל ער רעכענט, אז זייער פערענטפערונג געהט ניט אריין אין זיין קאמפעטענץ».

---

ס׳איז געבליעבען גאר ווייניג צייט און די הויפט־פראגע — די תקנות פון פערבאנד — איז נאך ניט בעטראכט געווארען. די גאנץ פריהער אויסגעוועהלטע קאמיסיע האט ניט די מעגליכקייט אלץ אויסצואַרבייטען און אויף דער פלענאר־זיצונג ווערט ארו־סגעטרא־גען ניט קיין בעארבייטע תקנות. שוין גלייך פון אנהויב ברעכען דעריבער טאקע אויס הייסע וכוחים. דער בעריכטגעבער מאכט פלוצ־לונג א מאדנעם פארשלאג אז דער פערבאנד זאל הייסען: «פערבאנד פון מ ז ר ח־יודישע סטודענטען־פעראיינען אין מערב־אייראפא». צו וואס „מזרח"? צו דען זענען אומעטום די מיטגליעדער פון די פער־איינען נאר פון מזרח? נאר דער פארשלאג ווערט אונטערגעהאלטען מען פריבט איהם זאגאר בעגרינדען; מיר זענען מעהרסטענטיילס פון מזרח און מיר דארפען עס בעטאנען. אדער אנדערש: מיר „מזרחישע" זענען די ס מ ע ט ע נ ע פון יודענטום און מיר דארפען עס מיט גאוה אנשרייבען אויף אונזער פאהן. וואו איז אבער די לאגיק? ערשטענס מיט וואס זענען מיר עס די „סמעטענע" פון יודענטום און אויב אפילו יא, טא צו וואס זאלען מיר מיט אזא גאוה קוקען אויף די זויער מילך? צווייטענס, מיר זענען דאך אלע פון רוסלאנד, פארוואס זאלען מיר ניט זיין קאסענקווענט און זיך ניט אנרופען רוסיש־יודי־

דעמישע פראגע אויפ׳ן סדר־היום אין איהר גאנצער ברייט אין שוין געוועזען אונמעגליך און דער צוזאמענפאהר האט געפינען א פאסענדען אויסוועג דערמיט, וואס ער האט ניט בעטראכט די אקאדעמישע פרא־גע בכלל און האט אהן דיסקוסיעס אנגענומען פאלגענדע וויכטיגע רעזאליוציע:

„דער צוזאמענפאהר איז מחייב די פערוואלטונג פונ׳ם פערבאנד צו פערטיידיגען דעם נאציאנאלען כבוד און ווירדע פון דער יודי־שער סטודענטענשאפט יעדעס מאל, ווען אזא פחיתות הכבוד ווערט בעגאנגען דורך אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען"

„דער צוזאמענפאהר רעקאמענדירט דער פערוואלטונג צו קאאר־דינירען דערביי איהר טהעטיגקייט מיט די אינלענדיש־יודישע סטודענ־טען־ארגאניזאציעס, אלגעמיינע ארגאניזאציעס פון סטודענטען אויס רוסלאנד און אנדערע ארגאניזאציעס, אויף וועמעס שטיצע מען קען רעכענען".

«דער צוזאמענפאהר געפינט אבער פאר נויטיג צו בעטאנען אז פון די ראדיקאלסטע מיטלען צו פערענטפערען די אקאדעמישע פראגע איז צו גרינדען איודישע הויכשול און ווענדעט דערויף די אויפמערקזאמקייט פון דער יודישער געזעלשאפט».

די שטורמישע א קאדעמישע זיצונג האט ארויסגערופען א גע־דריקטע שטימונג ביי אלע דעלעגאטען· מען האט איצט מורא בע־ריהרען אזוינע פראגען, וואס קענען ארויסרופען רייבונגען. צו אזוי־נע געהערט געוויס די פראגע וועגען אונזער נאציאנאל פאליטישער ארבייט· אין דער אמת׳ן וואלטען די ויכוחים וועגען דער פראגע געווען אפשר די סאמע אינטערעסאנטסטע, ווייל דא וואלט בולט זיך ארויסגעוויזען די שטימונגען און אנשויאונגען פון די פארשטעהער פון דער יודישער סטודענטענשאפט אין מערב אייראפא בנוגע צו אלע וויכטיגע פאלקס־פראבלעמען אין יודישען לעבען. נאר די גע־פאהר ארייבצוטראגען אין צוזאמענפאהר פארטייאישקייט, וואס איז אונפערמיידליך ביי בעטראכטען נאציאנאל פאליטישע פראגען, דער

וואס זענען די צווייגען פון דעם יודישען אסימילאציאנס־געדאנק. און ניט קיין פעהלער נאר א פערברעכען האבען בעגאנגען די יעניגע חברים וועלכע די יודישע סטודענטענשאפט האט אנפערטרויט דאס אויפרופען דעם ציוריכער צוזאמענפאהר און וועלכע האבען אין דער זעלבער צייט גענומען אנטייל אין קארלסרוהער צוזאמענפאהר. און נאך גרעסער איז דער פערברעך פון די יעניגע, וואס זענען ניט גע־קומען קיין קארלסרוהע נאר אום דורכצופיהרען זייער נאציאנאלע ליניע נאר האבען גענומע אקטיווען אנטייל אין דער ארבייט פון צוזאמענפאהר און האבען גענומען אויף זיך אפילו געוויסע התחיבות בנגע דער בעשאפענער ארגאניזאציע. און אין אייניגע טעג ארום, זענען די זעלבע פערזאנען געקומען קיין ציוריך אנפיהרען מיט אונזער צוזאמענפאהר.

אט דאס טאנצען אויף צוויי חתנות, דאס ארבייטען אין צוויי ריכטונגען וואס זענען סותר איינע די אנדערע האבען געבראכט צו דער שטורמדיגער אקאדעמישער זיצונג, די גרעסטע מער־הייט פון צוזאמענפאהר זענען געווען בכלל פערביסענע געגנער פון קארלסרוהער צוזאמענפאהר און די אלגעמיינע שטימונג איז געווען דערפאר, אז ציוריכער צוזאמענפאהר דארף זיך פערנעהמען מיט אלע פראגען וואס זענען שייך דער יודישער סטודענטענשאפט ובתוכם אויך די אקאדעמישע פראגע. נאר די התחיבות, וואס די „קארלסרוהער" האבען אויף זיך גענומען, האט זיי ניט ערלויבט צו לאזען שטעלען די אקאדעמישע פראגע אויפ'ן סדר־היום, ווייל דער אקאדעמיזם איז דאך דער לייט מאטיוו, די נשמה פון דער אלגעמיינער ארגאניזאציע. ניט אומזיסט האבען זיי געמאכט אזא געפילדער. דער גאנצער צו־זאמענפאהר איז געווען אויפגעבראכט אויף די קארלסרוהער גרופע:
— וואס איז אונזער שולד וואס זיי האבען זיך פערבינדען מיט פרעמדע »עסקים« האט מען געהערט אומעטום מורמלען.

נאר דער פעהלער איז שוין געווען אבגעטוהן אפשר צום גרוי־סען בעדויערען פון די שולדיגע אליין, ווי מען האט געקענט פער־שטעהן פון אייניגע רעדעס אויפ'ן שלוס־באנקעט. שטעלען די אקא־

דענט» אנגעוויזען ווי ניט בערעכטיגט פון נאציאנאלען שטאנד־פונקט און באדענלאז פון דער ריין פראקטישער זייט זענען די «אלגעמיינע» ארגאניזאציעס. נאר צום בעדויערען זענען נאך ניט אלע שיכטען פון דער יודישער סטודענטענשאפט דורכגעדרונגען מיט אונזערע איבערצייגונגען· עס פיהלט זיך נאך אלץ דאס שטרע־בען צו פרעמדע „ברייטע" סביבות, עס ווילט זיך טאנצען אויף פרעמ־דע פרעהליכע חתונות. נאך איצט געפינען מיר א סך יודישע סטו־דענטען, וואס געהערען אי צו דעם יודישען פעראיין אי צו דער אלגעמיינער קאלאניאלער ארגאניזאציע. געוויס, געפינענדיג, אז די אלגעמיינע ארגאניזאציעס זענען נאר א פוקציע, א געביידע אהן א פונדאמענט, וואס פערנעהמט נאר פלאץ און לאזט ניט זיך ענטוויק־לען די יודישע פעראיינען, מוז מען פעראורטיילען דאס, וואס די יודישע נאציאנאלע סטודענטען נעהמען אין די אלגעמיינע ארגאני־זאציעס אנטייל. אזא טאקטיק איז געוויס א פאלשע· נאר דאך מוז מען זיך אפט רעכענען מיט ריין לאקאלע בעדינגונגען, ווייל אין איינינגע ערטער איז די קאלאניע אזוי ווענינ נאציאנאליזירט, אז דער יודישער פעראיין האט ניט קיין קראפט אויף זעלבשטענ־דיגער עקזיסטענץ. זייענדיג איזאלירט, וואלט דער יודישער פער־איין, ווען אפילו ער וואלט געקענט עקזיסטירען, זעהר ווענינ גע־ווירקט אויף דער ארגאניזירטער קאלאניע. פארקעהרט פיעל מעהרער נוצען קען ברייגנען אין אזא פאל (ווען די קאלאניע איז אין דער אמת'ן פעסט ארגאניזירט אויף א ניט־יודישען באדען) אריינגעהן אין דער אלגעמיינער ארגאניזאציע אלס די ארגאניזירטע גרופע מיט א אויסגעהאלטענער, קאנסעקוועטער יודיש נאציאנאלער פאליטיק.

נאר אויב מען קען דערלאזען דאס אנטייל פון אונזערע בע־וואוסטזיניגע חברים אין דער קאלאניאלער ארגאניזאציע איז אונבע־דינגט א גרויסער פעהלער פון זייער צד, ווען זיי נעהמען אנטייל אין דאס אויסבויען אדער פערפעסטיגונג פון אט די אינסטיטוציעס.

די ארגאניזאציאנס־קאמיסיע האט פארגעשלאגען. אבער דער צוזא־מענפאהר אליין האט בעשטימט די פראגע צו בעטראכטען. פאר וואס האט די ארגאניזאציאנס־קאמיסיע די פראגע פערשוויגען אין דער צייט, ווען דאס איז איינע פון די ברענענדסטע פראגען ביי די דייטשע חברים, אין דער צייט ווען דער יודישער סטודענט ווערט אזוי ערנידערט פון דער אנטיסעמיטישער פאליטיק, וואס ווערט געפיהרט אין די דייטשע אוניווערסיטעטען? דאס איז געוויס געמאכט געווארען מיט א כונה. און באמת, ווי נאר ס׳איז אויסגע־הערט געווארען דער קורצער און זאכליכער בעריכט וועגען דעם ענין, איז אויסגעבראכען א מורא׳דיגער רעש און געפילדער. דער רוהיגער צוזאמענפאהר האט פלוצלינג אויפגעריסען און זיך פער־וואנדעלט אין א מיטינג, אין א מחנה צוהיצטע קעפ. עס האט זיך גע־הערט דראהונגען וועגען פערלאזען דעם צוזאמענפאהר, וועגען אבסטרוקציעס וכדמה. ס׳דוכט, אז דער צוזאמענפאהר לעבט דורך זיינע לעצטע מינוטען.

א קורצער קלונג פון פארזיצענדען בערוהיגט אביסעל דעם עולם די זיצונג ווערט אונטערבראכען ביז אינדערפריה אום צו געבען די מעגליכקייט די דעלעגאטען זיך בעטראכטען און בערוהיגען.

וואס איז געשעהען? די נאציאנאלע בעוועגונג ביי די יודישע סטודענטען, זייער שטרעבען זיך צו ארגאניזירען אויפ׳ן באדען פון יודיש־סטודענטישע אינטערעסען און שטענדיג ארויסטרעטען אונטער דער יודישער פאהן האט, ווי בעוואוסט, אויפגעוועקט די שוין איינגעשלאפענע אסימילירטע אדער וואס רעכענען זיך פאר אסימילירטע עלעמענטען פון דער יודישער סטודענטענשאפט אין דייטשלאנד. זיי האבען ענערגיש אנגעהויבען «אלגעמיין־רוסישע» אדער «קאלאניאלע» ארגאניזאציעס און ערב דעם ציוריכער אויפצו־בויען צוזאמענפאהר האבען זיי צוזאמענגערופען זייערן א צוזאמענ־פאהר אין קארלסרוהע.

מיר האבען שוין אין די פאריגע נומערען פון «יודישען־סטו־

און — אין אויסנאההמספעלען — פאר שכר לימוד. די צענטראלע קאסע שטיצט גלייכצייטיג די ארטיגע יודישע אונטערשטיצונגס — קאסעס".

„די קאסע טראגט דעם נאמען: „צענטראלע יודיש-אקא-דעמישע הילפסקאסע".

IV.

## אלגעמיינע תקנות פון דער צ.־קאסע.

די קאסע ווערט געפיהרט פון א געוועהלטער עהרען־קאמיסיע און פון 2 מיטגליעדער פונ'ם צענטראל־ביורא און פון צ. ב. געוועהל־טען בעצאהלטען סעקרעטאר. זיי אלע בילדען צוזאמען דאס דירעק־טאריאום פון דער קאסע.

**די הכנסות:** בעשטעהען פון א) רעגעלמעסיגע שטיצע מצד יודי־שע חברות; ב) צופעליגע נדבות פון יחידים; ג) פערשיעדענע אונ־טערנעהמונגען.

**הוצאות:** געלד ווערט ארויסגעגעבען ע"פ בקשות פון יחידים־סטודענטען און אנווייזונגען פון די ארטיגע פערבאנדס־פעראיינען אדער, ווען אזעלכע זענען ניטא, — פון די ארטיגע יודישע סטודענ־טישע קאסעס פאר געגענזייטיגע אונטערשטיצונג.

א נ מ ע ר ק ו נ ג: די גענויע תקנות פון דער צענטראלער יודישער אקאדעמישער הילפסקאסע ארבייט אויס דאס צענטראל־ביורא.

V.

דער צוזאמענפאהר גיט איבער דעם צענטראל־ביורא אנצונעה־מען מיטלען צו גרינדען אין רוסלאנד און אין אנדערע ערטער קא־מיטעטען צו שטיצען די צענטראלע יודיש־אקאדעמישע הילפס־קאסע.

אויפ'ן סדר־היום שטעהט די א ק א ד ע מ י ש ע פ ר א ג ע. ווי בעוואוסט, האט די פראגע גאר געפעהלט אין טאגעס־ארדנונג, וואס

לעבען אליין בעזונדערס אין פאריז, וואו ס'איז קאנצענטרירט אגרויסע טייל פון דער יודישער סטודענטענשאפט. פארוואס זאל מען אין דעם פאל ניט ארויסגעבען קיין מאנאטליכע סובסודיעס צום לעבען, ווי סטהוט די פוילישע סטודענטישע הילפס־קאסע? די מערהייט פון דער עקאנאמישער קאמיסיע האט זיך ארויסגעזאגט געגען ארויסגעבען מאנאטליכע סובסידיעס און האט נאר געמאכט די הנחה אז די בעלגישע און פראנצויזישע סטודענטען קענען בעקומען שטיצע אויף שכר־לימוד. אין אלגעמיינעם זענען אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאליוציעס וועגען דער עקאנאמישער טהעטיגקייט.

## A. רעזאליוציעס וועגען דער עקאנאמישער טהעטיגקייט.

I.

„היות די קאסעס פאר געגענזייטיגער אונטערשטיצונג בילדען דורכאויס אלאקאלע פראגע פון די סטודענטען אויף די ערטער און די פארם פון ארגאניזאציע הענגט אב פון פערשיעדענע ארטיגע בעדינגונגען, געפינט דער צוזאמענפאר פאר ניט צוועקמעסיג אויסצוארבייטען אנ'אלגעמיינעם טיפ פון די ארטיגע קאסעס. ער ווייזט נור אן אז אויסמיידענדיג איבעריגע רייבונגען אויף די ערטער, דארפען אונזערע חברות זוכען צו גרינדען יודישע קאסעס דארט וואו קיין אנדערע זענען ניטא און די חברים זיי געפינען פאר נויטיג"

II.

„דער צוזאמענפאהר לעגט פאר די פעראיינען, וואס געהן אריין אין פערבאנד דורכצוהערען אלס אונבעדינגטען תנאי, אז די קאסעס וואס זיי נעהמען אנטייל, מוז שטעהן א פונקט וועגען געבען שטיצע יודישע סטודענטען אויך ניט פון רוסלאנד.

III.

„דער צוזאמענפאהר בעשליעסט, אז דאס צענטראל־ביורא גרינדעט א צענטראלע־קאסע מיט 2 אבטיילונגען: א) פון שטיפענדיעס און שטיצע פאר קאנדידאטען וועלכע שטודירען און בעארבייטען יודישע טהעמעס אלץ דיסערטאציעס א. ד. ג. ב) פאר עקזאמענאנטע

## V. דיסערטאציעס.

דאס צ. ב. ווענדעט זיך צו יודישע געלעהרטע מכוח אויסשטע־לען טעמאס פאר דיסערטאציעס און אנווייזען ליטעראטור־קוועלען און פערעפענטליכט עס אין ארגאן.

---

די פראגע וועגען דער קולטורעלער פראגראם פון פערבאנד האט אבגענומען זעהר א גרויסען טייל פון צוזאמענפאהר. פאר אלע־מען איז געווען דייטליך אז אויב מען וועט אויך ווייטער אזוי פא־מעלאך ארבייטען וועט מען גארניט בעווייזען אויפצוטהון. און מען האט זיך אנגעהויבען צו איילען.

אויפ׳ן סדר היום שטעהט די עקאנאמישע טהעטיגקייט. מען הערט אויס דעם בעריכט, מען וויל אבער ניט קיין סך דיסקוטירען און מען וועהלט אויס א קאמיסיע, וועלכע זאל אלע פראגען בעט־ראכטען און וועלכע זאל אויסארבייטען די געהעריגע רעזאליוציעס. די קאמיסיע אבער האט אויך ניט די מעגליכקייט, צוליעב מאנגעל פון צייט, צוארבייטען ווי ס׳דארף צו זיין. די פארשלאגען ווערען ניט אורמגערעדט גרינדלעך און די בעשלוסען ווערען אנגענומען אטאמאטיש. נאר די פראגע וועגען די הילפס־קאסעס שטעלט אב אויף א ווייל די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט. אין וועלכע צופאלען זאל די קאסע קומען צו שטיצע דעם סטודענט? קיינער איז ניט געווען דאגעגען אז מען מוז קומען צו הילף די קאנדידאטען וועלכע בעארבייטען יודישע טהעמעס אלס דיסערטאציעס; ווייטער דארף מען בעהילפיג זיין דעם סטודענט בעצאהלען פאר די עקזא־מענעס בעזונדערס אין יענע לענדער, ווי אין דייטשלאנד צ. ב. וואו די עקזאמענעס קאסטען זעהר טייער. נאר דא איז געשטעלט געווארען די פראגע אויף וויפיעל די בעלגישע און פראנצויזישע הברים וועלען געניסען פון די קאסעס. דא שטודירען מעהרסטענטיילס אינזשענע־רען און זיי דארפען קיין דיסערטאציעס ניט שרייבען, די עקזאמענעס ווייטער קאסטען ניט בעזונדערס טייער דאגעגען קאסט טייער דאס

מאכען פאר די פאראינטערעסירטע חברים די בענוצונג מיט אזעלכע ביכער.

ד) פערלייכטערן פאר די ארטיגע פעראיינען דעם איינקויף פון ביכער אויף דעם ענטשפרעכענדען אופ׳ן (ראבאט און דאס גלייכען)

## III. וויסענשאפטליכע נסיעות.

א) דאס צ. ב. גיט ארויס אנ׳אנווייזער פון די יודישע היסטארישע אדער היינטיגע מערקווירדיגקייטען איבער מערב־אייראפא.

ב) העלפט דער ארגאניזירונג פון עקסקורסעס מיט וויסענשאפט־ליכע צוועקען.

## IV. ארגאן.

א) דאס צ. ב. גיט ארויס א פעריאדישע שריפט (לכל הפחות צוויי וואכענדיגע)

פאר גייסטיגע און מאטעריעלע אינטערעסען פון דער יודישער סטודענטענשאפט מיט 2 אבטיילונגען א יודישע און העברעאישע.

דער נאמען: „יודישער סטודענט״ אדער „די יודישע סטודענ־טענשאפט״.

כאראקטער: דער ארגאן פיהרט אן די קולטורעלע ארבייט אין דעם זין פון פערעפענטליכען פראגראמעס, ליטעראראישע רשימות, ארטיקלען מכוח שטודיום פראגען א. א. וו.

ב) בעלייכטעט די עקאנאמישע לאגע פון דער יודישער סטודענ־טענשאפט.

ג) פיהרט די אינפערמאציע און דינט אונזערע צענטראל אינסטי־טוציעס.

ד) ברייננט קארעספאנדענציעס פון די ערטער א. א. וו.

אנמערקונג: די דאקומענטען פון די אינסטיטוציעס, די אינפארמאציע (כראניק), די פראגראמען און רשימות ווערען גע־דרוקט אויף יודיש.

ה) קומט צו הילף די ארטיגע פעראיינען ביי איינארדנען לי־טערארישע, מוזיקאלע אבענדען.

פערענט א פארטראג אויף א געוויסען סכום רעפעראטען פיר א בע־
שטימטען האנאראר און דעקט מיט דער הכנסה פון איין ארט דעם
היזק אינ׳ם אנדערען ארט.

ג) כדי פערלייכטערן דאס שטודירען פון יודישע פראגען אויף
די ערטער, ווענדעט זיך דאס צ. ב. צו בעטרעפענדע ספעציאליסטען
מכוח ליטעראטור רשימות און שטעלט צוזאמען פראגראמען פאר
זעלבסטבילדונג.

## II. ביכער.

### צענטראלע וויסענשאפטליכע ביבליאטהעקען.

א) נעהמענדיג אין בעטראכט די שוויריגקייטען אויסצופיהרען
וויסענשאפטליכע ארבייטען אדער פארבערייטען אזעלכע פארטראגען
איבער יודישע פראגען אויף די ערטער צוליעב מאנגעל אין ווי־
סענשאפטליכע ביכער, בעשליסט דער צוזאמענפאהר, אז דאס צ. ב.
האט צו גרינדען א צענטראל יודישע וויסענשאפטליכע ביבליאטהעק
אין פערשידענע שפראכען. די ביבליאטהעק שטעהט צו דיענסט פון
די פעראיינען, וועלכע טראגען אריין ערבות פאר די געליהענע ביכער.

אנמערק: די תקנות פון דער צ. וו. ב. ארבייט אויס דאס צ. ב.
דער צוזאמענפאהר דריקט אויס דעם וואונש צו גרינדען א
וואנדער ביבליאטהעק אויף דעם פאסענדסטען אופן.

ב) אלגעמיינער קאטאלאג. כדי צו רעגולירען דאס
געגענזייטיגען ביכער אויסלייהען, וועלכע בעווייזט זיך אלס נויטיג
צווישען די איינצעלנע פעראיינען, שטעלט דאס צ. ב. צונויף א
אלגעמיינעם קאטאלאג פון די ביכער, וועלכע געפינען
זיך אין אלע ארטיגע ביבליאטהעקען פון די פעראיינען, וועלכע
טרעטען אריין אין פערבאנד און זאגט זיך ארויס פאר איבערגעבען
די פערמיטלונג אין דער דאזיגער זאך דער הנהגה פון צ. וו. ב.
(זעה תקנות פון צ. וו. ב.)

ג) די צ. וו. ב. ווערט איבערגעגעבען אנצושאפען קאטאלא־
גען פון פריוואטע ביכערזאמלונגען און אין נויטיגען פאל מעגליך

געוואונשטע רייבונגען.

פיעל איינפאכער וואלט געווען ווען די צענטראל־ביורא וואלט ארויסגעגעבען נאר אנ'אינפארמאציאנס־וואכענבלאט אין יודיש, און די יודישיסטען זאלען גרינדען זייער אנ'אפיציאז שוין מיט א ליטערארישער אבטיילונג אין יודיש, דאס זעלבע די העברעאיסטען אין העברעאיש. די העברעאיסטען האבען אבער צו אזא פארשלאג ניט איינגעשטימט, ווייל זיי האבען ניט קיין גענינענדע כוחות אנ'אייגענע שריפט צו גרינדען און אויסצוהאלטען... ס'קומט דעריבער אויס אז די יודישיסטען וועלען טראגען אויף זייערע פלייצען די העבראיסטען. געוויס אזא צושטאנד וועט לאנג ניט קענען דויערען. יעדער טענדענץ מוז זיך ענטוויקלען נארמאל, דורך אייגענע אינערליכע קרעפטען און ניט מיט דער הילף פון א געגען־טענדענץ, דער קינפטיגער צוזאמענפאהר וועט געוויס מאכען אין דעם ענין די נויטיגע אויסבעסערונגען.

די גאנצע פראגראם פון דער קינפטיגער טהעטיגקייט פון פערבאנד איז פארמולירט געווארען אין פאלגענדע אנגענומענע רעזאליוציעס.

## I. פארטראגען.

א) דאס צ. ב. זוכט איינצוארדנען טורנעס פון לעקטארען ספעציאליסטען אויף יודישע וויסענשאפטליכע טעמאס, מעגליך סיסטעמאטיש.

ב) פערמיטעלט צווישען די פעראיינען און פערשידענע רעפערענטען, רעגולירענדיג די נאכפראגע און דעם אנבאט אויפ'ן ענטשפרעכענדען אופ'ן.

אנמ.: דער צוזאמענפאהר דריקט אויס זיין טיפען ווינש, אז די פארטראגע זאלען זיין אין א יודישער שפראך.

אנווייזונגען פאר דער צ. ב.

כדי מעגליך צו מאכען פארטראגען אויך אין קלענערע שטעדט אדער פעראיינען שליסט דאס צ. ב. מיט דעם בעטרעפענדעם רע־

האט מען בעשלאסען, אז דער ארגאן דארף ניט האבען קיין ליטע־ראַרישע אבטיילונג ערשטענס דערפאר, ווייל דאן וואלט בעקומען די שפראך פראגע נאך א שארפערען כאראקטער צווייטענס ווייל ליטעראַרישע ארטיקלען קען דער יודישער סטודענט געפינען אין אנדערע שריפטען אלגעמיינע אדער סטודענטישע. דער ארגאן דארף אלזא טראגען א ריין אינפארמאציאנעם כאראקטער אין ברייטען זין פון ווארט. אויף וואסער שפראך זאל אבער געדרוקט ווערען די ארטיקלען, וואס געהען אריין אין דער פראגראם פון קינפטיגען פערבאנד? ס'זענען געווען פערשידענע מיינונגען. אייניגע האבען פארגעשלאגען, אז אלץ זאל ווערען געדרוקט אין דער שפראך פון אויטאר, אנדערע האבען פארגעשלאגען צו דרוקען אלץ פאראלעל איןביידע שפראכען א. א. וו. נאך לאנגע וכוחים איז מען געקומען צו אנ׳אויסגלייך. אז דאקומענטען און אינפארמאציע ווערען געדרוקט אין נאר אין יודיש, אלע א־בעריגע ארטיקלען ווערען געדרוקט אין דער שפראך פון אויטאר און ווערען ארויסגעגעבען גלייכצייטיג אין איין העפט אין 2 בעזונדערע אבטיילונגען: א יודישע און העברעאישע.

דער פארשלאג פון דער קאמיסיע איז בעשטעטיגט געווארען פון צוזאמענפאהר מען איז אבער בעשטאנען אז ניט דערפאר איז דער פארשלאג אנגענומען געווארען ווייל ער האט באמת אלעמען בעפריעדיגט נאר ווייל קיין אנדער אויסוועג איז ניט געווען ס'איז דייטליך אז אזא מין סארט ארגאן וועט ניט ארויס רופען קיין גרויסע סימפאטיען ניט ביי די יודישיסטען, ניט ביי די העברעאיסטען. די וואס קענען ניט קיין העברעאיש וועלען געוויס קוקען אויף דער העברעאישער אבטיילונג ווי אויף עפעס א צוטשעפעניש. אויסער דעם קען ארויסקומען מיספערשטענדניסען אין דער רעדאקציע גופא צוליעב דער גרויס פון יעדער אבטיילונג א זאך וואס קען פאראויס ניט רעגולירט ווערען. די מיספערשטענדניסען אז זיי וועלען ווערען בעקאנט די ברייטע סטודענטען־מאסען. קענען ארויסרופען ניט קיין

דייטליכע. מען נויטיגען זיך נור זיי בעסער צו פארמולירען און זיי צופאסען צו די לאקאלע בעדינגונגען פון פערשידענע לענדער. נאר דא ווערט בעריהרט די קאפלעצירטע פראגע וועגען דער שפראך פון פערבאנד ארגאן. ארום דער פראגע האבען זיך די דעלעגאטען, ווי מען האט גלייך בעמערקט, מאביליזירט, מען גרייט זיך צו א קאמפף. מען בעמערקט דייטליכע ריכטונגען: פון איין זייט יודישיס־טען פון דער אנדערער העבראיסטען אדער ווי זיי האבען זיך אליין אנגערופען „דיאליסטען” קיין בעשטימטע פאדערונגען שטע־לען דערווייל די ריכטונגען ניט ארויס, אבער מען פיהלט ווי יעדע ציהט אין איהר זייט. וועגען ווירקען איינע אויף די אנדערע קען קיין שום רעדע ניט זיין. דא זענען געקומען מענשען מיט פעסטע איבערצייגונגען און קיין שענע ווערטער וועט געוויס ניט צושטערען דאס, וואס האט זיך פעסטגעשטעלט פון יאהרען לאנג. דאך געפינט יעדער פאר נויטיג ערפיהלען זיין דעלעגאטען־חוב און ארויסזאגען די מיינונגען פון זיין קאלאניע אדער זיינע פערזענליכע אנשויאונ־גען. אויפ'ן בימה געהען ארויף און אראפ איינער נאכ'ן אנדער'ן כמעט אלע דעלעגאטען. בלאס און מאנאטאניש זענען זייערע רעדעס. ניטא צווישען זיי קיין טאלאנטפולע רעדנערס, ניט קיין טיעפע דענקער. אלץ איז עפעס אזוי אויבערפלעכליך, יונגעלש־עס ווערט אומעדיג אלץ אויסצוהערען און דער צוזאמענפאהר וועהלט אויס א קולטורעלע קאמיסיע פון 7 פערזאנען, וועלכע האט געדארפט אויסארבייטען די קולטורעלע פראגראם און הויפטזעכליך געפינען אנ'אויסוועג אין דער שפראך פראגע.

די קאמיסיע האט דייטליך פארמולירט די קולטורעלע אויפגאבען פון פערבאנד און האט זיי אויסגעדריקט אין א רייהע רעזאליוציעס, וועלכע זענען כמעט איינשטימיג אנגענומען געווארען פון צוזאמענ־פאהר. שווער איז אבער געווען אויסצוארבייטען די קאמפראמיסען וועגען דער שפראך־פראגע פון ארגאן, וועלכע זאלען בעפריעדיגעןביידע צדדים. ס'זענען געווען פערשיעדענע פארשלאגען. צוערשט

„זיי אין זייער קאמפף פאר אונזערע רעכט און פאר אונזער ווירדע".

עס ווערט פעסט געשטעלט דער סדר־היום און מען געהט אי־בער צום תוך פון צוזאמענפאהר.

אמאל ווערען וויכטיגע פראבלעמען געלעזט אליין פון זיך, גרויסע שטרייט־פראגען, פאר וועלכע ס'דוכט ס'איז שווער צו געפינען אנ־אויסוועג, ווערען דורכ'ן לעבען אליין פערענטפערט און אלץ קומט אויס דאן אזוי פשוט אזוי דייטליך. אויפ'ן צוריכער צוזאמענפאהר איז אויף אזא אופן געלעזט געווארען די פראגע פון דער שפראך פון צוזאמענפאהר. די ערשטע ווערטער, די ערשטע בעגריסונגען זענען געזאגט געווארען אין יודיש און פאר אלעמען איז דייטליך געווען אז יודיש איז די איינציגע שפראך אויף וועלכער די יודישע סטו־דענטענשאפט קען זיך צונויפרעדען. די פראגע וועגען דער אפיצי־עלער שפראך פון צוזאמענפאהר און פערבאנד אויסער דער פראגע וועגען ארגאן איז גאר קיין איין מאל ניט ערוועקט געווארען. אפילו די פאר דעלעגאטען, וואס האבען שווער פערשטאנען יודיש, הא־בען געמוזט אנערקענען אז יודיש איז און מוז זיין אונזער אפיציעלע שפראך.

דאס זעלבע איז אינגאנצען ניט ערוועקט געווארען די פראגע וועגען אנטייל נעמען אין פערבאנד פון פארטייאישע ארגאניזאציעס אלע זענען געווען איינשטימיג, אז דער פערבאנד וועט נאר דאן קענען האבען א קיום ווען אין איהם וועלען אריינגעהען נאר אונ־פארטייאישע פעראיינען.

אזוי זענען צוויי וויכטיגע שטרייט־פראגען געלעזט געווארען אהן וכוחים.

אויפ'ן סדר־היום שטעהט די וויכטיגסטע פראגע — דאס ארגא־ניזירען די קולטורעלע טהעטיגקייט פון פערבאנד. דער רעפערענט בעלייכט און אונטערשטרייכט די קולטורעלע בעדערפניסען פון דער יודישער סטודענטענשאפט און מאכט פראקטישע פארשלאגען דעם צוזאמענפאהר מכוח דעם ענין. אלע פארשלאגען זענען איינפאכע,

דורכפיהרען זייער פארטייליניע. נאר אט ביים ערשטען בעגעגנען, ביים אריינגעהען אין „טיוואלי״־זאל זעהט איהר א גרויסען אויפ־שריפט אויף בלוי־ווייסען פאפיר «ברוכים הבאים». ווייטער — דער גאנצער זאל איז דעקארירט מיט בלוי־ווייס. הערשט דא אפשר די ציוניסטישע ריכטונג? ניין, ניט די העברעאישע אויפשריפטען, ניט די בלוי־ווייס פארבען ווייזען בשום אופן ניט אן אויף קיין בע־שטימטע ריכטונג. דא פיהלט זיך נאר דער גרויסער יראת הכבוד פאר אונזער היסטארישער שפראך. דא זאגט מען דייטליך ארויס די בלוי־ווייס פארב איז ניט קיין מאנאפאליע פון די ציוניסטען. דאס איז אנ׳אלגעמיין נאציאנאלע פארב.

אנ׳אחדות שטימונג האט געהערשט אין זאל. צו האט אבער די אחדות טיעפע ווארצלען? צו וועט דער צוזאמענפאהר זיין ארבייטס־פעהיג? — דאס האט מען גזעהן האט בעאונרוהיגט די דעלעגאטען.

מיט גרויס פייערליכקייט איז געעפענט געווארען דער צוזאמענ־פאהר. בעגריסונגען נאך בעגריסונגען, טעלעגראמען נאך טעלעגראמען. דער עלטסטער יודישער סטודענט ד״ר נתן בירנבוים, וואס איז ביי־רוישענדע אפלאדיסמענטען געוועהלט געווארען אלס עהרען־פאר־זיצענדער פון צוזאמענפאהר, גיעט איבער זיינע יונגע חברים זיינע ערינערונגען וועגען דער גרינדונג פון ערשטען יודישען סטודענטען־פעראיין „קדימה״ מיט 30 יאהר צוריק אין וויען.

דער צוזאמענפאהר האט גלייך פון אנהויב ארויסגעוויזען זיין שארפע אויפרעגונג געגען אנפאל פון די פוילישע סטודענטען אויף זייערע יודישע קאלעגען אין לעמבערגער אוניווערסיטעט און האט אוועקגעשיקט פאלגענדע טעלעגראמע:

„אויפגעבראכט פון דעם טרויעריגען געשעהעניש אין לעמבערג, „וואו פוילישע סטודענטען זענען מיט אנטיסעמיטישע אכזריות „בעפאלען זייערע יודישע קאלעגען, דריקט דער צוזאמענפאהר „אויס זיין טיעף מיטגעפיהל די לעמבערגער חברים און בעגריסט

דענטענשאפט האט ערוואכט און איז מסוגל צו ערפיהלען איהר היסטארישען חוב. פון אלע ברעגען מערב־אייראפא, פון קעניגסבערג פון גענט, פון טולוז זענען געקומען דעלעגאטען אום צו איבערגע־בען די מיינונגען און האפנונגען פון יודישען סטודענט. 40 דעלע־גאטען פון 27 יודישע פעראיינען און 30 הויכשולען האבען זיך צו־נופגעקליבען. אין נאמען פון 1350 ארגאניזירטע יודישע סטודענטען האבען גערעדט די דעלעגאטען. די אנציהונגס קראפט פון צוזאמענ־פאהר איז געווען אזוי גרויס אז ניט קוקענדיג אויף דער שארף נעגאטיווער בעציהונג פון די „הויכע ספערען” פון „בונד” צום צו־זאמענפאהר, זענען צווישען די דעלעגאטען געווען אויך 7 בונדיס־טען און סימפאטיזירענדע צום „בונד”.

צוערשט האט די ידיעה וועגען אנטייל נעהמען אין צוזאמענ־פאהר פון אזעלכע דיאמעטראלע ריכטונגען ווי ציוניסטען און בונדיס־טען איבערצייגטע יודישיסטען און פערברענטע העברעאיסטען זעהר בעאונרוהיגט אלע, וואס האבען געציטערט איבער דער גאנצקייט פון צוזאמענפאהר. נאר שוין פון די ערשטע בעקאנטשאפטען, פון די ערשטע מיינונגסטוישונגען צווישען די דעלעגאטען האט זיך ארויסגעוויזען, אז ביי אלע ריכטונגען עקזיסטירען א גרויסער בא־דען פאר געמיינזאמע ארבייט און, וואס איז נאך וויכטיגער, ביי אלע דעלעגירטע איז פארהאן א שטרעבונג צו בעפעסטיגען דעם באדען פאר געמיינזאמער ארבייט; אלע זענען געקומען אהער ניט צו פראקלאמירען אבסטראקטע פרינציפען לשם פרינציפען נאר ערנסט צו בעטראכטען אלע ברענענדע און אנגעוועהטאגטע פראגען פון סטודענטען־לעבען און זענען גאר ניט געשטימט זיך צו קריגען צוליעב א קיצו של יוד. די זעלבע שלום־שטימונגען האבען, ווי ס'ווייזט אויס, געהערשט אויך צווישען די איינארדנער פון צוזא־מענפאהר. פאר קיינעם איז ניט געווען קיין סוד אז די מערהייט פון די אינציאטארען געהערען צו דער ס.־ס.'שער ריכטונג און מען האט שטארק גערעדט אז אויפ'ן צוזאמענפאהר וועלען זיי געוויס

בנגע דער ארגאניזאציאנס פראגע האט עקזיסטירט א שוואכע ריכטונג אז אין פערבאנד זאלען קענען אנטייל נעהמען אויך פאר־טייאישע פעראיינען.

אט די אלע שטרייט־פראגען האט געדארפט בעטראכטען דער צוזאמענפאהר און געבען א געהעריגען ענטפער, וואס זאל בעפריע־דיגען אלע ריכטונגען.

עס איז געוויס איצט נויטיג בעטראכטען אויף וויפיעל דער צו־זאמענפאהר האט אויסגעפילט אלע זיינע אויפגאבען, אבשאצען אלע אנגענומענע בעשלוסען און געבען אנ׳איבערבליק וועגען די שטי־מונגען וואס האבען געהערשט צווישען די דעלעגאטען.

צום ציוריכער צוזאמענפאהר האט מען זיך פערברייטעט א לאנגע צייט, איינער נאך אנ׳אנדערען האבען גענומען אויף זיך די גרויסע היסטארישע איניציאטיוו זשענעווער, דארמשטאדטער, און צו לעצט, מיט מעהר ערפאלג, סטראסבורגער פעראיין. לויט דעם פארשלאג פון די סטראסבורגער חברים איז צוזאמענגערופען געווארען א פארקאנפערענץ וועלכע האט אויסגעוועהלט אנ׳ארגאניזאציאנס קאמיסיע און בעשטימט דעם ציוריכער צוזאמענפאהר.

דער צוזאמענפאהר האט געדארפט געבען אנ׳ענטשיעדענעם ענטפער: צו איז אין דער יודישער סטודענטענשאפט טאקע בעהאל־טען אזוינע שעפפערישע קרעפטען, וואס זענען בכח ארויסטרעטען אויף דעם נייעם פון נאציאנאלער ארגאניזאציע אדער די גאנצע נאציאנאלע בעוועגונג איז ניט מעהר ווי א זויפענבלאז, א פוקציע. ס׳האט געדארפט קלאר ווערען צו וועט די יודישע סטודענטען־שאפט אין מערב־אייראפא, וואס איז ביז אהער געווען טויב און שטום צו ריין־יודישע אנגעלעגענהייטען, צושטעהן צו די נייע נא־ציאנאלע טענדענצען אדער זי וועט אויף ווייטער בלייבען פער־גליווערט און פערשטיינט.

דער ציוריכער צוזאמענפאהר, וואס האט זיך אויפגעעפענט דען 7־טען מערץ, האט געגעבען א דייטליכען ענטפער: די יודישע סטו־

געווארען די אנגעווייטאגטע שפראך־פראגע. צום גליק האבען די ויכוחים וועגען דער שפראך גלייך פון אנהויב אנגענומען אנ׳אייגענ־ארטיגען כאראקטער· דאס איז ניט געווען קיין פראגע וועגען דעם וועלכע שפראך די יודישע אדער העברעאישע איז, דארף און וועט זיין די נאציאנאלע שפראך. ניין, די יודישע סטודענטענשאפט האט זיך געשטעלט, אפשר צום ערשטען מאל, אויף א ריין פראקטישען באדען און האט נאר דיסקוטירט די פראגע וואס פאר א פארם זאל אננעמען די קינפטיגע צייטשריפט פון פערבאנד, ווי זאל בנגע דער שריפט געלעזט ווערען די שפראך־פראגע.

וועגען דער אקאדעמישער טהעטיגקייט פון קינפטיגען פער־באנד איז כמעט גאר ניט געווען גערעדט. אלעמען איז געווען קלאר· אז כל זמן די יודישע סטודענטענשאפט וועט שטעהן איינזאם אין קאמפף פאר איהרע רעכט׳ וועט זי קיין גרויסען ערפאלג ניט האבען. זי מוז זיך גוט ארגאניזירען, צוציהען צו זיך די נאציאנאלע טיילען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין מערב־אייראפא און ארויסרופען צו זיך די אויפמערקזאמקייט און סימפאטיע פון דער גאנצער פראגרעסיווער אייראפא. נאר דאן איז מעגליך עפעס אויפ־צוטהון. אז דער צוזאמענפאהר מוז אונבעדינגט ארויסצוזאגען זיין שארפסטען פראטעסט געגען דער אנטי־יודישער בעוועגונג אין די דייטשע אוניווערסיטעטען איז פאר אלעמען דייטליך געווען און איז דעריבער אפילו אינערגעץ ניט דיסקוטירט געווארען.

דאגעגען האט געהערשט פערשידענע מיינונגען בנוגע דער עקאנאמישער טהעטיגקייט· איין ריכטונג האט געהאלטען אז יודישע סטודענטענשאפט דארף זיך ארגאניזירען אויך אויף דעם עקאנאמי־שען געביט אלס י ו ד י ש ע נאר דאן וועט זי האבען ערפאלג, ווייל נאר דאן וועט איהר קומען צו הילף די יודישע געזעלשאפט סיי פון מזרח סיי פון מערב. די צווייטע ריכטונג האט זיך נאך אלץ גערעכענט מיט די פיקטיווע «אלגעמיינע» קאלאניעס און האט פארגעלעגט די עקאנאמישע טהעטיגקייט איבערגעבען אין זייער קאמפיטענץ.

יעדער איינציגער יודישער סטודענט האט אנגעהויבען זיך צו פערפאלקאמען. שפעטער האט די ערשיינונג אנגענומען א געזעל־שאפטליכען כאראקטער און זיך צעוואקסען אין א נאציאנאלער בע־וועגונג, וואס פאדערט שוין סיסטעם און ארגאניזאציע.

עס איז בעשלאסען געווארען אויפצורופען א צוזאמענפאהר.

דער צוזאמענפאהר האט געזאלט רעגועלירען אלע פראגען, וואס זענען ערוועקט געווארען ביי דער יודישער סטודענטענשאפט. פריהער פאר אלץ — די קולטור־פראגע. דער צוזאמענפאהר האט געדארפט צוזאמענקניפען די גאנצע יודישע סטודענטענשאפט אין מערב־איירא פא אום דורך געמיינזאמע קרעפטען איהר געבען די מעג־ליכקייט פערווירקליכען אלע קולטורעלע אונטערנעהמונגען. דער צוזא־מענפאהר האט געדארפט לעזען או״ך די ריין אקאדימישע פראגע פון יודישען סטודענט, וועלכע האט זיך בעזונדערס פערשאפט פאר דער לעצטער צייט. די שווערע לאגע אין וועלכער ס׳געפינט זיך די יו־דישע סטודענטענשאפט אין דייטשלאנד, וואו ס׳ווערען איינע נאך די אנדערע פערמאכט די אוניווערסיטעט׳ס טהירען פאר׳ן יודישען סטודענט, די וואקסענדע אנטיסעמיטישע שטימונגען אין אנדערע לענדער האט געפאדערט אז דער צוזאמענפאהר זאל מאכען א גע־וויסען ענטשיידענעם טראט. ווייטער האט דער צוזאמענפאהר גע־דארפט בעטראכטען די פראגע וועגען קומען צו הילף ד״ נויט בע־דערפטיגע יודישע סטודענטען. צום סוף סאנקציאנירען דעם פאקט פון דער גרינדונג פון פערבאנד פון די יודישע סטודענטען־פעראיי־נען אין מערב־איירא פא און בעשטעטיגען די תקנות פון פערבאנד.

נאר שוין פריהער מיט א האלב יאהר פאר׳ן צוזאמענפאהר האט מען אנגעהויבען פיהלען אז אין די שיכטען פון דער יודישער סטו־דענטענשאפט הערשט ניט קיין איינינקייט מכח אלע פראגען, וועל־כע דער קינפטיגער צוזאמענפאהר האט געדארפט בעטראכטען. גע־וויס האט ניט געקענט זיין פרינציפיעלע חלוקי־דעות וועגען פראק־טישע פראגען אין דער קולטורעלע ארבייט. נאר דא איז בעריהרט

ניעס א נייעם טיפ יודישען סטודענט. זיין דעוויז איז: „ד ע ר י ו־ ד י ש ע ר ס ט ו ד ע נ ט — פ א ר ׳ ן י ו ד י ש ע ן פ א ל ק״. דער נייער יודישער אינטעלעגענט איז נ י י דערמיט וואס ער קומט צום פאלק ניט מיט קיין משיח־אידעען, ניט מיט קיין מיסיאנס־אידעען פון אונזערע רבנים און ראבינערס אין י ו ד י ש דערמיט וואס ער טראגט ניט אונטער דעם פאלק קיין אגראר פראגראמען וועגען סא־ ציאליזאציע אדער נאציאנאליזאציע, נאר קומט צום פאלק און רעדט צו איהם וועגען זיינע לעבעדיגע אינטערעסען, וועגען זיינע ברענענ־ דיגע בעדערפניסען. דער יודישער סטודענט איז דער סימבאל פון דער וואקסענדער ניי יודישער קולטור.

נאר דער יודישער סטודענט ווייס און פערשטעהט וואס פאר א שווערע אויפגאבען עס שטעהען איהם פאר, וואס פאר אנ׳אחריות ער האט אויף זיך גענומען, די אויפגאבען פון יודישען סטודענט איז בעזונדערס שווער דערפאר, וואס ער איז נאך א גאנץ נייע ערשיי־ נונג אין דעם יודישען געזעלשאפטליכען לעבען. אינטער איהם ליגט א צעשמעטערטע וועג בעדעקט מיט פינסטערניש און פוסטע טראדי־ ציעס און פאראויס אמת א ליכטיגע זון אבער א וועג פול מיט שטיי־ נער און דערנער. שוואך איז נאך דער יודישער סטודענט און איינ־ זאם. ניטא נאך קיין בעשטימטע שיכטען אין דער יודישער געזעל־ שאפט אויף וועלכע ער זאל זיך קענען שטיצען, אויסער א קליינע הייפעלע בעוואוסטזיניגע און דעמאקראטיש געשטימטע פערזאנען, דעריבער טאקע האט דער יודישער סטודענט זיך פריהער פאר אלץ געשטעלט אלס ציעל — ענטוויקלונג און קרעפטיגונג. אויסווארצלען פון זיך אלץ וואס צושטערט דעם יודישען גייסט און פלאנצען אין זיך ליעבע און איבערגעבענקייט צום אייגענעם פאלק, איינזאפען אין זיך די ניי־יודישע פאלקס־קולטור, ערלערנען די אלטע היסטא־ רישע נאציאנאלע קולטור מיט איהר רייכער העברעאישער שפראך און דאן קומען צום פאלק אלס מעכטיגע און ערליכע קינדער — דאס איז אונזער שטרעבונג.

אנשויאונגען לויט זיין ארט לעבען און זיין געזעלשאפטליכע טהע־טיגקייט. די מעהר געזעלשאפטליכע עלעמענטען פון אט דער אוננאר־מאלער אינטעלעגענץ האבען געזוכט פערהילכען זייער אינערליכען אנטאגאניזם אין קאמפף פאר א פרייער געזעלשאפט פאר א פרייען מענשען ווייל דאן, האבען זיי געגלויבט, וועט אויך דער י ו ד ארויס־געפיהרט ווערען פון זיין אונערטרעגליכער לאגע. דערמיט האבען זיי געזאלט בערוהיגען זייער געוויסען. די סטודענטישע קאלאניעס אין מערב־אייראפא אין 5־טען יאהר, איז געווען פול מיט דעם טיפ אינטעלעגענט. דעריבער טאקע האט דארט אזוי געקאכט דאס גע־זעלשאפטליכעס לעבען. קיין אינטעלעגענץ האט נאך קיינמאל ניט געקעמפפט מיט אזא היץ און איבערגעבענקייט פאר אינטערסען וואס זענען איהר ווייט און אפטמאל ניט בעקאנט ווי דאס יודישע. „איך קעמפף פאר ע ר ד און איהר פאר דער א ג ר א ר ־ פ ר א ג ע” דער מאהן איך מיך א פראזע וואס א רוסישער דעלעגאט האט געזאגט צו א יודישען אויף א צוזאמענפאהר.

נאך דעם רוישיגען לעבען אין די אויסלענדישע קאלאניעס אין 5טען און 6טען יאהרען איז געווארען שטיל. עס האט זיך אנ־געהויבען די געזעלשאפטליכע רעאקציע א גלייכצייטיג א רעאקציע אין מח פון יודישען אינטעלעגענט. ער האט זיך אנגעהויבען ארומ־קוקען וואו ער האלט אין דער וועלט, וואוהין האבען איהם די שטאר־קע געזעלשאפטליכע חוואלען פערטראגען, וואס האט איהם געגעבען זיין קאמפף און וואס האט ער איהם אין אלגעמיינעם געקענט גע־בען. און אין דער צייט ווען אויסערליך איז געווען שטיל אין די קאלאניעס, איז אינעווייניג אין הארצען אין מח פון יעדען אינטע־לעגענט־יוד, וואס איז נאך ניט אינגאנצען אבגעריסען געווארען פון זיין פאלק, פארגעקומען א ריק־רעאקציע, א פערוואנדלונג פון אינ־טעלעגענט־יוד צוריק אין א יודישען אינטעלעגענט. און ווען די גע־זעלשאפט האט נאך אפינפיאהריגען שלאף זיך ווידער אנגעהויבען צו ריהרען, זעהען מיר שוין פאר זיך אין די אויסלענדישע קאלא־

# דער יודישער סטודענט

געווידמעט די אינטערעסען פון דער יודישער יוגענד בכלל און פון
דער יודישער שטודירענדער יוגענד בפרט.

רעדאגירט דורך קאנד. אינזש. י. ליפשיץ און י. פאדרוזשניק.

ערשטער באנד. מערץ־אפריל 1913. 4-5 העפט.


י. ליפשיץ.

## ציוריכער צוזאמענפאהר.

איינע פון די וויכטיגסטע ניט־נארמאלע ערשיינונגען אין יודי־שען געזעלשאפטליכען לעבען זייט דער צייט פון השכלה אן, איז געוויס דער טרויעריגער פאקט, וואס די יודישע אינטעלעגענץ האט זיך אליין מעהר אבגעריסען פון די ברייטע פאלקס־שיכטען און אנ־געהויבען זיך צופאסען צו דער אויסערליכער סביבה און אין גאנצען לעבען מיט איהרע אינטערעסען. די יודישע מאסע איז געבליעבען אין א פערגליווערטען צושטאנד אהן לעבעדיגע שטרעבונגען און אהן געהעריגע גייסטיגע פיהרערס. די אסימילאציאנס־בעוועגונג, בעפוצט מיט דער קאסמאפאליטישער אידיאלאגיע האט בעהערשט דעם יודישען אינטעלעגענט און איהם פערוואנדעלט אין אנ׳אינטע־לעגענט־יוד, וואס שטעהט שוין ווייט פון זיין פאלק, קוקט אויף איהם מיט בעדויערונג, אפט מיט פעראכטונג.

א צוצווייטער מענש איז געווען אט דער אינטעלעגענט וואס איז געווען יוד לויט זיין אבשטאמונג, ערציהונג און זיין גאנצען וועזען און אנטי־יוד לויט זיינע אינטערעסען, לויט זיינע

# אינהאלט:


י. ליפשיץ — — — — — — — — ציוריכער צוזאמענפאהר.

אברהם וויעוויארקא — — — — — ביי די טויערען פון רוים.

י. קרעפליאק — — — — — — — א נאכט פון שרעק.

לייב יאכנאוויטש — — — חנה׳לע.

י. פאדרוזשניק — — — — — די סביבה פון יונגען דור.

ל. יאקובסאן — — — — — — — די יודישע סטודענטענשאפט אין ווארשוי.

פון דער רעדאקציע.



געדרוקט און ארויסגעגעבען פון יוסף ליטיטשעווסקי.
קאפענהאגען, הויסערגאדע 36.

Nr. 4. זאמעלבוך. 1913.

# דער יודישער סטודענט

פרייז 75 סאנטים.

# L'etudiant Juif.

**Mensuel littéraire et scientifique**

consacrè aux intèrêts des ètudiants juifs et de la jeunesse juive en gènèral.

*Rédigé par J. LIPCHITZ et J. PODRUSNIK.*

**Prix de l'abonnement:**

| | | | |
|---|---|---|---|
| un an: | 7.00 frs | 2.70 roubles | 6 Marks |
| six mois: | 3,50 „ | 1.35 „ | 3 „ |

Redaction et administration:

**Gand (Belgique) Rue Van Hulten 35.**

Imprimerie „Journal de la Semaine"
Ioseph Litischevski, Copenhague Hausergade 36.

# אין אמעריקע ערשיינט

דאס

# «נייע לעבען»

רעדאגירט פון ד"ר. חיים זשיטלאווסקי.

אינהאלט פון ערשטען נומער:

ד"ר ח. זשיטלאווסקי — ר. שטאמלער און זיין סאציאלער מאניזם.

י. אדלער — * * * (געדיכט).

דוד פינסקי — בערגשטייגער.

א. ראובני — מזרח'שע מאטיוועו.

בן נתן — דער פראגמאטיזם.

ליב יאכנאוויטש — צביה (ערצעהלונג).

ו. ו. שווארץ — * * * (געדיכט).

ב. בראון — וואס הערט זיך מיט יוטא קאלאניע?

ד. פ. — רעצענזיע („שריפטען").

יובל־דאקומענטען — טעלעגראמען.

אבאנעמענטס־פרייז:

א יאהר 1.50 דאלאר

א האלב „ 0.75 „

אדרעס:

„Dos Naye Leben" 276 East Brodway. New-Jork.

ס'איז ערשינען

# „די יודישע וועלט" Nr. 1
# יאנואר־בוך 1913


י. ל. פרץ: דער דין־תורה מיט׳ן ווינט („פאלקס־מעש׳לע) — 3

י. קרני: ליעדער — 11

ש. אש: חורבן ירושלים (פאעמע) — 13

דוד איינהארן: ליעדער — 25

ה. ד. נאמבערג: די משפחה (פיעסע) — 27

דער נסתר: זיבען פאסטוכער — 44

ש. ניגער: דוד איינהארן — 60

ל. קעניג: שמואל הירשענבערג — 71

בעל־דמיון: חיים זשיטלאווסקי (צו זיין יובילעי) — 78

י. צינבערג: דער „קול מבשר" און זיין צייט — 89

בערטאלדי: כלל־ישראל־פאליטיק — 99

י. עפרען: פאליטיק און בירגערליכקייט — 104

נתן. בירנבוים: פון מערב — 110

ח. ד. הורוויץ: דאס יודישע לעבען (איבערזיכט) — 117

א. ווילנער: ליכט אין שאטען (איבערזיכט) — 130

ביבליאגראפיע — 140

פון דער רעדאקציע: — 145


אילוסטראציעס: חיים זשיטלאווסקי (פארטרעט); ש. הירשענ־בערג — 1) אווטאפארטרעט, 2) די ישיבה, 3) גלות.

א ב א נ ע מ ע נ ט ס ־ פ ר י י ז.

| אין רוסלאנד: | | אין אויסלאנד: | |
|---|---|---|---|
| א יאהר | — 4 רובל. | א יאהר | — 5 רובל. |
| א האלב „ | — 2 רובל. | א האלב „ | — 2.50 רובל. |
| א פיערטעל | — 1 רובל. | א פיערטעל | — 1.25 רובל. |

איינציגע ביכער צו 40 קאפ.

א ד ר ע ס:

„Die Jüdische Welt" Wilna (Russland).

האלטענדיג זיך ביי דער פראגראם, וואס איז אנגעמערקט גע־ווארען אין פראספעקט פון אונזער שריפט, נעהמט די רעדאקציע אן אלע מיטלען אום צו בערייכען יעדע אבטיילונג בעזונדער. לויט דעם אלגעמיינעם פערלאנג האט די רעדאקציע אבגעגעבען א געהעריגען ארט דאס בעשרייבען (אין בעזונדערע ארטיקלען און אין סטודענ־טען־כראניקע) דאס לעבען אין פערשידענע קאלאניעס. אין די וויי־טערדיגע נומערן וועט געעפענט ווערען א „פרייע דיסקוסיאנס־טריבונע” וואו די לעזער וועלען קענען בעהאנדלען פראגען, וואס זענען שייך אונזער פראגראם די רעדאקציע רעכענט אויך עפענען א בעזונדער אבטיילונג פאר דער אויספארשונג פון דער יודישער שפראך. איצט מערקט מען אין אייניגע קאלאניעס א שטרעבונג גרונ־דען ביי די פעראיינען „יודיש־סעקציעס” צו ערפארשען די יודישע שפראך. די אלע סעקציעס וועלען בעקומען די מעגליכקייט דורכ'ן «יודישען סטודענט» עפענטליך צו דיסקוטירען אלע פראגען, וועלכע זיי וועלען געפינען פאר נויטיג און אינטערעסאנט.

די רעדאקציע ארבייט אויס א זאמעל־בוך־קאלענדאר: «לוח פון יודישען סטודענט» אלס אומזיסטע ביילאגע פאר אלע אבאנענטען.

די רעדאקציע האט בעקומען פיעל בריעף, אין וועלכע מען פרעגט אונז אן, וועלכע ארטיקלען מיר וואלטען געוואלט: בעקומען פאר אונזער שריפט.

די רעדאקציע קען אנווייזען אויף פאלגענדע ארטיקלען:

1) וועגען דער געשיכטע פון פערשידענע סטודענטען קאלאניעס.

2) וועגען די בעציהונגען פון דער ארומיגער בעפעלקערונג צו די יודישע סטודענטען.

3) וועגען שמד.

4) וועגען די נאהנטסטע אויפגאבען פון יודישען אינטעלעגענט ביי איצטיגע לעבענס־בעדינגונגען אין רוסלאנד.

5) וועגען די מערב־יודען.

און רופט ארויס א זעלטענעם געפיהל.

דאס אויפלייכטען פון אזא שטראהל האב איך געפיהלט, ווען מען האט אנגעהויבען צו פערווירקליכען די אידעע פון א פערבאנד נאציאנאל-יודישע סטודענטען, דאס זעלבע האב איך אויך געפיהלט, אז איך האב געלעזען דעם «יודישען סטודענט».

עס דאכט זיך, עס הויבט אן ביסלעכווייז מקוים צו ווערען גע־דאנקען, אז דאס מאסענהאפטע אוועקגעהן וועט זיך ענדיגען מיט א מאסענהאפטען צוריק קעהרען, האבענדיג אוועקגעגאנגען פון פאלק, זייענדיג אבגעריסען פון איהם אויף א קורצע צייט, הויבען.. קינדער פון פאלק אן זיך צוריק צו קעהרען צו זייער היים און צוזאמען דערמיט אויך צו זייער פאלקס־שפראך.

די שווערע ארבייט מיטצוהעלפען צו פערווירקליכען די אידעא־לען פון די איינזאמע אויפגעלעבטע האט איהר מוטהיג גענומען אויף אייערע שולטערן. דאנקבארקייט פון פאלק און ערפאלג פון אייער ארבייט וועט זיין אייער לוין!

איך ווינש פיעל גליק און לאנג לעבען דעם ערשטען עכטען יודישען סטודענטען זשורנאל!

מיט חבר־גרוס און גרוס פון אויפלעבונג

אברהם שאטץ, קאנד. יור.

היידעלבערג, 2/1 1913.

# פון דער רעדאקציע.

צוליעב די גרויסע טעכנישע שוועריגקייטען, וועלכע זענען פערבונדען מיט'ן ארויסגעבען „דעם יודישען סטודענט” אויך צוליעב דעם, וואס די מיטגליעדער פון דער רעדאקציע זענען געווען פער־נומען מיט דער פארברייטונג־ארבייט צום צוזאמענפאהר אויפ'ן ארט ווי אויך אין די נאהנטע קאלאניעס, האט דער 2 טער נומער ניט געקענט ערשיינען צו דער צייט. מיר גיבען איצט ארויס א דאפעלט־נומער און מיר האפען אז דער איצטיגער נומער וועט בעגעגענט ווערען ניט מיט ווייניגער בעגייסטערונג, ווי דער ערשטער.

נע רעכנונג, דעם דראנג אראבצואווארפען פון זיך די פרעמדע קול־טור־פארם און דעם בעוואוסטזיין פון דער אייגענער שוואכקייט, הילפלאזיגקייט, פערבונדען מיט דעם געפיהל, אז די שאפונג פון דעם אייגענעם, נאך וואס עס ציהט אזוי די נשמה, געפינט ניט דעם נויטיגען אבקלאנג אין טויזענדער הערצער, וואס זאלען זיך איינע די אנדערע פארשטעהן, וואס זאלען האבען די זעלבע צוקונפטס־טרוימען.

דאס געפיהל פון איינזאמקייט, פון גלייכגילטיגקייט ביי די ארו־מיגע, וואס קענען די בענקשאפט אין דעם דראנג צו א נייען לע־בען ניט פארשטעהן: איינזאמקייט און סימפאטיעלאזיגקייט — דאס איז געוועזען די טראגיק (און איז אין א געוויסער מאס נאך אויך איצט) פון די צוקונפטס־טרוימער.

אונזער ליעבער, פער׳חלום׳טער דוד איינהארן האט דאס יעניגע געפיהל, וואס איז אויך זיין געפיהל געוועזען, אויסגעדריקט אין דעם טיעף און עכט דורכגעפיהלטען געדיכט; „די איינזאמע״:

איינזאמע!

ווער וועט זיך טיילען מיט אונזערע ליידען,

ווער?

דערטרונקען אין פינסטערע נעכט וועלען ווערען

די ביינקענדע טענער פון אונזערע ליעדער

און קיינער נישט, קיינער וועט לאזען א טרעהר... און ד. וו.:

א מיידעל וועט אפשר אמאל אונז פערנעהמען

און ס׳וועט איהר פון מיטלייד אין הארצען פערקלעמען.

א פריינד וועט אמאל אפשר זיפצען בעהאלטען,

א קרוב וועט שיינקען א טרייסט־ווארט א קאלטען

נאר קיינער ניט.

קיינער

וועט פיהלען דעם צער. א. ז. וו.

און מיט אמאל דערלאנגט א לייכט פון ערגיץ וואו א שטראהל..

# ברייף אין רעדאקציע.

געעהרטע רעדאקציע!

ערלויבט אונז דורך אייער זשורנאל מיטטיילען דער יודישער שטודירענדער יוגענד אין אלע לענדער, אז אין בערן האבען די סטודענטען פון רוסלאנד געגרינדעט א חבר־ביורא, וואס אינפאר־מירט יעדען דורך די גענויסטע ידיעות וועגען היגען אוניווערסיטעט און אנדערע לעהר־אנשטאלטען, וועגען לעבענס־בע־דינגונגען, ווי אויך וועגען דער שווייץ בכלל. אויף ענטפער בעטען מיר צולעגען 2 מארקעס צו 10 קאפ. מיר דאנקען אייך פאראויס.

מיט אכטונג, סעקרעטאר סטוד. מעד. שפראך.

בערן 17/1 1913 זיך ווענדען לויט'ן אדרעס:

*Bern, Hogantweg 5, Russische Lesehalle.*

ליעבע חברים!

דאס געפיהל, וואס איך האב געהאט ביים לייענען דעם פראס־פעקט וועגען „יודישען סטודענט" און שפעטער דעם זשורנאל אליין, לאזט מיר ניט אנדערש זיך צו ווענדען צו אייך.

אז איך האב געלייענט דעם זשורנאל, האב איך זיך געפיהלט ווי אויפגעמונטערט. איז די געשיכטע מיט דער אויפלעבונג פון פאלק און פון דער יוגענד ווירקליך געוועזען ניט בלויז א זיסער טרוים פון אונזער טרויעריגען לעבען?

מען האט געערעדט, אבער טיעף אין מוח האט געגריבעלט דער געדאנק, אז די ערוואכטע, די אויפגעלעבטע זיינען נאר איינצעלנע, איינזאמע נשמות, טראגישע טיפען. טראגיש ניט דערפאר, וואס זייער אויסערליך לעבען האט זיך אזוי אונגליקליך צוזאמענגעלעגט, נאר אויך פול מיט אינערליכער טראגיק צוליעב דעם געפיהל פון ווידערשפרוך צווישען דעם דראנג אנצוהויבען לעבען אויף אייגע־

דעם צוזאמענפאהר און ענדליך איז מען געקומען צו פאלגענדע בעשלוסען:

1) וועגען דער שפראך־פראגע זיך האלטען ביי דער רעזאלוציע פון צוריכער קאנפערענץ.

2) דער ארגאן פון קינפטיגען פערבאנד דארף ארויסגעגעבען ווערען נור אין י ו ד י ש.

3) עס דארף געגרינדעט ווערען א צענטראלע אונטערשטיצונגס־קאסע מיט לאקאלע אבטיילונגען.

4) אין טאגעס־ארדנונג פון צוזאמענפאהר מוז אויך געשטעלט ווערען די פראגע וועגען די בעציהונגען פון די דייטשע סטודענטען צו די יודישע.

5) אין צוזאמענפאהר קענען אנטייל נעהמען פארשטעהער נור פון אונפארטייאישע פעראיינען.

אין ב ר ע ס ל ו י איז דא נאר אנ׳אבטיילונג פון פעראיין „שטודירענדער אויס רוסלאנד” וואס רופט זיך אן «יודישע זעלבסט־בילדונג». אין דער אבטיילונג נעהמען אנטייל 30 מאן אין דער צייט ווען אין פעראיין זענען פאראן 75 מיטגליעדער. די הויפט צילען פון דער אבטיילונג איז צו שטודירען די יודישע געשיכטע און ליטערא־טור אבער ס׳איז צו מערקען א גרויסען אינטערעס צו א ל ע יודי־שע פראגען. צו בעטראכטען די פראגע וועגען דער צוריכער צוזא־מענפאהר איז צוזאמענגערופען געווארען א ק א ל א נ י א ל ע פער־זאמלונג קיין פריציפיעלע געגנער האבען זיך גארניט געפונען. עס איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע אין וועלכע די פערזאמלונג בעגריסט הייס דעם צוזאמענפאהר און בעשליסט שטיצען איהם מא־ראליש און מאטעריעל.

2) צום צוזאמענפאהר דארפען צוגעלאזען ווערען פארשטעהער אויך פון פארטייאישע פעראיינען.

3) אין אלע איבעריגע פונקטען איז דער פעראיין מיט די בע־שלוסען פון דער פארקאנפערענץ מסכים.

4) דער פעראיין בעהאלט פאר זיך דאס רעכט און האלט עס פאר זיין חוב אויפצוהויבען די אלע פראגען אויפ׳ן צוזאמענפאהר.

בנוגע צום צוזאמענפאהר פון «סטודענטען אויס רוסלאנד» האט זיך דער פעראיין ארויסגעזאגט ענטשידען ג ע ג ע ן. א רעזאלוציע וועגען דעם איז איבערגעליינט ג ע וו א ר ע ן אויף א קאלאניאלער פערזאמלונג.

דער יודישער אקאדעמישער קולטור פעראיין אין מ ִי נ כ ע ן האט פאר צוויי יאהרען געהאט 9 בונדיסטישע מיטגליעדער. נאר צוליעב דעם בעשלוס פון פעראיין אנטייל צו נעהמען אין יודישען סטדענ־טען צוזאמענפאהר זענען זיי אלא ארויסגעטראטען. איצט איז אויך ארויסגעטראטען פון פעראיין די ציוניסטישע גרופע, 12 מאן וועלכע איז ניט געווען איינשטימיג מיט די רעזאלוציעס, וואס זענען אנגע־נומען געווארען אין גייסט פון צוריכער קאנפערענץ, דער ביישפיעל מיט די מינכענער בונדיסטען און ציוניסטען ווייזט בולט אן ווי שעדליך עס איז אריינטראגען ענגע פארטיי־פרינציפען אין א אלגע־מיינעם יודישען סטודענטען־פערבאנד.

פון צוריך איז מען מודיע אז דארט מערקט מען א לעבעדיגען אינטערעס צום צוזאמענפאהר. דער פעראיין צעהלט ביז 60 מיטגליע־דער און אלע זענען הייסע אנהוינגער פון פערבאנד. צוריך וועט זיין פערטראטען אויפ׳ן צוזאמענפאהר דורך 2 דעליגאטען.

אין ב א ז ע ל איז פארגעקומען א רייהע פערזאמלונגען, עס זענען בעטראכט געווארען פערשיעדענע פראגען, וואס זענען שייך

דער נאך האט מען געזונגען: «שירי העם» „הכנוסיני תחת כנפך״— ביאליק (אין העברעאיש און אין יודישער איבערזעצונג) „א בריוועלע דער מאמען״ א· אנד. רייך איז אויך געווען דער מוזיקאלישער טייל. בעזונדער האט דעם עולם געפעהלען «א פרעהלעכס». א חבר האט דאס שפּיעלען מייסטעריש אקאמפּאנירט מיט פייפען. אנ׳אנדער חבר (ער שטאמט פון חסידים) האט דערצעהלט אנציהענדע מופתים פון בעל־שם־טוב. צום סוף „התקוה״ אזעלכע אבענדען רעכענט מען איינארדענען יעדען מאנאט, די טעג האט אנגעהויבען פונקציאני־רען די «יודיש — סעקציע» וואס שטעלט זיך אלס ציעל גרונדליך צו ערלערנען די יודישע גראמאטיק, זוכען נייע ווערטער און אויס־דרוקען וואס פעהלען אין דער יודישער שפּראך און דערנאך דורך געמיינזאמע קרעפטען צוזאמענשטעלען א רוסיש־יודישען ווערטערבוך.

שבת דען 22 טען פעברואר וועט דא פארקומען אנ׳אלגעמיינע פערזאמלונג פון «התחיה». ס׳וועלען קאנסטיטואירט ווערען אלע איבעריגע סעקציעס פון פעראיין און ס׳וועט געוועהלט ווערען א דעליגאט צום צוזאמענפאהר.

עס ווערט פּראיעקטירט דעם 23 טען פעברואר א צוזאמענפאהר פון אלע יודישע סטודענטען פעראיינען אין בעלגיען דארמ־שטאדטער פעראיין «מכביה» איז דער ערשטער וואס האט פּא־פּולאריזירט דעם לעזונג פון פעראייניגונג ביז צוריכער פארקאנפע־רענץ האט ער מוטהיג געפיהרט די גאנצע פארבערייטונגס־ארבייט צום צוזאמענפאהר, פון דער פארקאנפארענץ איז אבער „מכביה״ געבליעבען אונצופריעדען. דער בעריכט וועגען דער פארקאנפערענץ האט ארויסגערופען אין פעראיין הייסע וכוחים און ענדליך זענען אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציעס:

1) דער פעראיין שטעהט אויפ׳ן שטאנדפּונקט פון גלייכבערעכ־טיגונג פון יודיש און העברעאיש.

דעבאטען זיינען געווען בנוגע דער שפראך פראגע ווי אויך וועגען דעם עקאנאמישען פונקט. די מעהרהייט האט זיך ארויסגעזאגט אז די שפראך פראגע דארף נישט געלעזט ווערען פרינציפיעל נאר פון פראקטישען שטאנדפונקט. און אז דער עקאנאמישער פונקט געהט אריין אין די קאמפעטענץ פון צוזאמענפאהר און מוז זיין איינער פון זיינע ציעלען. צו לעצט איז געווארען אנגענומען די רעזאלוציע פון דער קאנפערענץ.

דעם 15 מערץ וועט פארקומען א גרויסער ציוניסטישער אווענד־באל מיט טענץ ארגאניזירט פון „קדימה" ס׳ווערט זעהר אייפריג געארבייט. די דעקאראציע וועט זיין אין פאלעסטינא־סטיל. (די קי־אסקען בלומען א. ז. וו.) די פראגראם וועט זיין זעהר אינטערעסאנט דער ערפאלג איז א געזיכערטער. אין די צווייטע העלפט פון פעברואר פעראנשטאלטעט «חרות» א גרויסען מוזיקאל־ליטערארישען אווענד מיט אנטייל פון דעם בעוואוסטען שריפטשטעלער שניאור.

די רוסישע ביבליאטעק האט איינגעארדענט אנ׳אבענד מיט טענץ, ס׳איז געווען א גרויסער עולם. אבער געזונגען האט מען «פון חאס־לאוויטש קיין ליבאוויטש» און געטאנצט א "פרעהליכעס".

אין גענט האט מען די «יודישע ביבליאטעק און לעזע־זאל» פערוואנדעלט אין א יודישען סטודענטען־פעריין מיט׳ן נאמען «התחיה».לויט די אנגענומענע תקנות שטעלט זיך דער פעראיין זעהר ברייטע ציעלען: דער פעראיין דארף ארומנעהמען אלע בעדערפניסען פון יודישען סטודענט. דער פעראיין בעשטעהט פון פיעל אויטאנאמע סעקציעס, וואס זענען צוזאמענגעבונדען דורך אנ׳אלגעמיינעם קאמיטעט, דעם 1 טען פעברואר האט די סעקציע פאר ליטעראטור און קונסט איינגעארדענט אנ׳אבענד מיט א רייכער ריין יודישער פראגראם. מען האט פארגעלעזען „די מתנה" פון ז. שניאור, „שפוך חמתך" — ל. שאפירא "הואשעס «די העלדין פון זשיטאמיר» איניגע הומאריסטישע זאכען פון שלום עליכם און דעם טונקעלנ׳ס

אונערוואַרטעט בעשׂ׳פען און דאס קען זיין א סכנה פאר דער גאנצ־
קייט פון צוזאמענפאהר.

אין בערלין האט אנגעהויבען ערשיינען א ציוניסטישע סטודענ־
טען־בלאט אין דער רוסישער שפראך: «יעווריעיסקי סטודענט» מיר
געפינען דארט, אויסער איינ׳גע ציוניסטישע זאכען און קארעספא־
דענציעס, אנ׳ארטיקעל וועגען פראיעקטירטען אלגעמיינעם (ניט יודי־
שען) סטודענטען־צוזאמענפאהר און אויך די רעזאלוציעס, וואס זע־
נען אנגענומען געווארען אויף סטראסבורגער (ווי דער ניט יודישער)
קאנפערענץ. אין דעם ארטיקעל ווערט אנגעוויזען, אז צום אלגע־
מיינעם צוזאמענפאהר דארפען מיר ניט געהן, ווייל מיר דארפען
ניט אונטערהאלטען דעם פיקטיווען רוסישען כאראקטער פון
די יודישע קאלאניעס אין אויסלאנד. מיט איינ׳גע אויסנאהמען—
ווערט אנגעוויזען—בעשטעהען די אויסלענדישע קאלאניעס פון יודען
מיר דארפען זיך דעריבער ארגאניזירען אלס יודישע סטודענטענ־
שאפט, בעשאפען אנ׳אייגענע ארגאניזאציע און אלס אזעלכע קא־
ארדאנירען די טהעטיגקייט מיט אנדערע ארגאניזאציעס.

אין גאנצען נומער געפינען מיר כמעט גארניט וועגען אונזער
קינפטיגען צוזאמענפאהר אין צוריך און וועגען דער גאנצער פאר־
בערייטונגס־בעוועגונג צו איהם. דאס איז געוויס גרויסער פעהלער
מצד דער רעדאקציע, דאך מאכט דער ערשטער נומער א גוטען
איינדרוק.

אין פעראיין «חרות» ליעזש אויף צוויי גרויסע פערזאמלונגען
האט מען בעהאנדעלט די פראגע פון יודישען סטודענטען צוזאמענ־
פאהר. ס׳זיינען ארויסגעזאגט געווארען מיינונגען אז „חרות" מוז צו
זאמענרופען א קאלאניאלע פערזאמלונג פון אלע יודישע סטודענטען
און דארט זאלמען בעהאנדלען די פראגע ווי אויך קלויבען דעלעגא־
טען. דער פארשלאג איז געווארען אבגעווארפען. זעהר לעבהאפטע

# סטודענטען־כראניקע.

די ארגאניזאציאנס־קאמיסיע פאר צענויפרופען דעם צוזאמענ־פאהר פון די יודישע סטודענטען־פעראיינען אין מערב־אייראפא האט זייט דער פארקאנפערענץ צעשיקט:

1) א בעריכט וועגען דער ערשטער זיצונג פון א—ק.

2) צירקולאר־בריעף Nr. 1

3) מודעה וועגען אינפארמאציאנס־בלעטעל.

4) צירקולאר־בריעף Nr. 2

5) אינפארמאציאנס־בלעטעל Nr. 1

אין דאס העקטאגראפירט אינפארמאציאנס־בלעטעל וואס די א.־ק. האט נאר וואס צעשיקט געפינען מיר, אויסער מעהרערע בריעף פון פערשיעדענע דייטשע און שווייצערישע יודישע קאלאניעס, א גע־נויעם בעריכט פון דער א.־ק. די א.־ק. ווייזט אן אויף דער וויכטיג־קייט פון צוזאמענפאהר, אויף דעם, אז די אידעע פון יודישען סטו־דענטען־פערבאנד האט געפונען א אבקלאנג כמעט אין אלע יודישע קאלאניעס, דאס געזעלשאפטליך לעבען האט א דאנק דער צוזאמענ־פאהר־בעוועגונג אויפגעלעבט אין א סך ערטער. די א.־ק. האט גע־פיהרט א פיעל זייטיגע טהעטיגקייט און נור צוליעב טעכנישע שטערונגען און געלט־מאנגעל האט זי ניט געקאנט דורכפיהרען אלע בעשלוסען וואס די פארקאנפערענץ האט געהאט אנגענומען.

אין דאס אינפארמאציאנס־בלעטעל זאגט ארויס די א.־ק. איהר מיינונג, מען זאל די דעלעגאטען צום צוזאמענפאהר ניט בינדען מיט אימפעראטיווע אולטימאטיוו־מאנדאטען. אמת עס איז גאנץ נאטיר־ליך אויסדריקען און בעשיצען דורך די דעלעגאטען די אנשויאונגען פון די פעראיינען, וואס האבען זיי געשיקט אבער מען דארף נעה־מען אין בעטראכט, אז דערמיט צווינגט מען דעם דעלעגאט זיך ניט רעכענען אפילו מיט דער פערוויקעלסטער לאגע, וואס ווערט אמאל

בעזונדער פון איין ארדענטליכער פערזאמלונג ביז דער צווייטער דורך געהיימע אבשטימונג און צו 1 פארשטעהער פון יעדער סעקציע.

§ 27. דער פארזיצענדער איז דער אפיציעלער פארשטעהער פונ׳ם פעראיין, ער געהט אריין אין בעציהונגען מיט אנדערע אנשטאלטען, פיהרט דעם ביורא פאר סטאטיסטיק און אנקעטען.

§ 28. דער סעקרעטאר פיהרט די שריפטליכע ארבייט פונ׳ם פעראיין און פערוואלטעט מיט׳ן אינפארמאציאנס־ און ארבייטס־ביורא.

§ 29. דער קאסיר פערוואלטעט מיט די געלד־ענינים און בוכפיהרונג פונ׳ם פעראיין.

§ 30. אין פאל פון א נויטוועגדיגקייט וועהלט דער קאמיטעט צווישען זיך געהילפען פאר דער אדער יענער פונקציע.

י"א. די רעוויזיאנס־קאמיסיע פונ׳ם פעראיין.

§ 31. די רעוויזיאנס־קאמיסיע בעשטעהט פון 3 פערזאן, וואס ווערען אויסגעקליבען אויף יעדער ארדענטליכער אלגעמיינער פערזאמלונג דורך געהיימע אבשטימונג.

אנמערקונג צום § 31:

א מיטגליעד פון קאמיטעט טאר ניט זיין גלייכצייטיג א מיטגליעד אין דער רעוויזיאנס־קאמיסיע.

§ 32. די רעוויזיאנס־קאמיסיע האט דאס רעכט צו יעדער צייט צו רעווידירען די קאסע און די חשבונות פונ׳ם פעראיין און אין פאל פון א נויטוועגדיגקייט האט זי דאס רעכט צונויפצורופען אנ׳אלגעמיינע פערזאמלונג.

י"ב. די ליקווידירונג פונ׳ם פעראיין.

§ 33. מיט׳ן אומבייטען פון די ציעלען פונ׳ם פעראיין רעכענט ער זיך אלס צופאלען און זיין פערמעגען געהט איבען אין רשות פונ׳ם אלגעמיינעם יודישען סטודענטען־פערבאנד, אדער אנ׳אנדער געזעלשאפט מיט אנאלאגישע ציעלען, אויב דער פערבאנד וועט ניט עקזיסטירען.

נישט געווען די געזעצליכע צאהל מיטגליעדער, ווערט צונויפ־
גערופען א צווייטען מאל מיט דער זעלבער טאגעס־ארדנונג
און איז גילטיג ביי יעדער צאהל אנטיילנעהמער.

§ 20. די איינלאדונגס־קארטען מיט דער טאגעס־ארדנונג ווערען פו־
נאנדערגעשיקט ניט שפעטער אלס 3 טעג פאר דער אלגע־
מיינער פערזאמלונג.

אנמערקונג צום § 20:

אין אויסערארדענטליכע פאלען קאן דער קאמיטעט עובר זיין
געגען דעם § 20 און אננעהמען אנדערע מיטלען כדי מודיע
צו זיין די מיטגליעדער וועגען דער פערזאמלונג.

§ 21. דער פרעזידיום פון יעדער זיצונג ווערט אויסגעקליבען דורך
געהיימער אבשטימונג אויף דער פערזאמלונג גופא.

§ 22. אויב אויף דער טאגעס־ארדנונג פון דער פערזאמלונג שטעהט
די ענדערונג פון די תקנות, די ענדערונג פון א פריהער אנ־
גענומענער רעזאלוציע, אדער די פראגע וועגען אויסשליסען
א מיטגליעד, דאן איז די פערזאמלונג גילטיג נאר ביי דער
אנוועזענהייט פון לפחות $^2/_3$ אלע מיטגליעדער פונ׳ם פעראיין

§ 23. די רעזאלוציע וועגען די אויבענדערמאהנטע ספעציעלע פרא־
גען קאנען אנגענומען ווערען נאר מיט א רוב דעות פון $^2/_3$
פון אלע אנטיילנעהמער פון דער פערזאמלונג.

§ 24. געסט, ניט מיטגליעדער, האבען נאר א בעראטונגס־שטימע.

י. דער קאמיטעט פונ׳ם פעראיין.

§ 25. דער קאמיטעט איז דער אויספיהרענדער ארגאן פונ׳ם פער־
איין, ער רופט צונויף די אלגעמיינע פערזאמלונגען, בעשטימט
זייער טאגעס־ארדנונג, בעזארגט די ווירטשאפטליכע ענינים
פונ׳ם פעראיין און שטעלט צו דער אלגעמיינער ארדענטליכער
פערזאמלונג א שריפטליכען דין־וחשבון פון זיין טעטיגקייט.

§ 26. דער קאמיטעט בעשטעהט פון 3 פערזאן: א פארזיצענדער,
א סעקרעטאר און א קאסיר, וועלכע ווערען געוועהלט יעדער

אנמערקונג צו די פונקטען 1, 2 און 3 פון § 14:

דער קאמיטעט פונ׳ם פעראיין האט דאס רעכט צו בעפרייען א מיטגליעד טיילוויז, אדער אינגאנצען פון אבצאהל.

4) יעהרליכע לאטעריי לטובת דער ביבליאטעק און לעזע־זאל.

5) אווענדען, די הכנסות פון וועלכע ווערען צוטיילט לויט׳ן איינזעהן פונ׳ם קאמיטעט פונ׳ם פעראיין.

6) נדבות.

ט. די אלגעמיינע פערזאמלונגען פונ׳ם פעראיין.

§ 15. די אלגעמיינע פערזאמלונג קלייבט אויס דעם קאמיטעט און די רעוויזיאנס־קאמיסיע פונ׳ם פעראיין, גיט זיי דירעקטיווען, בעטראכט זייער דין־וחשבון און נעהמט אן בעשלוסען וועגען אלע אנדערע ענינים וואס זענען שיך דעם פעראיין.

§ 16. די אלגעמיינע פערזאמלונגען טיילען זיך אויף ארדענטליכע און אויסערארדענטליכע.

§ 17. די ארדענטליכע אלגעמיינע פערזאמלונגען קומען פאר 3 מאל יעהרליך: ביים אנהויב פון די למודים, קארנאוואל־צייט און צום סוף לעהר־יאהר.

§ 18. די אויסערארדענטליכע אלגעמיינע פערזאמלונגען ווערען צונויפגערופען דורכ׳ן קאמיטעט לויט זיין בעשלוס, לויט׳ן פארשלאג פון דער רעוויזיאנס־קאמיסיע, אדער לויט דער פאדערונג פון ניט וועניגער אלס $1/_3$ מיטגליעדער פונ׳ם פעראיין, וועלכע דארפען דערביי פארשטעלען דעם קאמיטעט זייער טאגעס־ארדנונג.

§ 19. יעדע אלגעמיינע פערזאמלוגג פונ׳ם פעראיין איז גילטיג ביי דער אנוועזענהייט פון ניט וועניגער אלס $1/_2$ פון אלע מיטגליעדער פונ׳ן פעראיין.

אנמערקונג צום § 19:

די פערזאמלינג, וועלכע איז נישט פארגעקומען, ווייל עס איז

## ח. די הכנסות פונ׳ם פעראיין.

‏14 §. די הכנסות פונ׳ם פעראיין בעשטעהען פון:

1) 1.50 פר. איינטריטס־געלד, וואס ווערט פונאנדערגעטיילט אין ביודזשעט לויט׳ן ווילען פונ׳ם מיטגליעד.

2) 0.50 פר. אלגעמיינער אבליגאטארישער חדש־אבצאהל, פון וועלכען עס געהט 25 .0 פר. אויף די דירה פונ׳ם פעראיין, 0.15 פר. אויפ׳ן ווירטשאפטליכען פאנד און 0.10 פר. אויפ׳ן רעזערוו־פאנד.

אנמערקונג צום פונקט 2 פון 14 §:

די מיטגליעדער, וועלכע צאהלען נאר דעם אבליגאטארישען חדש־אבצאהל 0.50 פר. האבען דאס רעכט צו בעטייליגען זיך אויסשליסליך אין דער אומזיסטער סעקציע פאר ליטעראטור און קונסט.

3) 1.50 פר. א חדש סעקציאנס־אבצאהל, וועלכע גיט דאס רעכט צו בעטייליגען זיך אין אלע סעקציעס און פון וועלכען עס געהט 0.75 פר. אויף די ביבליאטעק און לעזע־זאל, 0.05 פר. אויף די קורסען, 0.40 פר. אויף די וויסענשאפטליכע סעקציע, 0.25 פר. אויף די הילפס־קאסע און 0.05 פר. אויף די ספארטיוו-גימנאסטישע סעקציע.

אנמערקונג צום פונקט 3 פון 14 §:

די מיטגליעדער, וועלכע נעהמען אנטייל נאר אין איינצעלנע סעקציעס צאהלען לויט׳ן פאלגענדען טאריף:

| | |
|---|---|
| ביבליאטעק און לעזע־זאל . . . . | 1.00 פר. |
| קורסען . . . . . . . . . . | 0.10 „ |
| וויסענשאפטליכע סעקציעס . . . . | 0.50 „ |
| הילפס־קאסע . . . . . . . . . | 0.30 „ |
| ספארטיוו־גימנאסטישע סעקציע . . | 0.10 „ |
| ס״הכ. . | 2.00 פר. |

ד. די בעציהונגען פונ׳ם פעראיין צו אנדערע ארגאניזאציעס.

5 §. דער פעראיין קאארדינירט זיין טעטיגקייט מיט אלע אנדערע ארגאניזאציעס, וועלכע שטעלען זיך אנאלאגישע ציעלען.

6 §. א חוץ דעם געהט דער פעראיין, לויט נויטווענדיגקייט, אריין אין בעציהונגען אויך מיט פערשידענע אנדערע געזעלשאפטען.

ה. די אפיציעלע שפראך פונ׳ם פעראיין.

7 §. די אפיציעלע שפראך פונ׳ם פעראיין איז יודיש.

אנמערקונג צום 7 §: אויף די פערזאמלונגען קאנען זיך די רעדנער בענוצען אויך מיט אנדערע שפראכען.

ו. דער בעשטאנד פונ׳ם פעראיין.

8 §. א מיטגליעד פונ׳ם פעראיין קאן ווערען יעדער, וואס איז פאל־שטענדיג מסכים מיט די ציעלען פונ׳ם פעראיין.

ז. די רעכטען און די פליכטען פון די מיטגליעדער.

9 §. יעדער מיטגליעד האט, לויט נאך זיין אבצאהל, דאט רעכט זיך צו בעטייליגען אין אלע, אדער נאר אין איינצעלנע סעקציעס פונ׳ם פעראיין.

10 §. יעדער מיטגליעד האט שטימרעכט אויף די אלגעמיינע פער־זאמלונגען און רעפערענדומס פונ׳ם פעראיין און פון יעדער סעקציע, אין וועלכער ער איז פערשריעבען.

11 §. דאס שטימרעכט איז פערזענליך און קאן בשום אופן ניט איבערגעגעבען ווערען.

12 §. יעדער מיטגליעד איז מחויב אבצוהיטען די תקנות.

13 §. א מיטגליעד, וואס האט נישט אריינגעטראגען זיין אבצאהל אין א משך פון 2 חדשים און האט ניט אנגעוויזען קיין גע־נינגענדע סבות, הערט אויף זיך צו רעכענען אלס מיטגליעד.

## א. די ציעלען פונ׳ם פעראיין.

§ 1. דער פעראיין »התחיה« שטעלט זיך פאלגענדע ציעלען:

1) געבען זיינע מיטגליעדער די מעגליכקייט צו בעפרידיגען זייערע קולטורעלע, געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע בעדערפ־נישען און אויך מיטהעלפען דער פיזישער ענטוויקלונג פון זיינע מיטגליעדער.

2) רעאגירען אין דער אדער יענער פארם אויף אלע וויכטיגע ערשיינונגען און געשעהענישען פון יודישען געזעלשאפטליכען לעבען.

## ב. דער האראקטער פונ׳ם פעראיין.

§ 2. דער פעראיין »התחיה« איז אנ׳אינטערפארטייאישע פעדעראציע פון פערשידענע אויטאנאמע סעקציעס, וועלכע פערוואלטען זיך זעלבסטשטענדיג אין זייערע אייגענע אנגעלעגענהייטען דורך אייגענע תקנות.

§ 3. די תקנות פון די סעקציעס טארען ניט סותר זיין די תקנות פונ׳ם פעראיין.

## ג. די מיטלען פונ׳ם פעראיין.

§ 4. צו דערגרייכען די אויבענדערמאהנטע ציעלען בענוצט זיך דער פעראיין מיט פאלגענדע איינריכטונגען:

1) ביבליאטעק און לעזע־זאל,

2) קורסען פון יודיש, העברעאיש און פון יודישער געשיכטע,

3) סעקציע פאר ליטעראטור און קונסט,

4) סעקציע צו ערלערנען פערשיעדענע וויסענשאפטליכע און געזעלשאפטליכע פראגען בכלל און די יודענפראגע בפרט,

5) ביורא פאר סטאטיסטיק און אנקעטען,

6) הילפס־קאסע,

7) אינפארמאציאנס־און ארבייטס־ביורא,

8) ספארטיוו־גימנאסטישע סעקציע.

יִדישער סטודענטען-פעראיין * גענט * ASSOC. DES ETUDIANTS JUIFS «HATHIAH» GAND *

התחיה

# די תקנות

פונ׳ם

# יודישען סטודענטען-פעראיין

# „התחיה״

## אין גענט (בעלגיען).

אין לעבען. אויך אנ׳אינפארמאציאנס־ביורא פערמאגען מיר דא, וואס גיט ריכטיגע ידיעות קיין רוסלאנד און זוכט ארבייט אויפ׳ן ארט.

פעראינטערעסירט מען זיך אבער מיט דער נשמה יתירה פון שטודירענדע יודען, ווערט אביסעל „קאלאמוטנע”. פון די 300 בער־נער יודישע סטודענטען, ווען מ׳ווארפט אוועק א פאר צעהנדליג „משר רבינו׳ס פאליאקען” וואס זענען לחלוטין אבגעזונדערט אונטער זייער פוילישער פאהן, א גרופע עקסט־לינקע אסימילאטארען, און א געוויסע צאהל «עלטערע» וואס ענדיגען שוין און זענען ממילא אינ־דעפערענט צו אלעם, בלייבט דאך א היבשע מאסע... צוזייט און צו־שפרייט. 2 מיטעל־פונקטען, צוויי לעזע־זאלען (א יודישער או ן רו־סישער) זענען אפילו פארהאן, און א גאנץ צעטיל „יסטען” אויף א צוגאב. מאכט דער רוסישער זאל בעלער מיט... באלאלאיקעס און א עכטען טרעפאק. די «יסטען» טוהען גלאט גאר ניט, ווי זייער שטייגער איז. דעם יודישען לעזע־זאל האט קוים געלונגען דורכפיה־רען דריי וויכטיגע יודישע פארלעזונגען (פון י. לעשצינסקי, ניגער און דוד איינהארן), וואס זענען זעהר קנאפ בעזוכט געווארען. מיט אייןווארט, איהר האט דא ניט קיין זכר פון דער נאציאנאל־קול־טורעלער אויפלעבונג. איבערהויפט קומען וואס א יאהר אלץ יונגע־רע און יונגערע, נאך ניט קריסטאליזירטע. קוים וואס פון גימנאזי־סטישען בענקעל, גאנץ דערווייטערט פון געזעלשאפטליכען לעבען (ווער שמועסט שוין פון יודישען!) נאך אהן א פרציף. דא אויף דער זייט גרעניץ, איז אייגענטליך די וויכטיגסטע סטאדיע פון זיי־ער אינערליכער רייפקייט און זעלבסטבעשטימונג. און זיי וואלטען ערשט דא א סך ארייגעזאפט, ווען מ׳זאלווירקליך זארגען פאר זייער נאציאנאלער זעלבסט־ענטוויקלונג. קיין שום פארטיי מיט איהר ענגער פאלעמיק און שמאלע קלאמערן קען עס, פער־שטעהט זיך, ניט אויספיהרען. מיר סטודענטען מוזען זיך אליין אויס־העלפען. מיר מוזען זיך ארגאניזירען און פערווירקליכען די אידעע פון א סטודענטען־צוזאמענפאהר. בעזונדער איז עס א חוב פאר די סטודענטען אין דער שווייץ, וואס האבען א סך מעהרער אויסערלי־כע מעגליכקייטען ווי די דייטשע חברים.

אפרים.

ליזם, קולטור־אווטאנאמיע, העברעאיזם, יודישיזם, דאס זיינען פאר דעם סטודענט אונבעקאנטע ווערטער. ער קומט אין פעראיין, לייענט דאס רוב א גויאישע צייטונג, נאר אמאל חאפט ער אריין אויך א «היינט» אדער א „פריינד", ער בעזוכט די פארטראגען, הערט אלץ און שווייגט. אייגענטליך איז דאס די tabula rosa פון פעראיין, אויף וועלכער מ׳קען מיט דער צייט אויסקריצען דעם אדער יענעם דעוויז.

אט אויף דעם נייעם מין סטודענטען דארף דער פעראיין זיך וואס מעהר סטארען צו ווירקען, טיעפער און קלערער אויסקריצען אויף אט די דאזיגע ליידיגע לוחות אונזער נאציאנאלען גייסט.

וועגען די וויטערע אויסערע און אינערע פערהעלטניסען פון אונזער פעראיין בפרט און די קאלאניע בכלל אין א צווייטען בריעף.

# די סטודענטען-קאלאניע אין בערן.

נאך פאר די עפענטליכע רדיפות אויף שטודירענדע יודען פון רוסלאנד אין די דייטשע אוניווערזיטעטען איז ווידער די שווייץ געווארען דער מקום־מקלט און אהער האט זיך עס געלאזען דער גאנצער שטראם פון די צאהלרייכע יודישע «רייפע» יונגע לייט. ווייל נור דא זענען נאך דערוויל בדייט אפען די טויערען פאר דער יודישער שטודירענדער יוגענד, נור דא איז מען נאך צו אונז גאסטפריינדליך. און היינטיגען ווינטער־סעמעסטער איז די צאהל פון רוסישע יודען אין די שווייצערישע אוניוורסיטעטען שטארק געשטיגען אין בערן, למשל, האט זיך זייער צאהל פערדאפעלט. א פשיטה שוין איצט, אין די קומענדיגע סעמעסטערן, ווען ס׳וועלען זיך ווי פער׳סמ׳טע, א לאז טוהן אהער סטודענטען פון האללע, דארמשטאדט א. ז. וו. דערוויל, ווי די מעשה איז, לעבט זיך נאך דא פארלויפיג ניט שלעכט, די אוניוורסיטעטס־לופט איז א ריינע, די נשמה פאלט ניט ארויס פאר שרעק מ׳לערענט רוהיג. ס׳רוב סטודענטען זענען אויך גאנץ פערמעגליכע; דערביי פונקציאנירט א סטודענטען־קאסע פאר געגענזייטיגער הילף, וואס שטיצט א סך אויף לעקצ׳יעס

גען. אבער די לעצטע צייט איז אריינגעטראגען געווארן א געוויסע דיפערענצירונג צווישען די מיטגליעדער פון קלוב. עס האט זיך פון זיי דערווייל אויסגעבילדעט א ציוניסטישער און טערריטאריאליסטי־שער פעראיין. און די ערשיינונג האט, נאטירליך, פאר'ן קלוב געווי־סע חסרונות.

די דאזיגע «דיפערענצירטע» מיטגליעדער מוזען א געוויסע, און אפשר בעדייטענסטע, טייל פון ענערגיע שיינקען זייערע פארטיי־גרופען. אויך ווערט צוליעב דיעזע נייע ארגאניזאציעס דער אינערער קאמפף אין פעראיין גופא דייטשליכער, ארגאניזירטער, און דערמיט אויך פערביסענער, וואס איז פאר די עקזיסטענץ און ענטוויקלונג פון פעראיין נישט פון די גרויסע מעשיות.

אבער דאך מוזען מודה זיין די פארשטעהער פון די פערשיעדע־נע גרופען, אז די „דיפערענצירונג" דארף אונבעדינגט ניט שטערען די ארבייט פון פעראיין.

ביי געוויסע לאקאלע בעציהונגען, ביי געוויסע טאלעראנץ, און דאס איז דער עיקר, ביי אמת'ער נאציאנאלער בעוואוסטזיניגקייט קען און מוז פארטגעזעצט ווערען די ווייטערע ארבייט, וועלכע איז געמיינזאם פאר דעם יודישען סטודענט, צו וועלכער גרופע ער זאל נישט געהערען.

אויך נאך פאלגען האט געהאט די דיפערענצירונג. צוליעב איהר האט זיך נישט ווילענדיג אויסגעשיידט א גאנצע גרופפע פון זאגע־נאנטע «ווילדע», ד. ה. סתם נאציאנאליסטען. אבער אויך זיי קען מען איינטיילען אין גרופען.

עס זיינען דא אזעלכע, וועלכע געהערען צו דעם נייעם מין „אונפארטייאישע יודישיסטען». נישט ווילענדיג אדער נישט קענענ־דיג אריינטרעטען צוליעב די אדער יענע סבות אין די פארטייאישע גרופען, בלייבען זיי טריי דעם פעראיין און זייער יודישיזם. ס'איז נאך אבער דא א נייער סארט סטודענט צווישען די „ווילדע". דאס זענען די גלייכגילטיגע אדער אינדעפערענטע. ציוניזם, טעריטאריא־

דער «קלוב» געווארען יענע פעסטע נאציאנאלע ארגאניזאציע אין אונזער קאלאניע, מיט וועלכע מען מוז זיך רעכענען און מען רע־כענט זיך, אבער איך וויל דא איצט נישט אנריהרען די פערהעלט־ניסען פון פעראיין צו דער קאלאניע, דאס וועל איך טהון א צוויי־טען מאל. פארלויפיג איז נור וויכטיג קלאר צו מאכען די אינערע פערהעלטניסען אין „קלוב" גופא, אנאליזירען זיינע אינערע כחות און יסודות.

„אונפארטייאיש", דאס איז דער הויפט יסוד פון אונזער קלוב, בעסער געזאגט: «אינטערפארטייאיש», עס געהען אין איהם אריין פארשטעהער פון פערשידענע ריכטונגען. ס־סאווצעס און ציוניסטען פו"צ־סטען און אונפארטייאישע נאציאנאליסטען, הייסע יודישיסטען און פערברענטע העברעאיסטען. מ'ארבייט אלע צוזאמען און מען סטארעט זיך נישט שטערען איינער דעם צווייטען. און ווי די פראק־טיק אין אונזער קלוב האט געוויזען, וואלט קיינמאהל אין איהם ניט קומען צו קיין סכסוכים, ווען נישט די אונטאלעראנץ פון איינינע פארשטעהער פון דער אדער יענער ריכטונג, אויך ווען מען זאל זיך פערנעהמען נישט מיט דורכפיהרען טויטע פרינציפען וואס גע־העו פאלשטענדיג געגען די אמת'ע פאדערונגען פון לעבען, נאר מיט ממש רעעלער ארבייט. אונזער קלוב האט געשאפען א גרויסע לעזע־האלע, אין וועלכער עס זיינען דא פון 2 ביז 3 צעהנדליג יודישע העברעאישע, רוסישע און דייטשע צייטונגע און זשורנאלען, אונזער קלוב האט בעשאפען א ביבליאטעק, אמת, דערווייל נאך א קליינע, אין וועלכער עס זיינען, לײדער, כמעט גאר נישטא קיין יודישע בי־כער. עס איז בעשאפען געווארען א געוויסע נאציאנאלע סביבה, א געוויסער אינערליכער לעבען צווישען די מיטגליעדער פון קלוב, די צאהל פון וועלכע עס גרייכט ביי אונז ביז 50. און דאסאלץ איז גע־מאכט געווארען נור אין «אונפארטייאישע» בעדינגונגען, ווען מענ־שען האבען געארבייט פאר דער נאציאנאלער זאך, נישט וועלענדיג דורכפיהרען דערביי זייערע בעזונדערע די אדער יענע איבערצייגונ־

קינפטיגער כלל טהוער, א מענש וועלכע וועט ברייגנען נוצען זיין פאלק!"

און איך האב זיך שטיל צוגעהערט צו די פעסימיסטישע רעד פון מיין אלטען חבר און נישט געהאט וואס איהם צו ענטפערען. זאל איך אפלייקענען דעם פאקט. עס איז דאך פארט א אמת, וועלכער איז חאראקטעריסטיש אויך פאר אונזער קאלאניע. אבער צוקוקענדיג זיך נעהענטער צו דעם פאקט מוז מען זיך איבערצייגען, אז אין איהם שטעקט אויך פיעל טרייסט פאר אונז, נאציאנאל געזאגנע אדער איבערצייגטע סטודענטען. מיר האבען פערלוירען אין פערזענליכקייטען, אבער געוואונען אין דער מאסע. אויפ'ן חשבון פון יענע איינצעלנע פולע און קרעפטיגע זאנגען איז אויסגעוואקסען ביי אונז א גאנצע פעלד, וועלכע ווערט וואס א יאהר ברייטער און ברייטער, אויף וועלכען עס שפראצען אויס וואס ווייטער אלץ מעהרער און מעהרער נייע און פרישע זאנגען.

נאכדעם אנ'אנדער קאלאניע האט איבערגעלעבט דעם "שטורם און דראנג פעריאד" פון דער רוסישער רעוואלוציע, האט זיך אנגעהויבען ביי אונז, ווי אומעטום, אויפוועקען צו ביסלעכווייז דער נאציאנאלער גייסט. עס האבען זיך אנגעהויבען גרינדען נאציאנאלע פעאיינען, און מ'קען זאגען אז כמעט יעדער סעמעסטער אדער יאהר פלעגט זיך קאנסטרואירען א נייער פעראיין אדער אויפלעבען א אלטער און פלעגט ווידער און ווידער פאלען, ווי א קראנקער, וואס שטעהט אויף צום ערשטען מאל פון זיין געלעגער. אזוי איז עס געווען ביז 2 מיט א האלבען יאהר צוריק, ווען עס האט זיך געגרינדעט א אונפארטייאישער נאציאנאלער פעראיין אונטער דעם נאמען "יודישער סטודענטען קלוב". נאך דער עקזיסטענץ פון 1 סעמעסטער האט אויך דער «קלוב» אנגעהויבען נאכטהון זיינע פריהעריגע חברים און אנגעהויבען צו שוואנקען. ער האט זיך געטרייסעלט א גאנצען זומער־סעמעסטער. אויף ווינטער זיינען אנגעקומען נייע סטודענטען וועלכע האבען דערפרישט די כחות פון "קלוב" און פון דאן אן איז

די ביבליאטעק אליין האט ניט בעפרידיגען די אלע בעדערפנישען עס איז דעריבער איצט געגרינדעט געווארען „דער יודישער סטודענטען־פעראיין „התחיה" וואס שטרעבט צו ערציהען ערנסטע יודישע כלל־טהוער. מיר האפען אויף אזא אופן ערפיהלען דעם גרויסען חוב וואס ליעגט אויף דער יודישער אינטעליגענץ. מיר האפען דורך אחדות צו געפינען א וועג צו א בעסערער צוקונפט, צו אנארמאלען לעבען פון די יודישע פאלקס־מאסען צו התחיה!

גענט, יאנואר 1913.

ל. יאקובסאן.

# צוריכער קאלאניע.

ווען איך וויל אנהויבען שרייבען וועגען אונזער לעבען און שטרעבען אין אונזער קאלאניע, דערמאן איך מיר אן אשמועס מיט איינעם פון מיינע עלטערע חברים. מיר האבען גערעדט וועגען דעם היינטיגען נייעם דור פון אויסלענדישע סטודענטען, וועגען דעם איצטיגען האראקטער פון אנדערע קאלאניעס אין דער שווייץ. און דא האט מיין חבר אנגעהויבען דערצעהלען וועגען אמאליגע סטודענטען אין דער שווייץ פון וועלכע עס זיינען דערנאך ארויסגעקומען די יודישע כלל טהוער, שריפטשטעלער, א. א. וו.

„אמאל איז די קאלאניע אין דער שווייץ, האט זיך מיין חבר אנגעהויבען צו בעגייסטערן, געוועזען א נעסט פון וועלכען עס פלעגען ארויסגעהען דערנאך די אדלער פון יודישען פאלק, די שטערן, וועלכע בעשיינען נאך איצט אויך פיעלע ווינקלען פון אונזער יודישען לעבען. און היינט?... וואו זיינען זיי?... ווייזט מיר האטש איינעם פון אייערע אזוי גערופענע נאציאנאליסטען, פון אייערע פעראיינס־מיטגליעדער אויף וועלכען עס זאל ליעגען דער סמן פון א „אויסדערוועהלטען", וועגען וועלכען מ'זאל קענען זאגען: אט דאס איז א

געלאדען צו פערשרייבען זיך אין דער „יודישער ביבליאטעק" און נעהמען אנטייל אינ'ם יודישען געזעלשאפטליכען לעבען אום זיך פארצובערייטען צו ערפיהלען זייער חוב פאר דער יודישער פאלקס־מאסע. עס האבען זיך פעשריבען ביז 30 מאן.

עס איז כדאי צו בעמערקען אז בעת אין אנדערע קאלאניעס האבען די בונדיסטען ניט נאר בעטייליגט זיך אין קיין יודישע ביב־ליאטעקען, נאר אפילו געשטערט זיי — האבען דא, אין גענט, די עטליכע בונדיסטיש־געשטימטע סטודענטען, אין פערלויף פון די צוויי יאהר, וואס די „ביבליאטעק" (לעז פעראיין) האט עקזיסטירט שטענדיג גענומען אנ'אקטיווען אנטייל אין איהר טהעטיגקייט. איצט זענען ארגאניזירט געווארען ביי אונז קורסען פון יודיש און העב־רעאיש, דער אינטערעס צו געזעלשאפטליכע פראגען בכלל און צו די פראגען פונ'ם יודישען לעבען בפרט האט זיך שטארק ענטוויקעלט. דאס בעמערקט זיך נאך דער צאהל פון די רעגעלמעסיגע לעזער פון דער יודישער פרעסע, דאס פיהלט זיך נאך די געלדזאמ־לונגען, וואס זענען דא געמאכט געווארען אויף פערשידענע געזעל־שאפטליכע צוועקען. דאס זעהט מען בולט פון דעם, אז ווען מיט א יאהר $1^1/_2$ צוריק האט א פארטראג וועגען די פויליש־יודישע בעצי־הונגען, נאך עטליכע וואכען רעקלאמירען, צוגעצויגען נאר 3־4 מאן, האט היינטיגס יאהר א רעפעראט וועגען דער טעאריע און פראקטיק פונ'ם „פועלי־ציון" שוין אויף מארגען נאך דער מעלדונג וועגען דעם געהאט א פארצעהנדליג צוהערער.

די גענטער יודישע קאלאניע איז איצט געווארען פאפולער צו־ליעב דעם «יודישען סטודענט» וואס איז געווידמעט די אינטערעסען פון דער יודישער יוגענד בכלל און פון דער יודישער שטודירענדער יוגענד בפרט.

אזוי וואקסט דער בעוואוסטזיין פון דער גענטער יודישער סטודענטענשאפט און עס וואקסען גלייכצייטיג אויך איהרע קולטורע־לע געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע אינטערעסען און בעדערפנישען

און קאמיטעטען — דאך האט זיך געפיהלט אז די יודישע ביבליא־טעק שטעהט שוין איצט אויף א פעסטערען באדען ווי אין דעם ערשטען יאהר פון איהר עקזיסטענץ און אז זי ווארצעלט זיך איין אלץ טיעפער אינ'ם לעבען פון דער היגער יודישער סטודענטענשאפט.

ווען מען האט אנגעהויבען ביי אונז רעדען אין 1912־טען יאהר וועגען דעם אלגעמיינעם יודישען סטודענטישען צוזאמענפאהר זענען פארגעקומען הייסע וכוחים וועגען דעם אנטייל נעהמען פון אונזער אנשטאלט אין דעם צוזאמענפאהר, עס זענען געוועזען אי פרינציפיע־לע געגנער אי פרינציפיעלע אנהייגער פונ'ם אנטיילנעהמען. וועגען דעם האט מען גערעדט אויף עטליכע פערזאמלונגען און סוף כל סוף האט מען, נעהמעהדיג אין בעטראכט די פערהעלטניסמעסיג קליינע צאהל מיטגליעדער און די שוואכע מאטעריעלע מיטלען, בעשטימט ניט צו שיקען קיין דעלעגאט אויפ'ן צוזאמענפאהר (ענדע זומער, אין דארמשטאדט), נאר צו בעפאלמעכטיגען דעם פארזיצענדען צו אינ־טערעסירען זיך מיט די הכנות צום צוזאמענפאהר, וואס ווערען גע־מאכט אין די שכנ'ישע קאלאניעס און צושטעלען וועגען דעם א ספעציעלען בעריכט.

מיט די עקזאמענעס און די זומער קאניקולען איז די טהעטיגקייט פון דער ביבליאטעק ווידער אבגעשוואכט געווארען, דאך האט זי געקאנט פונקציאנירען דעם גאנצען זומער ביז'ן אנהויב פונ'ם אקא־דעמישען יאהר און ווי נאר ס'האבען זיך אנגעפאנגען די למודים איז איהר ארבייט געווארען ברייטער און פרוכטבארער.

צוליעב דעם, וואס די דייטשע הויכשולען מאכען גרויסע שווי־ריגקייטען די יודישע סטודענטען און אין גענטער אוניווערסיטעט איז דער אנקומען פיעל גרינגער, האט זיך די היגע יודישע קאלאניע צום נייעם 13/1912 לעהריאהר מעהר ווי פערדאפעלט געגען פאר א יאהרען. (30—70).

דער קאמיטעט פון דער ביבליאטעק האט ארויסגעלאזען אנ'־אויפרוף צו די נייגעקומענע יודישע סטודענטען און האט זיי איינ־

געבוירען אויף דער יודישער גאס». אויף אזא אופן איז די ביבליאטעק ביסלעכווייז פאקטיש פערוואנאדעלט געווארען אין א מין פעראיין וועלכער האט נאמינאל געהייסען «ביבליאטעק».

אין גיכען האט אבער די ארבייט געמוזט אבגעשוואכט ווערען און די צאהל מיטגליעדער זיך שטארק פערקלענערען ווייל ס'איז אנגעקומען די צייט, ווען דער געזעלשאפטליכער לעבען אין די אויסלענדישע קאלאניעס שטארבט אב: די עקזאמענעס און דערנאך די זומער קאניקולען.

צום אנהויב פונ'ם נייעם אקאדעמישען יאהר אבער (סוף 1911־טען יאהר) ווען אייניגע אלטע מיטגליעדער האבען זיך צוריקגע־קעהרט און עס זענען אויך צוגעקומען נייע סטודענטען האט די ביבליאטעק ווידער אויפגעלעבט. צו דער צייט איז פארגעקומען די פערוואנדלונג פון דער פוילישער ביבליאטעק, אין וועלכער אייניגע יודישע סטודענטען האבען גענומען א זעהר אקטיווען אנטייל, אין א פוילישע נאציאנאליסטישע געזעלשאפט, אין וועלכער עס האבען געקאנט זיין פולבערעכטיגטע מיטגליעדער נאר די, וועלכע אנער־קענען זיך פאר פאליאקען. אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג ווען מען האט איבערגעארבייט די תקנות איז פארגעקומען אנ'אינצידענט צווישען די פוילישע און יודישע מיטגליעדער. די יודישע האבען דע־מאנסטראטיוו ארויס פון ביבליאטעק. פון דאן אן האבען די אייניגע „פוילישע” סטודענטען זיך מעהר אנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט יודישע אנגעלעגענהייטען. די יודישע ביבליאטעק ענטוויקעלט זיך דערווייל אלץ מעהר מען האט אנגעהויבען צו בעקומען פיעל פעריאדישע אויסגאבען (ס'רוב יודישע און העברעאישע), מען האט אויס־געשריבען ביכער און מען האט אפילו איינגעארדענט קורסען פון העברעאיש. און חאטש אויף דיעזע קורסען האבען זיך געפונע זעהר וועניג צוהערער, חאטש צווישען די מיטגליעדער פון ביבליאטעק זענען פארגעקומען, ווי אין יעדער ארגאניזאציע קומט אפט פאר פערזענליכע רייבונגען, חאטש מען האט שוין געביטען לאקאלען

פון די נייגעקומענע יודישע סטודענטען זענען איינגעפיהרט געווא־
רען פערבעסערונגען אין דער רוסישער און דער נאך אויך אין דער
פוילישער ביבליאטעק. קיין באדען פאר א יודישער אנשטאלט איז
נאך דאך ניט געיוען. אמת, מען האט אפילו אנגעהויבען רעדען ווע־
גען אויסשרייבען א יודישע צייטונג, מען האט אפילו אנגעהויבען
טרוימען וועגען א יודישער ביבליאטעק, אבער די טרוימען וואלטען
ניט רעאליזירט ווערען, ווען עס זאל ניט פארקומען א נייער צופ־
לוס פון פרישע עלעמענטען. צום אנהויב פונ'ם אקאדעמישען יאהר
זענען אנגעקומען נייע סטודענטען און דוקא אזעלכע, פאר וועמען
א יודישע סביבה, א יודיש בלאט זענען געווען שוין לעבענס־בעדערפ־
נישען. און ווען די די רוסישע ביבליאטעק האט ניט אנגענומען דעם
פארשלאג פון די נייע מיטגליעדער אויסצושרייבען א יודישע צייטונג,
האט מען זיך פלייסיג גענומען פאר דער ארבייט צו גרינדען א יו־
דישע ביבליאטעק און לעזע זאל.

אין נאוועמבער 1910־טען יאהר גרינדעט זיך „די יודישע סטו־
דענטישע ביבליאטעק און לעזע זאל אין גענט", וועלכע האט זיך
געשטעלט אלס ציעל „געבען איהרע מיטגליעדער די מעגליכקייט צו
געפינען זיך אין א שטענדיגער פערבינדונג מיט'ן יודישען לעבען בכלל
און מיט דער יודישע ליטעראטור און פרעסע בפרט". אין ביבליאטעק
זענען אריין 15 מאן, א דריטעל פון דעם אלגעמיינעם צאהל יודישע
סטודענטען, וואס האבען זיך דאן געפונען אין גענט. מען האט גלייך
געדונגען א לאקאל, מען האט אויסגעשריבען ביכער און פעריאדישע
אויסגאבען, עס זענען פארגעקומען אפטע פערזאמלונגען, אין טאג
פון מענדעלע מוכר־ספרים'ס יובילעאום איז געמאכט געווארען א
פארטראג און געשיקט געווארען א בעגריסונג דעם יובילאר, עס איז
איינגעארדענט געווארען צו «ארגאניזירען פערזאמלונגען, אויף
וועלכע עס זאלען פיעל זייטיג בעטראכט און בעלויכטען ווערען די
וויכטיגסטע ערשיינונגען פון'ם יודישען לעבען און וואו עס זאלען
פריי דיסקוטירט ווערען די פערשידענסטע שטרעבונגען וואס ווערען

זיך אין די ד׳ אמות פון זייערע למודים און ניט פערנעהמען זיך מיט «זייטיגע» זאכען; און אפשר קאן דאס ערקלערט ווערען דורך דעם צופעליגען צוזאמענשטעל פון דער דאמאלסטיגער קאלאניע. נאר ווי די מעשה זאל ניט זיין, איז אין גענט ביז טוף 1909־טען יאהר קיין שום געזעלשאפטליכע ארבייט ניט געפיהרט געווארען.

צו יענער צייט זענען אנגעקומען קיין גענט איינינגע נייע סטו־דענטען, וועלכע האב׳ן שוין פריהער געלעבט געזעלשאפטליך, וועלכע האבען זיך שוין לאנג אינטערעסירט מיט פערשידענע געזעלשאפט־ליכע פראגען סיי אין רוסלאנד סיי אין אויסלאנד. דאך איז זייער צאהל געווען נאך פערהעלטניסמעסיג קליין אפילו אין פערגלייך מיט די עטליכע און צוואנציג מאן, וואס האט דאן געצעלהט די גענטער יודישע קאלאניע. איין שוואלב מאכט נאך ניט קיין פריהלינג!

דערצו איז אויך ניט געווען קיין אידעען אייניגקייט אפילו צווי־שען די איינינגע געזלשאפטליך געשטימטע פערזאנען אזוי ווען עס האט זיך געגרינדעט א סאציאליסטישער אינטערפארטייאישער קריי־זעל, איז דער פארשלאג צוגעבען צו זיין נאמען, דאס ווארט „יודי־שער" (ווייל אלע מיטגליעדער זענען געווען יודען) אבגעווארפען געווארען...

דער פאר האט מען טאקע אזוי גיך קיין «פריהלינג» ניט גע־מאכט! אבער א מין פריהלינגס־ווינטעל האט זיך דאך מיט די נייגע־קומענע פערקליבען אין דער נעבעלדיגער גענטער קאלאניע. עס ערשיינט אין מערץ 1910־טען יאהר דער ערשטער נומער פונ׳ם זשונאל „פאקעל" אויף רוסיש. דער זשורנאל האט געזאלט אריינ־טראגען ליכט אין דעם פארבלאזען, אינהאלטסלאזען און עגאאיסטי־שען לעבען פון דער היגער סטודענטענשאפט, דערוועקענדיג ביי די סטודענטען א אינטערעס צו געזעלשאפטליכע פראגען. עס בע־וויזען זיך דער «נאווי וואסחאד» און דער «ראזסוועט» אין דער רוסישער ביבליאטעק. עס האט זיך בעוויזען ביי די היגע סטודענטען אפילו יודישע פארטייאישע ליטעראטור. א דאנק מעהר טהעטיגערע

פונ'ם צווייטען און נאר דאן וועט מעגליך זיין א פרוכטבארע אר־בייט אויפ'ן געביעט פון דער יודישער נאציאנאלער בעוועגונג.

ליעזש, יאנואר.

א. י. לעוויטין.

# גענטער קאלאניע.

(א געשיכטליכע סקיצע).

אין 1905־טען יאהר איז אין גענט געווען ניט מעהר 4־5 יודי־סטודענטען. נאר שוין אין א יאהר ארום איז געווען 13 מאן און די צאהל האט לאנגזאם געוואקסען פון יאהר צו יאהר. נאך אין 1906־טען יאהר, ווען עס איז בעשאפען געווארען די רוסישע ביבליאטעק, אין דער גרינדונג פון וועלכער האבען זיך בעטייליגט מערסטענטיילס יודען, האבען עטליכע פון זיי געקליבען זיך אויסשרייבען אויף איי־גענער רעכנונג א יודישע צייטונג. נאר די פאר פראנק א חדש איז זיי א פנים שווערליך געווען צונויפזואמלען אויף דיעזעם צוועק און זיי האבען... אויסגעשריבען «אדעס. נאוואסטי». אט דער פאקט קען דיענען אלס כאראקטעריסטיק פון דער אלגעמיינער שטימונג און פון דעם אינטערעס, וואס די דאמאלטיגע גענטער יודישע סטודענ־טען האבען געהאט צום יודישען לעבען. און ניט נאר דוקא צום יו־דישען לעבען, נאר אפילו צו וועלכער ניט איז געזעלשאפטליכער פראגע בכלל, איז ניט געווען צו מערקען קיין סמן אינטערעס ביי די גענטער סטודענטען. מען קען אין דעם בעשולדיגען די אלגעמיי־נע רוסלענדישע רעאקציע, וועלכע האט דאמאלסט אינדיפערענט געמאכט צו געזעלשאפטליכע פראגען פיעל עלעמענטען; מען קען אין דעם בעשולדיגען אפשר אויך דעם היגען „רעזשים" אין אוניווערזיטעט, וואס צווינגט די מעהרהייט סטודענטען פערשליסען

קליינער צאהל מיטגליעדער וועניג אין לעבען.

פון די פארטייען האט דער „בונד“ די לעצטע 2־3 יאהר (זינט «חרות» גרינדונג) בעוויזען אקטיוויטעט מעהר פון אנדערע פארטייען. עס זיינען דורך איהם איינגעארדענט געווארען רעפעראטען פון מעדעם, אלגין, ליטוואק, ליבמאן אויף יודיש־געזעלשאפטליכע און ליטעראַרישע טעמאַ׳ן. דאס איבערצייגט אז דער „בונד“ האט ריכטיג נאכגעשפירט די איצטיגע גייסטיגע איבערלעבונגען פון יודישען סטודענט. עס איז נאר צו בעוואונדערען וואס דורך זיין אלט־פארטייאישער טאקטיק שליעסט ער זיך אליין אויס פון דירעקטער ווירקונג אויף דעם פראצעס פון ערוועקונג פון דעם נאציאנאלען בעוואוסטזיין, וואס קומט איצט פאר ביים יודישען סטודענט.

די ציוניסטישע אגודה «קדימה» האט איינגעארדענט פאר דער זעלבער צייט 2 רעפעראטען. דער ערשטער פון אינזשענער טאלקאווסקי אויף דער טעמא: „דאס נייע פאלעסטינא“ וואס איז פארגעקומען אין אקאדעמישען זאל פון אוניווערזיטעט, און איז געווען בעגלייט מיט פראזשעקטאר־בילדער. דער 2־טער איז צו׳געלעזען געווארען דורך דעם אדוואקאט אלייניקאוו, די טעמא: «30 יאהר פון בעוואוסטזינניגען פאלעסטיניזם». די «ס. ס.» האבען איינגעארדענט א רעפעראט פון יעקב לעשצינסקי — די יודישע עקאנאמישע ענטוויקלונג אין XIX יאהרהונדערט נאך דער יודישער ליטעראטור“. די פועלי־ציון — פון יארבלום: „די טעאריע און פראקטיק פון פועלי־ציון“, „צוקונפט“ — פון יוסף לעשצינסקי: „דער איצטיגער צושטאנד פון טעריטאריאליזם און ציוניזם“, די סיימיסטען האבען נאך ביז איצט קיין רעפעראטען נישט איינגעארדענט.

מיר שליעסען דעם ארטיקעל מיט דער האפנונג אז דער פראצעס פון נאציאנאלען בעוואוסטזיין וועט אויך ווייטער אלץ מעהר און טיעפער אריינדרינגען אין די ברייטע שיכטען פון דער יודישער סטודענטענשאפט, און דריקען דערביי אויס דעם וואונש, אז די פאליטישע געגנער זאלען זיך אויסלערנען שעטצען די איבערצייגונגען

רעדען. עס וועט גלייכער זיין פאר דעם לעזער ווי אויך פאר דעם כבוד פון דער יודישער סטודענטענשאפט וואס גיכער דעם פארהאנג אראבלאזען איבער יענע טרויעריגע געשעהענישען.

לויט דעם פסק פון געריכט זיינען די ביכער צוריק אומגעקערט געווארען, «חרות» האט צוריק אנגעהויבען נארמאל זיך ענטוויקלען און האט די לעצטע צייט דערגרייכט צו א בליהענדען צושטאנד, מיטגליעדער געפונען זיך איצט אריבער 100 און זייער צאהל פערגרעסערט זיך אלץ מעהר, דער לאקאל בעשטעהט פון 2 גרויסע ציי־מער׳ן אנטקעגען דעם אוניווערזיטעט, אין זיין לעזע־זאל קומען אן כמעט אלע וויכטיגסטע יודישע און העברעאישע צייטונגען און זשורנאלען פון רוסלאנד, אמעריקא, פאלעסטינא, גאליציען א. ז. וו. אויך אייניגע רוסישע צייטונגען איז צו בעקומען. דער לעזע־זאל ווערט שטארק בעזוכט און גיט דאס מעגליכקייט דער יודישער סטודענ־טענשאפט צו לערנען און פערשטעהן דאס יודישע לעבען. עס ווע־רען איינגעארדענט רעפעראטען ווי פון אייגענע מיטגליעדער, אזוי אויך דורך ספעציעל אייגגעלאדענע רעפערענטען, הייניגעס יאהר איז איבערהויפט רייך געווען מיט רעפעראטען, עס האבען פארגע־לעזען: ש. גארעליק: «די שטרעמונגען אין מאדערנעם יודענטום» ד״ר נתן בירנבוים: «די יודישע אינטעליגענץ», שעחטמאן: 2 רעפעראטען — «פרוג׳ס שאפונג» און «די יודיש־פולישע בעצי־הונגען». די סעקציעס (היסטארישע, יודישע און העברעאישע) ענט־וויקלען זיך אויך. מיט אייןווארט — עס ווערט לויט די קרעפטען פערווירקליכט די אויפגאבען פון „חרות״ צו שאפען פון יודישען סטודענט א בעוואוסטזינניגען און ערליכען אינטעליגענט וואס זאל קענען און וועלען ליכט און מוטה ברייגען אין די יודישע ברייטע פאלקס־שיכטען.

די דערמאנטע גרופע, וועלכע האט זיך אויסגעשטעלט פון „חרות״ האט פאר זיך געשאפען אנ׳ארגאניזאציע מיט דעם נאמען «צוקונפט» (נאמינאל נישט קיין סטודענטישע). זי פיהלט זיך אבער צוליעב דער

א פארטראג אויף דער טעמא: «סאציאליזם און נאציאנאליזם».

דער שטראם פון נאציאנאלער אויפלעבונג האט זיך אויך אבגע־רופען אויף די יודישע פארטייען. צוערשט האט אויפגעלעבט די ציו־ניסטישע אגודה „קדימה“ נאך א הפסקה פון אייניגע יאהר, עס הא־בען זיך אויך ארגאניזירט די פועל־ציון, סיימיסטען און „ס. ס.“ די אלע פארטיי־לייט האבען גלייכצייטיג געהערט צו „חרות“.

דאס אויפלעבען פון די פארטייען האט ליידער געבראכט צו א שטארקען קאנפליקט אין «חרות», מען האט זיך דערמאנט אין אלטע חשבונות און שטילערהייד האבען זיך גענומען וועבען פארטיי־אינ־טריגעס. עס איז שווער צו רעדען א סך פון דעם, ווייל עס וועט ווייניג כבוד ברייגען דער יודישער סטודענטענשאפט, עס וועט גענוג זיין צו זאגען אז פערזענליכע רייבונגען פלעגען אויס־געטייטש און בעטראכט ווערען אלס אידעען־קאמפף. דאס האט גע־בראכט דערצו אז א טייל מיטגליעדער, א מאן 20 בערך („ס. ס.“ סיימיסטען און אייניגע אונפארטייאישע) האבען פערלאזען „חרות“ און, אנערקענענדיג אז מיט זייער אוועקגעהן האט „חרות“ מעהר קיין זכות הקיום נישט אלס אונפארטייאישע ארגאניזאציע און די ביבליאטעק דארף דעריבער איינגעטיילט ווערען צווישען די פאר־טייען (אלס ארגאניזירטע גרופפען) וועלכע האבען אנטייל גענומען אין חרות, האבען זיי מיטגענומען מיט זיך א טייל ביכער. די צאהל פון די מיטגליעדער אין „חרות“ איז דאן געווען אריבער ניינציג. מען קען זיך פארשטעלען דעם סקאנדאל וואס האט אויסגעבראכען צוליעב דעם, פוןביידע זייטען האט נישט געפעהלט קיין עקסצעזען און בעליידיגונגען. ענדליך איז נאך א פאר חדשים געקומען צו א ארביטראזש־געריכט, דאס געריכט האט זיך פערצויגען אויף גאנצע 9 עפענטליכע זיטצונגען, צופיעל האט פון דעם וואס איז פארגעקו־מען אויף דעם געריכט דער נאציאנאלער כבוד און עטישער געפיהל געליטען ביי יעדען וואס איז אפילו ווייט געשטאנען פון דער יודי־שער נאציאנאלער בעוועגונג אז מען זאל קענען רוהיג פון דעם

איך מוז דא דערמאנען א קאנפליקט וואס איז פארגעקומען צו־ליעב דעם ערשטען אווענד צווישען «חרות» און דער «רוסישער קא־לאניע», ווייל דאס קען פאקטיש שילדער׳ן די פיינדליכע בעציהונ־גען פון דער לעצטער צו „חרות״. עס עקזיסטירט א מנהג אין דער «רוסישער קאלאניע» אז פון איין אווענד צום צווייטען דארף זיין א הפסק מינימום פון צוויי וואכען, על פי טעות האט «חרות» עובר געווען דעם מנהג מיט אייניגע טעג. מען האט דורך אויס געפאדערט אז «חרות» זאל דעם אווענד אבלייגען, נישט קוקענדיג אויף דעם וואס דער זאל איז שוין געווען געדונגען, בילעטען געדרוקט א. ז. וו. א מיטגליעד פון קאמיטעט האט געהאט אנגעוויזען, אז נאך זיינע תקנות געהערט „חרות״ ניט צו דער רוסישער קאלאניע. דיעזע ער־קלעהרונג האט כמעט ארויסגערופען א אויפרוף צו באיקאט און נישט קוקענדיג אויף דעם וואס די מערהייט מיטגליעדער זיינען געווען פרינציפיעל איינשטימיג מיט דער ערקלעהרונג, האט פונדעסטווע־גען „חרות״ געמוזט זיך אנערקענען אלס טייל פון דער רוסישער קאלאניע. עס האט נישט געפעהלט דערביי א יודישער פשט׳ל: „ארויסגעהענדיג פון פראקטישען שטאנדפונקט, אנערקענט זיך „חרות״ אלס טייל פון דער רוסישער קאלאניע״... דאס איז געווען דער נוסח פון דער דאן אנגענומענער רעזאלוציע. רייבונגען צווישען «חרות» מיט דער „קאלאניע״ קומען נאך ביז איצט פאר. למשל: גאר נישט לאנג האט די „רוסישע ביבליאטעק״ געפאדערט אז „חרות״ זאל שליעסען זיין אינפארמאציאנס־ביורא (וועלכע עקזיסטירט שוין 2 יאהר) ווייל די רוסישע ביבליאטעק האט אויף אינפארמאציע א חזקה.

די ענטוויקלונג פון „חרות״ איז געגאנגען מיט א נארמאלען טעמפ. מיט דער פערגרעסערונג פון די צאהל מיטגליעדער איז מעגליך צו דינגען א גרויסען לאקאל פון 3 צימערן, עס פלעגט פארקומען יעדע וואך לעזונגען פון דער יודישער ליטעראטור, עס פלעגען געמאכט ווערען אויך פארטראגען דורך חברים. אט דעם ערשטען יאהר האט לויט דער איינלאדונג פון „חרות״ דער ה׳ ראטנער פארגעלעזען

א ביבליאטעק, אהן וועלכער עס האט נישט געקענט געפיהרט ווערען קיין שום פלאנמעפיגע קולטורעלע ארבייט. ענערגיש האט מען זיך גענומען צום שאפען די נויטיגע געלד מיטלען. אין א קורצער צייט איז א גרויסע סומע געלד געזאמעלט געווארען צווישען די מיטגליעדער זעלבסט און אויך צווישען מיטפיהלענדע, אזוי אז עס איז געווארען מעגליך צו גרינדען א פערהעלטניסמעסיגע רייכע ביבליאטעק.

פיעל מיה און קרעפטען האט אבגענומען דער ערשטער «יודישער אווענד» פון „חרות״ (צום ערשטען מאל איז דער נאמען «יודישער אווענד» דערהערט געווארען אין ליעזש, ווייל זאגאר נאך ביז איצט ווערען אפילו די אווענדען פון «בונד» אנגערופען „רוסישע״ אין מודעות.) דער אווענד האט זיך גלענצענד איינגעגעבען סיי מאראליש סיי מאטעריעל, עס איז דאן אויסגעפיהרט געווארען דורך דער דראמאטישער סעקציע פון «חרות» שלום־עליכם'ס: «צוזייט און צושפרייט» מיט גרויס ערפאלג. פון דאן אן זיינען די אווענדען פון „חרות״ געווארען גאנץ פאפולער ביי דער סטודענטענשאפט און ווערען שטארק בעזוכט. עס איז שוין א טראדיציע געווארען, אז אויף דיעזע אווענדען זאל די דראמאטישע סעקציע אויספיהרען יודישע פיעסען, אזוי איז אויף די אווענדען פון „חרות״ ביז איצט אויסגעפיהרט געווארען, חוץ דער דערמאהנטער קאמעדיע פון שלום־עליכם, די פאלגענדע פיעסען: «מיט דעם שטראם» פון שלום אש, „א דאקטאר״ פון שלום־עליכם, «די רעפעטיציע» פון א. רייזין און «א פאטער און א זוהן» פון אן־סקי. צוויי אווענדען זענען אויך פארגעקומען מיט דעם אנטייל פון אונזערע טאלאנטפולע שריפטשטעלער שלום אש און אנכי, לכבוד דעם ערשטען איז דער אווענד ספעציעל גערופען געווארען „אש־אווענד״ און די סטודענטענשאפט האט אונזער גרויסען שרייבער אויפגענומען מיט בעגייסטערונג, אנכי'ס גלענצענדע פארלעזונג זיין „רב אבא״ איז אויך זייער ווארעם אויפגענומען געווארען.

טור איז א קאמישער עפיזאד אין דער געשיכטע פון דער יודישער סטודענטענשאפט אין ליעזש. זי איז ניט לאנג ליקווידירט געווארען דורך א בעשלוס איבערצוגעבען די ביכער פון ביבליאטעק דער רו־סישער ביבליאטעק «אויף חראנעניע». זיי געפינען זיך איצט דארט אויפ׳ן בוידעם...

די רוסישע פארטיי־לייט האבען געגרינדעט, אלס מיטעל צו בע־קעמפפען די נאציאנאלע בעוועגונג, א „רוסישען קלוב" (דורכאויס פון יודען) וועלכער האט געדארפט פערהיטען די «רוסישע קאלאניע» פון געפעהרליכען איינפלוס פון „חרות". נאר אויך דער קלוב האט נישט לאנג עקזיסטירט. דער קאמפף מיט «חרות» וועט דורך זיי נאך ביז איצט געפיהרט.

דאס זענען די אויסערליכע שטערונגען צו דער ענטוויקלונג פון „חרות". עס זענען געווען אויך אינערליכע: די אונערפאהרענקייט פון די מיטגליעדער צו א געזעלשאפטליכען לעבען, וואס פלעגט ברייגנען צו גרויסע כחות אנשטרענגונגען, עס האבען געפעהלט ביישפיעלען און טראדיציעס. אלץ האט געמוזט בעשאפען ווערען פון דאס ניי.

נאר נישט קוקענדיג אויף די אלע שוועריגקייטען האט „חרות" וואס מעהר און מעהר זיין טהעטיגקייט ענטוויקעלט. דער ערשטער לאקאל איז געווען ביי א יודישען רעסטאראטאר. א צימער ד׳ על ד׳ שטענדיג פול מיט רויך פון קיך, דער סופיט ממש אויף די קעפ, דאס מעבעל: איניגע שטולען און א טיש מיט עטליכע צייטונגען און זשורנאלען אויף איהם. נאר ליעב און היימיש איז דארט געווען צו פערברייגנען. די פערזאמלונגען פלעגען זיך פערציהען ביז נאך האלבער נאכט. מיט וואס פלעגט מען זיך פערנעהמען, וועגען וואס פלעגט מען דעבאטירען? שווער איז שוין איצט אויף דעם צו ענט־פערען. מען רעדט שוין איצט פון יענע «קינדערשע יאהרען» מיט א שמייכעל אויף די ליפען. אבער פיעל מוטה און בעגייסטערונג איז דאן בעוויזען געווארען, עס איז דרינגענד־נויטיג געווען צו שאפען

געגרינדעט געווארען אונפארטייאישע ארגאניזאציעס, עהנליכע לויט זייערע צוועקען און תקנות צו «חרות».

דער „בונד" האט, זעלבסטפערשטענדליך, נישט געקענט פערביי־געהן אזא ערשיינונג. און ווירקליך האט די אויסלענדישע צענטראל־ביורא פון «בונד» אבגעדרוקט אין בונדישען ארגאן: «בונדיסטסקיע־אטקליקי» ענדע יאהר 1910. א צירקוליאר, אין וועלכען עס איז אנ־געוויזען געווארען, אז אזוי ווי אין די אונפארטייאישע סטודענטען ארגאניזאציעס בעטייליגען זיך עלעמענטען מיט וועלכע דער «בונד» פיהרט א שטענדיגען קאמפף („ס.ס.", „פועלי־ציון", סיימיסטען און אלגעמיינע ציוניסטען) על כן טארען די בונדיסטען נישט אריינ־טרעטען אין די ארגאניזאציעס, ווייל דאס קען ברייגגען צו דעם, אז «די גרענצען זאלען מטושטש ווערען», צווישען אנדערש ווערט דארט געזאגט: «מיט אונזערע פיינד קענען מיר צוזאמען נישט אר־בייטען». עס ווערט דארט אויך רעקאמענדירט אז די בונדיסטען זא־לען זעלבסטשטענדיג גרינדען אונפארטייאישע ארגאניזאציעס.

צוערשט האבען די בונדיסטען אין ליעזש געוואלט בעקעמפפען «חרות». «עס דארפען די עקאנאמישע אויפגאבען אויסגעמעקט ווע־רען», — איז געווען זייער הויפט־פאדערונג, ווען דער קאמפף האט זיי זיך נישט איינגעגעבען, האבען זיי געגרינדעט א אייגענע ארגא־ניזאציע: «קולטור» (נישט קיין סטודענטישע). די געשיכטע פון דער ארגאניזאציע איז א קורצע, נאר איז ווערטה דערצעהלט צו ווערען.

די «קולטור» האט די ערשטע צייט פיעל ענערגיע בעוויזען: זי האט אנ'אייגענע יודישע ביבליאטעק געגרינדעט, נישט קוקענדיג דארויף, וואס ביי „חרות" האט שוין אזעלכע אין א גרעסערען פאר־מאט עקזיסטירט. זי האט אנ'אווענד איינגעארדענט אויף וועלכען עס איז אויסגעפיהרט געווארען „דער אידיאט" פון י. גארדין. נאר זי האט אפילו קיין גאנצען יאהר נישט אויסגעהאלטען. כאראקטערי־סטיש איז אז די רוסישע פארטיי־לייט האבען זיך בעצויגען צו „קול־טור" כמעט מיט דער זעלבער פיינדשאפט ווי צו „חרות". צו „קול־

א סך און איהר אויספיהרונג פאדערט גרויסע הוצאות.

חברים! שטיצט אונז אויף יעדען אופן! טהוט אלץ מעגליכע וואס איהר קענט! די ארגאניזאציאנס־קאמיסיע איז סיי מאראליש סיי מאטעריעל אויף אייך אנגעוויזען.

פון איהר זייט וועט די ארגאניזאציאנס־קאמיסיע אננעהמען אלע מיטלען אז עס זאל וואס גיכער פערווירקליכט ווערען די גרויסע נאציאנאלע ארבייט, וועלכע שטעהט שוין לאנג פאר אונז, און מוז ענדליך געפיהרט ווערען צו איהר ערפאלגרייכען סוף.

חברים! פערגעסט ניט אייער חוב צום פאלק!

חברים! צו דער ארבייט!

די ארגאניזאציאנס קאמיסיע

ארויסגעגעבען אין׳ם נאמען פון פאלגענדע פעראיינען:

פעראיין «ישראל»־לאזאן; פעראיין «חרות»־זשענעװ; יודישער סטודענטען־קלוב־ציוריך; דארמשטעדטער פעראיין «מכביה»; היידעלבערגער «יודישער אקאדעמישער קולטור־פעראיין» און פעראיין פאר יודישע ליטעראטור און קונסט״ אין סטראסבורג.

א. ב.

# די יודישע סטודענטען אין ליעזש.

(סוף).

פיעלע פון די לעזער וועלען בעוואונדערען פארוואס האט דער «בונד» זיך פיינדליך בעצויגען צו דער גרינדונג פון אן אונפארטייאישער יודישער סטודענטען־ארגאניזאציע.

די סבה איז גאנץ פערשטענדליך:

דער פראצעס פון ענטוויקלונג פון נאציאנאלען בעוואוסטזיין ביים יודישען סטודענט האט די לעצטע יאהרען געטראגען א פטישען כאראקטער. עס זיינען כמעט אין אלע אוניווערזיטעט־שטעדט

* *
*

חברים! די קאנפערענץ איז גליקליך געקומען צו איהר סוף. נאך גרויסער, ערנסטער און פעראנטוואָרטליכער ארבייט האט זי אנגע־נומען איהרע בעשליסען און צו ערנסטער ארבייט איז גרייט די פון דער קאנפערענץ אויסגעקליבענע ארגאניזאציאנס קאמיסיע. אבער חברים, אונזער ארבייט קאן נור דאן פרוכטבאר זיין, ווען מיר וועלען ניט בלייבען אליין, ווען מיר וועלען געפינען א לעבעדיגען אב־קלאנג אין דער מיטפיהלענדער סביבה פון דער יודישער סטודענ־טענשאפט. געדענקט, חברים, אונז שטעהט פאר דאס ארגאניזירען ניט פון יחידים־סטודענטען, מיר האבען פאר אונז א פיעל וויכטיגע־רע און גרעסערע אויפגאבע צו שאפען א פערבאנד פון די עקזיסטי־רענדע פעראיינען, וועלכע זאלען קענען אויספיהרען א גרויסע נא־ציאנאלע ארבייט: דאס ערציהען און אויסבילדען פון א דור יודישע כלל־טהוער, וואס זאל ראוי זיין צו ערפילען זייער גרויסען חוב צו דעם ליידענדען און אונטערדריקטען יודישען פאלק, וועלכער נוי־טיגט זיך בעזונדער אין אינטעליגענטע קרעפטען און וואס האפט און ווארט אויף אייך!

הברים! ענערגיש צו דער ארבייט! זאל די ציוריכער קאנפערענץ בריינגען צו גרעסרע רעזולטאטען ווי די בערנער. באפעסטיגט פאר אלעס אייערע אייגענע פעראיינען, פארגעסט אבער ניט אן דער אלגעמיינער זאך!

פערבינדעט זיך מיט דער ארגאניזאציאנס קאמיסיע, שיקט איהר צו אייערע אדרעסען און די אייך בעקאנטע אנדערע אדרעסען פון פעראיינען, זייט איהר מודיע וועגען אייערע וואונשען, וועגען איי־ערע מיינונגען, וועגען די פראגען, וואס איהר וואלט וועלען שטע־לען צו בעהאנדלונג, כדי זי זאל קאנען זיין אין א שטענדיגער לעבהאפטער פערבינדונג און וויסען די שטימונגען פון אלע איינ־צעלנע פעראיינען.

חברים! שטיצט אונז מיט געלדמיטלען, ווייל ארבייט איז דא

זאגט זיך ניט ארויס אין דעם אדער יענעם זין וועגען דער פרינצי־פיעלער זייט פון דער שפראך־פראגע און בעשליסט אויך ניט פאר־אויס די שפראך פון פעריאדישען פערבאנדס־ארגאן, זי איבערלאזט די לעצטע פראגע דעם צוזאמענפאהר. די קאנפערענץ אנערקענט אבער צוליעב פראקטישע אורזאכען אלס איינציגע שפראך אינ׳ם פערקעהר פון פערבאנד די יודישע שפראך, און לאזט אי־בער די פולע אויטאנאמיע די פעראיינען, וואס אנבעלאנגט דעם שפראך־געברויך אין יעדען פעראיין בעזונדער.

די קאנפערענץ האט זיך פערענדיגט נאכדעם, ווי זי האט אנגע־נומען נאך איניגע טעכנישע בעשליסען פון גרויסער וויכטיגקייט. דער צוזאמענפאהר ווערט צונויפגערופען אין דער צייט פונ׳ם 1—5 מערץ, און אלס ארט איז פארלויפיג בעשטימט געווארען ציוריך. פערטרעטען אויף דעם צוזאמענפאהר קען זיין יעדער אונפארטייאי־שער פעראיין ווי גרויס עס זאל ניט זיין די צאהל פון זיינע מיט־גליעדער. פעראיינען מיט מעהרער צאהל מיטגליעדער שיקען אויף די ערשטע 20 מיטגליעדער איין דעלעגאט, יעדע 30 ווייטער נאך איינעם וכו׳ א העלפט און מעהר א העלפט פון 30 אויך א דעלעגאט מיט בעשטימונגס רעכט. קלייבען דעלעגאטען און אויסגעקליעבען ווערען קענען נור שטודירענדע און צוהערער אין די הויכשולען.

די קאנפערענץ האט אויך אויסגעקליבען א ארגאניזאציאנס־קא־מיסיע, אין וועלכע עס זיינען אריינגעגאנגען די פערטרעטער פון דארמשטאדטער, סטראסבורגער און היידעלבערגער פעראיינען, מיט דעם פערטרעטער פונ׳ם ציוריכען יודישען סטודענטען־קלוב אלס בייראט פון דער קאמיסיע. די ארגאניזאציאנס־קאמיסיע האט די אויפגאבע ארויסצוגעבען א זאמעל בוך איבער אלע פראגען, אנפיה־רען די ארבייט ביז צום צוזאמענפאהר און צונויפרופען דעם צוזא־מענפאהר גופא. די אפיציעלע רעדאקציע פון אלע פובליקאציעס געהערט דער ארגאניזאציאנס־קאמיסיע.

צו דער עקאנאמישער פראגע איז מיט א מערהייט בעשלאסען גע־ווארען צו שטעלען צו ענטשיידונג פון צוזאמענפאהר נור קאנקרעטע פראגען. אלעס ערשטע: די פראגע וועגען יודישע אונטערשטיצונגס קאסעס און קאסעס פאר געגענזייטיגע הילף. אלס צווייטע די פראגע וועגען דעם „פאנד פאר העכערע בילדונג" ד. ה. א פאנד אויף געבען די מעגליכקייט די אונבעמיטעלטע יוגענד צו דערלאנגען צו העכע־רע בילדונג. די פראגע וועגען נאציאנאל פאליטישער ארבייט איז געלעזט געווארען בעיאהענד ד ה. זי קומט אויפ׳ן טאגעסארדנונג פון צוזאמעפאהר. ווייטער האט די קאנפערענץ בעשלאסען פארצולעגען דעם צוזאמענפאהר אנצונעהמען די אונטערשטיצונג פון סטודענטען וואס פארנעהמען זיך מיט פארשונגען אויפ׳ן סאציאל־עקאנאמישען און קולטורעלען געביעט פון יודישען לעבען.

נאכדעם ווי די קאפערענץ האט פארענדינגט די פעסטשטעלונג פון טאגעסארדנונג פאר׳ן צוזאמענפאהר איז זי איבערגעגאנגען צו דער צווייטער וויכטיגער פראגע: וועלכע פעראיינען וועלען גערופען ווערען צו פעראייניגונג און צום אנטייל נעהמען אין צוזאמענפאהר. זייענדיג טיעף איבערצייגט אין דער נויטווענדיגקייט פון א אונבע־דינגטער שטרענגער אונפארטייאישקייט פון צוזאמענפאהר און פער־באנד, האט די קאנפערענץ בעשלאסען צו רופען צו פעראייניגונג און צום אנטייל נעהמען אין צוזאמענפאחר אויסשליעסליך די און־פארטייאישע פעראיינען פון מערב־איירָאפא. ביי דער געלעגענהייט האט די קאנפערענץ געמוזט בעריהרען און בעהאנדלען די שפראך־פראגע. — וועלענדיג צו פעראייניגען אלע יודישע אונפארטייאישע סטודענטען־פעראיינען אין מערב־איירָאפא, רעכענדיג זיך מיט זיי־ער פערשיעדענארטיגקייט און שטרעבענדיג ניט נור אויסצומיי־דען יעדוועדע רייבונג צווישען די פעראיינען, בעשאפען אזא באדען, אויף וועלכען אלע פעראיינען זאלען זיך קענען צונויפגעהען, האט די קאנפערענץ נאך הייסע און לאנגע דעבאטען איינשטימיג (ביי איינעם וואס האט זיך אבגעהאלטען) בעשלאסען: „די קאנפערענץ

די מעגליכקייט אויסצופיהרען די ציעלען צוליעב מאנגעל אין קרעפ־טען; 2) אז די יודישע נאציאנאל־געזאנענע סטודענטענשאפט אין מערב־אייראפא מוז אויסנוצען איהר שטודיום־צייט כדי זיך בעסער צוגרייטען צו דער יודישער געזעלשאפטליכער ארבייט, צו דער טהעטיגקייט אינ'ם יודישען געזעלשאפטליכען לעבען, אין וועלכען זי וועט דאן אריינטרעטען; 3) אז כדי די אלע ציעלען און אויפגאבען זאלען בעסער דורכגעפיהרט ווערען, מוז בעשאפען ווערען אנ'אל־געמיינער פלאן; אנ'אלגעמיינע ארט ארבייט אויף דעם באדען, — געפינט די קאנפערענץ, אז דער צוזאמענפאהר פון די יודישע סטו־דענטען־פעראיינען אין מערב־אייראפא דארף זיך שטעלען אלס ער־שטע אויפגאבע צו גרינדען א פערבאנד פון די פעראיינען, וועלכער זאל דורכפיהרען אין לעבען פראקטישע מיטלען, כדי די ציעלען און די אויפגאבען פון די פעראיינען, זאלען קענען אויסגעפיהרט ווערען ווייטער זענען אויך איינשטימיג אנגענומען געווארען פאלגענדע רע־זאלוציעס: א) וועגען די נויטווענדיגקייט פון א פעריאדישען ארגאן פונ'ם צוקונפטיגען פערבאנד. ב) וועגען רעפערענטען־טורנעס, אר־גאניזירט פון דער פערבאנדס־פערוואלטונג. ג) וועגען ביכער־אויס־טויש צווישען די איינצעלנע פעראיינס־ביבליאטעקען און וועגען א צענטראל קאטאלאג פון זיי אלע, וועלכער זאל זיך געפונען ביי דער פערבאנדס פערוואלטונג ד) וועגען אנ'אנקעטע צווישען אלע יודישע סטודענטען אויף וויסענשאפטליכע יסודות. ה) א ליסטע פון וויסענ־שאפטליכע טהעמעס פונם יודישען לעבען, וועלכע זאלען פארגעשלאגען ווערען צו בעארבייטען די יודישע דאקטאראנדען אלס דיסערטאציעס

גרעסערע ויכוחים זענען ענטשטאנען: וועגען דער פראגע צו זאלען אויפ'ן טאגעסארדנונג פונ'ם צוזאמענפאהר געשטעלט ווערען די עקאנאמיש־מאטעריעלע פראגען: און דער פראגע וועגען דער אזוי גערופענער נאציאנאל פאליטישער ארבייט. ד. ה. אז דער פער־באנד זאל רעאגירען אין דער אדער יענער פארם אויף די וויכטיג־סטע געשעהענישען אינ'ם יודישען געזעלשאפטליכען לעבען. בנוגע

שער סטודענטען־קלוב». חוץ די דעלעגאטען זענען געוועזען איינגע־
לאדען מיט בעראטונגסרעכט אלע קאמיטעטס מיטגליעדער פונ׳ם
ציוריכער „יודישען סטודענטען־קלוב“. צוריקגעהענד אויף איהר
ענשטעהונג, האט די קאנפערענץ אנגענומען א רעזאלוציע, אין וועל־
כער זי דריקט אויס איהר דאנק דעם דארמשטאדטער פעראיין
«מכביה» פאר דער איניציאטיוו און דעם סטראסבורגער פעראיין פאר
דעם צונויפרופען די קאנפערענץ און געהט איבער צו פאלגענדער טא־
געס־ארדנונג: א) ערעפנונג פון דער קאנפערענץ. ב) מאנדאטען־בעריכט
ג) קאנסטיטואירונג. ד) פראגראם פונ׳ם צוזאמענפאהר מיט אלע אונ־
טערפראגען. ה) מעטאד פון פארשטעהערשאפט. וא״ו) דיסקוסיאנס־
בלעטעל צום צוזאמענפאהר. ז) ארגאניזאציאנס קאמיסיע און וואהלען.
ח) פערשיעדענס.

די קאנפערענץ האט זיך נאך לאנגע דעבאטען קאנסטיטואירט
אלס איניציאטיוו־קאנפערענץ צו ארגאניזירונג פון א צוזאמענפאהר
פון די יודישע סטודענטען־פעראיינען אין מערב־אייראפא». זי האט
קודם כל אויסגעהערט די בעריכטען וועגען דער לאגע אויף די ער־
טער, וועלכע עס האבען אבגעגעבען די פעראיינס־דעלעגאטען. זי
האט געקאנט פעסטשטעלען אין ווי ווייט עס פיהלט זיך שטארק די
נויטווענדיגקייט אין א פעראייניגונג פון די אלע איינצעלנע ארגאני־
זאציעס און זי האט דערום אנגענומען פאלגענדען בעשלוס מיט איינ־
שטימיג אנערקענטער פרינציפיעלער בעגרינדונג: «ארויסגעהענדיג
פון דעם שטאנדפונקט, אז דאס רוב יודישע סטודענטען־פעראיינען
זענען געגרינדעט געווארען צוליעב די אונמעגליכקייט צו בעפרידי־
גען אין די אלגעמיינע קאלאניאלע אנשטאלטען די קולטורעלע בע־
דערפנישען פון דעם טייל יודישע סטודענטען, וואס איז אזוי אדער
אנדערש נאציאנאל געזאנען ווייטער אנערקענענדיג אז די פעראיי־
נען, האבענדיג פון איין זייט פאר א ציעל צו בעפרידיגען די קול־
טורעלע בעדירפניסען פון זייערע מיטגליעדער און פון דער אנדע־
רער זייט צו ווירקען אויף די ארומיגע סביבה, האבען ניט אלע מאל

און דריגענדער.

דער ערשטער פערזוך איז געווען אין בערן. מיט 2 יאהר צוריק זיינען זיך דארט צונויפ־געפאהרען אויף א קאנפערענץ די פארשטעהער פון אלע שווייצערישע פעראיינען, און אויב די קאנ־פערענץ האט נאך אפילו ניט געפיהרט צו קיין ממשות'דיגע רעזול־טאטען האט זי דאך געלייגט דעם ערשטען גרונדשטיין צו דעם בנין פון דער פעראייניגונג. דען נאך דער קאנפערענץ איז נאך גרעסער געווארען און עס האט זיך נאך שטארקער דער־פיהלט דאס בעדערפניש צו פעראייניגונג און ניט נור אין דער שווייץ אליין, נור אויך אין אנדערע מקומות. אזוי אז אין א משך פון א זעהר לאנגער צייט איז פון דער טאגעסארדנונג פון דעם יודישען סטודענטישען פעראיינס־לעבען ניט אראבגעגאנגען די פראגע וועגען א צוזאמענפאהר פון די יודישע סטודענטען־פעראיינען.

די פראגע, וועלכע עס האט געשטעלט אויפ'ן טאגעסארדנונג דער דארמשטעדטער פעראיין „מכביה", דער לאזונג, וואס איז ארויס פון דארטען, האט אויך געפונען אנ'אבקלאנג אויף די עמודים פון דער יודישע פרעסע. די לאגע איז אבער אלץ געווען אונקלאר און אונבעשטימט ביז דער סטראסבורגער «פעראיין פאר יודישע ליט־טעראטור און קונסט» האט ניט א סוף געמאכט צו דער בעראטונגס־סטאדיע וועגען אט דער וויכטיגער פראגע, און האט צונויפגערופען א קאנפערענץ, וועלכע זאל דעם אלגעמיינעם ווילען פערווירקליכען און מאכען דעם ערשטען שריט צו איינִיגונג.

* * *

די קאנפערענץ איז פארגעקומען אין ציוריך (שווייץ) פון דעם 16 ביז צום 19 נאוועמבער. אין איהר האבען אנ'אנטייל גענומען מיט בעשליסענדעם שטימרעכט: דארמשטאדטער פעראיין „מככיה" סטראסבורגער «פעראיין פאר יודישע ליטעראטור און קונסט», היי־דעלבערגער «יודישער אקאדעמישער קולטור פעראיין», לאזאנער פעראיין «ישראל», זשענעווער פעראיין «חרות» און ציוריכער «יודי־

איינען, וואס פערבינדען מענשען פון פערשיעדענע אנשויאונגען· נאר וואס דריקען אויס דאס אלגעמיינע, דאס געמיינזאמע, וואס דאס יודישע לעבען האט געשטעלט פאר דעם יודישען סטודענט. און אט אזוי נעהמען ארום די פעראיינען די ברייטעסטע שיכטען פון דער יודישער סטודענטענשאפט און ווערען א גרויסע מאכט· מיט וועלכער עס רעכענען זיך די אויסענשטעהענדע און פאר וועלכע עס טרעטען אב אין א זייט די לעצטע רעשטען פון דער יודישער אסימילאציע·

אבער ווי פריהער דער יחיד· דער סטודענט אזוי איצט דער יחיד דער פעראיין שטעהט אליין. מיט איין ציעל· מיט איין שטרעבען, מיט איין נשמה· שטעהען פונדעסטוועגען די פעראיינען אבגעזונדערט איינער פונ׳ם אנדערען ווי עפעס דורך א כשוף־דיגען, כח· זייער געמיינזאמען ווילען פעהלט די געמיינזאמע ארבייטס־ריכטשנור, וואס זאל דעם ווילען מוציא לפועל זיין· עס פעהלען איהם יענע ארגאנען, וועלכע וואלטען געקאנט די פעראיינען צוזאמענבינדען אין זייער געמיינזאמער ארבייט· וואס וואלטען געקאנט פערגרעסערען די ארבייטספעהיגקייט פון די יחידים־פעראיינען דורך געגענזייטיגע הילף און גלייכמעסיגע פערטיילונג פון די ארבייטס־כחות אויף די ערטער· ווארום וואס גרעסער עס ווערט דער דראנג צו דער ארבייט· דאס שטרעבען צום אלגעמיינעם ציעל אין די פעראיינען אלץ מעהר פיהלט זיך דער מאנגעל אין קרעפטען· צו בעפריעדיגען אין פולען מאס די לעבענספראגען און בעדערפניסען, וואס שטעהען אויף און פאדערן ענערגיש פאר זיך א תשובה, און דורך אט דעם מאנגעל ווערט בעגרענצט דער גרויסער שטארקער ווילען וואס וואלט געקענט אויסשמידען א געוואלטיגען קולטור כח — אנ׳ארגאן, וואס זאל קענעןריידען אין נאמען פון דער גאנצער נאציאנאל־געזאנענער יודיש־פיהלענדער· יודיש־דענקענדער יוגענד· און די אידעע פון א פעראייניגונג, די אידעע צו שאפען אזא ארגאן איז שוין לאנג אויפגעוואכט געווארען אין די יודישע סטודענטישע קרייזען· און דאס שטרעבען די אידעע צו פערווירקליכען ווערט אלץ קרעפטיגער

געבליעבען יענע עפאכע, ווען עס האט געוועלטיגט איבער די מחות יענער אויבערפלעכליכער אבסטראקטער קאסמאפאליטיזם, וועלכער האט כלומר׳שט זיך אויפגעהויבען העכער פון די נאציאנאלע אינ־טערעסען און וואס האט פאקטיש אונטערגעווארפען די יודיש־נאצי־אנאלע אינטערעסען אלע אנדערע, וועלכער האט באמת פערוואנ־דעלט די יודישע אומה און אונזער קולטור פון א זעלבסטצוועק אין א הילפסמיטעל צו דערגרייכען אנדערע אידעאלען.

די צייט איז פאריבער. און ניט קיין צופאל איז דאס, און ניט קיין אייגענזין פון יחידים, ווען מיר בעמערקען די לעצטע יאהרען צוגלייך מיט דעם העכערשטייגען פון דעם יודישען נעציאנאלען גייסט, מיט דעם וואקסען פון זיינע שעפערישע כחות אויף אלע געביעטען פון דער יודישער קולטור, אויך דאס שטייגען, דאס וואק־סען, דאס ענטוויקלען זיך פון דער נאציאנאלער פעראייניגונגס־אי־דעע אין דער יודישער סטודענטענשאפט.

עס איז געקומען דער נייער יודישער סטודענט!

אבגעריסען פון דער סביבה, וואו עס שלאגט דער דופק פון יו־דישען לעבען, און אן א זייט פון דער אלגעמיינער חוואליע, וואס שטרעמט פארביי איהם איז דער יודישער סטודענט אין אויסלאנד געבליבען פנים אל פנים מיט זיך אליין אלס יוד, און אין איהם האט זיך אויפגעוועקט דאס בענקעניש צו זיין שורש, און ער, אלס יודי־שער אינטעליגענט, איז געקומען צום קלארען בעוואוסטזיין פון זיין חוב צום יודישען פאלק און צו דער יודישער צוקונפט. ער הויבט אן צו שטרעבען אויפצוזוכען די וועגען, וואס זאלען איהם פיהרען צו דער ערפילונג פון זיין דאזיגען חוב, און אין דעם זוכעניש פון דעם ריכטיגען וועג קומען זיך צוזאמען און פעראייניגען זיך אט די איינצעלנע אין פערוואגעלטע.

אונאבהענגיג איינער פונ׳ם אנדערען, גאנץ זעלבסטשטענדיג מיט א סטיכישער נויטווענדיגקייט, זענען כמעט אין אלע מערב־אייראפע־אישע שטעדט אויסגעוואקסען א רייהע פון יודישע סטודענטען־פער־

# צו די יודישע סטודענטען-פעראיינען אין מערב-אייראפא.

חברים!

די לאגע, דאס לעבען און שטרעבען פונ׳ם יודישען סטודענט אין מערב-אייראפא ציהען צו זיך צו אלץ מעהר און מעהר די אינערע און אויסערע אויפמערקזאמקייט. פון יאהר צו יאהר ווערט אלץ גרעסער און בעדייטענדער דער שטראם, וועלכער גיסט אריין נייע הונדערטער יונגע כחות אין דעם אלטען ברייטען ים פון דער יודישען סטודענטענשאפט אין מערב-איירופא. דער אונגהויער גרויסער דרוק, וואס ווערט אין רוסלאנד אלץ שטארקער, דערצו, די איינצעלנע, די יחידים, וועלכע שטרעבען זייערע יונגע אקאדעמישע יאהרען צו פערברייינגען אין די בעריהמטע איירופעאישע הויכשולען; דערצו, דאס מאסענהאפטע לויפען אין די אוניווערזיטעטען פון פיעלע שטעדט און שטעדטלעך פון גאליציען רומעניען בוקאווינע וכו׳, א מין אויפלעבונג פון אונזער השכלה בעוועגונג — דאס אלעס שטעלט דאס יודישע סטודענטענטום אונטער דעמזעלבען צייכען, אונטער וועלכען עס שטעהט דאס גאנצע יודישע פאלק.

איינזאם און אליין שטעהט אבער דער יודישער סטודענט!

צוזייטע און צושפרייטע איבער די פיעלע אוניווערזיטעט׳ס-שטעדט צוברעקעלטע און צעווארפענע איבער פערשידענע לענדער, קענען ניט די יודישע סטודענטען בעפריעדיגען דעם גאנצען סכום פון זייערע מאטעריעלע און נאציאנאל-קולטורעלע אינטערעסען, וואס ענטשטעהען פערשידענארטיג אויפ׳ן אייגענטימליכען באדען פון דער יודישער ווירקליכקייט.

און איצט איז שוין פארביי יענע צייט, ווען מ׳האט ניט געקאנט רופען צו פעראייניגונג אינ׳ם נאמען פון געזונדע, פרייהייטליכע נאציאנאלע אינטערעסען און אידעאלען, ווייט צוריקגעשטאנען איז

וועגען די פאליאקען. אין זייער גרויסען רוב, קען מען זאגען דאס, וואס מען האט אמאל געזאגט וועגען די בורבאנען אין פראנקרייך: «זיי האבען אין גלות גאר ניט פערגעסען און זיך גאר ניט אויסגעלערענט».

מיר מוזען זיי אבער דערמאהנען, אז אויב זיי זענען געבליעבען די זעלבע וואס אין מיטעל־אלטער, אויב „קולטור און מענשליכקייט" הייסט ביי זיי: ניט געבען א יודישען קראנקען די ערשטע מעדיצינישע הילף, ווי עס האט געטהון א דאקטאר אין ווארשוי, — אדער צונעהמען דעם ביסען ברויט פון א יודישע „פשעקופקע", — האבען מיר אבער אביסעל ווייטער א שפרייז געטהון... די גליקליכע צייט פון „מה־יפית" זינגען, פון קושען דעם «פריץ» די האנד איז אריבער.

זיי ווארפען אונז די הענדשקע, — מיר הויבען איהר אויף!

דער באיקאט איז א צייטווייליגע ערשיינונג. דאס איז א מין קריעגס־צושטאנד וועלכער מוז פריהער אדער שפעטער אראב גענומען ווערען, — אבער דעם איצטיגען שפיי אין פנים, דעם וועלען רואינירען דעם יודישען ארעמאן אויפ'ן איינציגען געביעט, וואס האבען אונז געלאזען די טויזענדער בעגרענצונגען — אויפ'ן געביעט פון קרעמעריי, — דאס וועלען מיר קיינמאל ניט פערגעסען!

צייטען בייטען זיך... די פאליאקען וועלען נאך דארפען אפעלירען צו דער מענשהייט וועגען זייערע היימישע זאכען; זיי וועלען דאך געוויס רעדען אין נאמען פון יושר, פראגרעס און קולטור, — די ווערטער וועלכע זיי חזר'ן יעדעס מאל, — דאן וועלען מיר זיי דערמאהנען דעם שדים־טאנץ מיט'ן באיקאט, דאן וועלען מיר, „שטשורעס", ווי זיי רופען אונז, ארויסקריכען פון אונזערע „לעכער" און פערטייטשען דער וועלט וואס הייסט „קולטור", „פראגרעס" און «מענשליכקייט» אויפ'ן זשארגאן פון דמאווסקי און זיין חקריה „חוליגאנעס אין פראקען"...

ח. שאשקעס.

מוזען אונזער פאלק ווייזען אז מיר זענען ראוי צו זיין די יורשים פון אונזער פאלקס־קולטור, אז מען מעג אויף אונז קוקען ווי אויף די אויפוואקסענדע קולטור־טרעגער און אז אויך מ י ר וועלען מקיים זיין דעם היסטארישען פאלקס־ווילען.

א. קאפציאווסקי.

# אייניגע ווערטער וועגען באיקאט אין פוילען.

(א שטימע פון אויסלאנד).

צו וואקחאנאליע ארום דעם באיקאט אין ווארשוי פערשטארקט זיך אלץ מעהר און מעהר.

די «יאסנעוועלמאזשנע פאנעס» שטראפען „מאשקען" פאר זיין אונגעהארכזאמקייט, פאר דער העזה צו וועלען זיין א בעל־הבית איבער זיינע מיינונגען.

דער פאליאק, וועלכער איז בטבע א גרויסער פאנטאזיאר, שלאפט און חלומ'ט וועגען די „אלטע, גוטע צייטען" פון מיטעל־אלטער, ווען ער פלעגט פאהרען אויפ'ן סיים זיך רייסען וועגען פאליטיקע און אגב אויך א לעב טהון, און דער טרייער ארענדאר „מאשקע" פלעגט שוין צושטעלען צו דער צייט די עטליכע גילדען...

דער זעלבער „מאשקע" פלעגט אויך מוזען טאנצען דעם שעה־נעם «מה־יפית» טאנץ, ווען די איידעלע שליאכטישען פלעגען איהם בעוויליגען הייסען...

און פלוצלונג האט זיך „מאשקע" «צובונטעוועט» און וויל ניט קושען דעם בייטש... א ענדע פון זיססען חלום.

דער „פאנסקער" בייטש איז אויך מיט דער צייט צובראכען גע־ווארען, נאר דער „פאן" וויל דאס ניט בעמערקען און פאכעט נאך אלץ מיט איהם...

אלץ שטעהט געשריבען אין רוסישע, נאך וואס ברויך מען ארבייטען צווישען יודען, אז אזוי נאהנט פון אונז געפינט זיך דאס גרויסע ליידענדע רוסישע פאלק". מיר זענען „קאסמאפאליטען" — פלעגט מען הערען פון די טריבונעס. אט איז צו אפט זייער דעוויז געווען.

צו דען האט מיט אזא סטודענטשאפט, די יודישע געזעלשאפט זיך געקענט אינטערעסירען? — נאר צייטען בייטען זיך! דעם יודי־שען סטודענט איז ענג געווארען אין דער אטמאספערע פון די רו־סישע און פוילישע קאלאניעס; ער האט זיך אנגעהויבען קלאפען על־חטא; ער האט דערפיהלט, אז ניט דאס איז דער אמת׳ר ריכטי־גער וועג פון א יודישען סטודענט; ער האט זיך פערבענקט נאך אייגענס; ער האט ענדליך זיך איבערצייגט, וואס עס טוט זיך אונ־טער דער מאסקע פון קאסמאפאליטיזם אדער פון די קאסמאפאלי־טען; ער האט איינגעזעהן, אז די רוסישע און פוילישע פעראיינען, זענען א מין מושב־זקנים פאר אונזער אסימילירטער אינטעליגענץ, וועלכע איז פערזונקען אין גייסטיגער עבדות ושפלות; ער האט צום סוף זיך אויך איבערצייגט, אז אין דער עקזיסטענץ פון אזעלכע פער־איינען ליעגט א סכנה: נור יודישע בוגדים זענען אזעל־כע אינסטיטוציעס מסוגל צו ערציהען!

און דער יודישער סטודענט האט זיך אויסגעקליבען אנ׳אייגע־נעם וועג, א יודישען, און די בעוועגונג האט שוין בעוויזען אויסצי־וואקסען. וואו נאר ס׳געפינט זיך א שריד ופליט פון אונזער יודישער יוגענד אין די אויסלענדישע הויכשול־שטעדט, זענען נאציאנאלע ארגאניזאציעס געגרינדעט געווארען. איצט שטרעבען די אלע ארגא־ניזאציעס זיך צו פעראייניגען אין איין פערבאנד, ווייל נור א נא־ציאנאלער פערבאנד, וועלכער וועט קאנצענטרירען אונזערע כוחות, וועט אונז פיהרען צו דער פערווירקליכונג פון אונזערע ציעלען.

דורך אזא ארגאן וועלען מיר זיך גייסטיג פערבינדען און צוזא־מען מיט דעם אויך שטארקען און הויבען אונזער מוטה, כדי צו דערפיהרען ביז׳ן סוף אונזער אנגעהויבענע נאציאנאלע ארבייט. מיר

# יודישע סטודענטען פאר'ן יודישען פאלק.

ווען מען בעטראַכט ווי ווייניג מיר, יודישע סטודענטען, האָבען פיגורירט אין יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען, ווי די פּרעסע האָט אונז איגנאָרירט, בעהערשען אונז טרויעריגע געדאַנקען. וואו ליעגט די סיבה פון אַזאַ פּאַסיוויטעט?

ביי אַנדערע אומות־העולם קוקט מען אויף די סטודענטען ווי אויף די אויפוואַקסענדע קולטור־טרעגער, ווי אויף די פערווירקליכער פון נאַציאָנאַלע חלומות.

ביי אונז יודען, וואו מען נויטיגט זיך אין די סטודענטען אַזוי שטאַרק, שפּיעלען מיר גאָר קיין ראָליע ניט, מען רעכענט זיך אפילו ניט מיט אונז, פּונקט ווי מיר וואָלטען גאָרניט עקזיסטירט. מיר מוזען אָבער מודה זיין, אַז מיר אַליין זענען אין דעם שולדיג!

יעדען איז בעקאַנט די היץ און מסירת נפש, וואָס די יודישע סטודענטען האָבען אַרויסגעוויזען אין רוסישען געזעלשאַפטליכען לעבען. דעם יודישען סטודענט איז געווען ענג און דושנע אין די שמאָלע גאַסען פון יודישען געהעטאָ; ער איז אַוועק צו די שטאַרקערע דאָרט געוויזען זיינע גבורות און דאָרט פערנוצט זיין ענערגיע. און אויך דאָ, אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס, האָט ער געוואָלט פאַרטזעצען זיין אַמאָליגען אַרט לעבען און ער האָט געבילדעט די אַזוי געקרוינטע «רוסישע» און «פּוילישע» קאָלאָניעס. ער פלעגט אויף אסיפות בעהאַנדלען די רוסישע און פּוילישע פאָלקס־פּראָבלעמען, זיך פערטיעפען אין זייער ליטעראַטור כדי בודק צו זיין, אויב דער אָדער יענער רוסישער שריפטשטעלער איז געווען אַ גוטער רעאַליסט, אָדער צו האָט ער ניט חס ושלום שלעכט פערשטאַנען די רוסישע נשמה... — אַזוי האָט אויסגעזעהן אונזער סטודענטישער קבוץ. אַ יודישען אות פלעגט מען מיט ליכט דאַרפען זוכען אין זייערע ביבליאָטהעקען. „צו וואָס דאַרף מען האָבען יודישע ביכער, אַז

בעוואוסטזיניגע ליעבשאפט צו יודיש און צו אלעם וואס ס׳האט נאר א שיכות צום יודענטום.

מאכען א סיסטעמאטישען סך־הכל פון אלעם אין וואס ס׳איז בעשטאנען און בעשטעהט זשיטלאווסקי׳ס טהעטיגקייט און ווירקונג טאר מען נאך ניט און מען קען עס ניט. דאס ארבייטספעלד אויף וועלכען זשיטלאווסקי האט זיך געשטעלט איז ברייט און גרויס, הארט און פול מיט שטיינער. ער וועט נאך א סך מניעות מוזען און וועט איבערווינדען; ער וועט נאך א סך געגנער איבערצייגען אין זיינע גרויסע אידעען; ער וועט נאך געוויס מחנות יודישע אינטעליגענטען און זייער אייגענער שטוב ברענגען, אנשטאט זיך הכנעה׳דיג ארומצודרעהען אין פרעמדע הויפען און, צום גרעסטען דאנק איהם, וועט סוף כל סוף מוזען ענטשטעהן א אמת׳ע, א געזונטע און קריסטאליזירטע יודישע אינטעליגענץ, וועלכע זאלען דיענען פאר וועג־ווייזער און פיהרער אין אונזער וויסט יודיש פאלקס־לעבען. ניט נאר מיט א ניט אויבערפלעכליכער און גליקליכער בעגייסטערונג פייערען מיר און מיר פרעהען זיך צו זיין יובעלעאום; ניט נאר מיט דאנקבארקייט און ליעבשאפט וועלען מיר שטענדיג זיין גלאררייכען נאמען דערמאהנען נאר אויך מיט א אינערליך בעוואוסטזיניגען שטאלץ; מיט א שטאלץ וואס עס קענען נאר פיהלען די וועלכע בעטראכטען זיך אלס זיינע אויפגעצויגענע תלמידים; מיט א שטאלץ, וואס עס קענען נאר דערפיהלען די אלע, וועמען ער האט מיט דער רוהיגקייט און א געלעהרטען אבער דאך מיט א טעמפעראמענט פון א קעמפפער, אראבגערייסען זייערע מח־יפית מאסקעס און דערנאך ערשט זיי געוויזען מיט א פאטערליכע ליעבשאפט, אז זייער אייגען געזיכט, אהן דער מאסקע איז אויך אזוי שעהן, אויב ניט נאך שעהנער און עסטעטישער ווי פערמאסקירט.

דערפאר זענען מיר שטאלץ און די גאנצע יודישע ליטעראטור מעג שטאלץ זיין, אז זי האט צווישען איהרע רייהען אזא ד״ר חיים זשיטלאווסקי.

פעברואר 1913.

נויטיגען ערנסט, וועלכער האט ניט געקענט בלייבען אהן א אבקלאנג אויף דער איבריגער יודישער ליטעראטור. ער האט מעכטיגער און אונאבהענגיגער פון א סך אנדערע געקעמפפט געגען דאס פערוואל-וועלען פון יודישען ווארט. ווייל ס'איז פאר קיינעם קיין סוד ניט אז אסך זאגאר פון אונזערע בעסערע פובליציסטען, ווען זיי שריי-בען אויף אנדערע שפראכען פיהלען זיי אויף זיך א געוויסע מארא-לישע פעראנטווארטליכקייט, זיי פיהלען, אז דער לעזער וועט זיי קאנטראלירען און גרינגשעצען דערפאר ניט דעם לעזער אננעה-מענדיג א פעליעטאניסטישען טאן. און אט דיזעלבע שריפטשטעלער שרייבענדיג עפעס אויף יודיש, איז זייער ארט ריידען און זייער אופ'ן בענוצען זיך מיט דער יודישער שפראך ווי א מין «פון אויבען אראב», זשיטלאווסקי האט בוכשטעבליך אין יודישען אריינגעברענגט די אייראפייאישע פארם פון פובליציסטיק. איך זאג „די אייראפייאי-שע פארם": ווייל איין אייראפא פיהלט דאך דער שרייבער, נאכמעהר דער פובליציסט פאר וועמען ער שרייבט, פאר וועלכען סארט לעזער ער שרייבט, טיילמאל שטעלט זיך דער שרייבער אויך פאר דעם בילדונגסגראד פון זיין לעזער. אויף אזא אופ'ן וייס ער, וועלכען טאן דערביי אנצונעהמען: א געבונדענעם און טיעפען אדער א פלאכען. זשיטלאווסקי האט זיך כמעט אין אלע זיינע שריפטען געווענדעט מעהר צום בעוואוסטזיניגערען טייל פון יודישען לעזער-פובליקום. ניט צו אט דעם „השכלה"-לעזער נאר צום יונגען דור. צום דור, וועלכער האט שוין די השכלה-עפאכע פערשפעטיגט אדער בעסער געזאגט, צו דעם דור, אויף וועמען די השכלה האט שוין קיין איינפלוס ניט געקענט האבען שוין אליין צוליעב איהר אונ-קאנסעקוועניץ. ד"ר זשיטלאווסקי האט גערעדט צום הארץ און צום געוויסען פון דער יודישער יונגער אינטעליגענץ. אויב די לעצטע האבען בעקומען א וועלכע עס איז מאדערנע יודישע נאציאנאלע ערציהונג, האט דערביי זשיטלאווסקי צום אנגעזעהענסטען און אק-טיווסטען מיטגעווירקט. ער האט אינ'ם יונגען דור איינגעפלאנצט א

ציינונג, זי איז זיין גרונד־אידעע אליין. זי איז ביי איהם א אונענטבעהרליכע פארם אין וועלכען מען מוז אויסגיסען דעם מאדעל (נאציאן). וואס שעהנער, בעסער און ריינער עס איז דער פארם — אלץ געלונגענער, אלץ איינהייטליכער אלץ פעסטער איז דער מאדעל. זשיטלאווסקי האט אונזער יודיש אויך אין אונזערע אויגען, אין די אויגען פון די, וועלכע האבען שוין לאנג אנ׳ערקענט די בערעכטיגונג פון יודיש היכגעשטעלט, ער האט זיי דערהויבען און אונז געוויזען איהר נאטירליכע שענקייט.

ער האט מיט דער גאנצער ערודיצע זיינער פערניכטעט און צוברעקעלט אלע אבגעדראשענע תענות וואס די יודיש־געגנער האבען יאהרענלאנג ארויסגעשטעלט געגען אונזער פאלקסשפראך. זיין אלזייטיג געלעהרזאמקייט האט זיך פעראייניגט מיט דער ליידענשאפטליכער ליעבע צום פאלק, צו די ברייטע פאלקס־שיכטען און מיט די דאזיגעביידע אויסערגעוועהנליכע מיטלען האט ער געצוואונגען זאגאר די פערביסענסטע געגנער צו רעספעקטירען די יודישע פאלקס־שפראך. וועניגסטענס, איז עס איהם צו פערדאנקען וואס אונזערע געגנער האבען זיך גענומען בעהאנדלען יודיש ווי זייערס א געגנער. פריער איז דאס ניט געווען, אמאל האט מען דאך ניט בעטראכט יודיש אלס א אינטעלעקטועלע קראפט, נאר פשוט אלס א מאוסקייט, א מאוסקייט פונקט ווי איהר אייגענע מאמע — דער גלות.

ד״ר זשיטלאווסקי האט געהאט דעם געניגענדען מוטה און אי־בערצייגונגס־קראפט אויפצוווייזען, אז יודיש איז ניט מעהר קיין פרעמדער פראדוקט, אז דאס האט זיך שוין אויפגעלעזט אין אונזער פלייש און בלוט און זאגאר אין אונזער מארך.

זשיטלאווסקי׳ס פערדיענסטען קענען מיט איין קוק ניט אבגעשאצט ווערען; ער האט דירעקט און אינדירעקט צוגעהאלפען צו דער גאנצער בעוועגונג וואס קומט איצט פאר אין דער יודישער גאס. ער האט אריינגעבראכט אין דער יודישער פובליציסטיק דעם

נאר געליטען נאר פערקעהרט, זי האט אפשר דערפון א סך פראפי־טירט. ד״ר זשיטלאווסקי איז א זעלטענע פערזענליכקייט אין אונזער ארים יודיש לעבען, וואס רעדט ניט און קעמפפט ניט אין נאמען פון גערעכטיגקייט אלס מערטירער נאר אלס העלד. דער חילוק פון א מערטירער ביז א העלד איז אין דעם, וואס אויף דעם ער־שטען האבען די אויסערליכע אורזאכען א סך א גרעסערע וויר־קונג ווי די אינערליכע. דער העלד דאגעגען איז א פערזענליכקייט, וועמענס זעלבסטבעוואוסטזיין עס איז א אייגענארטיגע און אויף וועמען די ארומיגע איבען אויס נאר א טיילווייזען, א פערהעלטניס־מעסיגען איינפלוס.

אין געגענזאץ. צו אלע אנדערע יודישע שריפטשטעלער און דענקער, וועמעס איינציגע זאך עס איז צו בעווייזען אונזער פער־גאנגענהייט און אויך זאגאר די צוקונפט פון יודישען פאלק, האט זשיטלאווסקי זיך פערטיפט אין זיין געגענווארט, וואו ער האט נאך געפונען גענוג שעהנע זייטען, כדי ער זאל ניט ברויכען פערצווייפעלט ווערען. זשיטלאווסקי׳ס אפטימיזם, אט דער אמת יודישער אפטימיזם האט אריינגעברענגט אין דער מאדערנער יודישער נאציא־נאלער בעוועגונג א זאפטיגקייט זיין מעכטיגע רעאליסטישע פראזע האט געפונען אנ׳אבקלאנג און א איינפלוס אין אלע יודיש־געזאנגענע פארטייען. דאס איז אפשר נאר דערפאר, וואס זיינע טהעאריען זע־נען געשטאנען נאהנט צום פראקטישען ווירקליכען לעבען. איבער זיין שארף לאגישעס דענקען האט ער פערשטאנען, אפשר מעהר וועניגסטענס טיעפער פאר א סך אנדערע, אז נאר אונזער מוטער־שפראך, די מוטערשפראך פונ׳ם גרעסטען און «יודישסטען» טייל פון יודישען פאלק, נאר זי קען זיין דער גרונד־שטיין אויף וואס א גאנץ גרויסער טייל פון אונזער פאלק זאל קענען מוטהיג בויען איהר צוקונפט.

זיין ליעבשאפט צו יודישע איז ניט קיין פיעטעט, קיין רחמנות־געפיהל, זי איז אויך ניט נאר א טיעפע וויסענשאפטליכע איבער־

י. פאדרוזשניק.

# ד״ר חיים זשיטלאווסקי.

דא ניט לאנג האבען געפייערט דעם 50 יעהריגען געבורטסטאג פון ד״ר חיים זשיטלאווסקי די אלע, ווען ס׳איז נאהנט און טייער אונזער יודיש, ביי וועמען דאס ערוואכען פון דער יודישער אומה אין איהר שטאלצסטער און אידעאלסטער פארם איז זייער אינערליכעס שטרעבען און הייסעס פערלאנגען. עס האט איהם געפייערט דאס גאנצע פרייע נאציאנאל־בעוואוסטזיניגע יודענטום, אבער צום גרעסטען, צום אקטיווסטען און אפשר טאקע אויך צום ווארימסטען האבען איהם געפייערט די יודישע נאציאנאל־בעוואוסטזיניגע אינטעליגענטע יוגענד. דאס איז ניט קיין צופאל; אזוי האט טאקע געברויכט צו זיין. זשיטלאווסקי האט גרויסע אלגעמיינע פערדיענסטען פאר׳ן יודענטום בכלל, גאר ספעציעל אבער פאר דער יודישער יוגענד.

זשיטלאווסקי האט געארבייט אויף אלע געביטען, צווישען אלע שיכטען, וואו ער האט נאר געקענט זעהן, אז ער וועט דערמיט מיט וואס עס איז א נוצען ברענגען זיין אייביגען און איינציגען אידעאל — די רענעסאנס פון יודישען פאלק; אויסראטען פון זיך די גלות־פסיכאלאגיע נאך דא באלד אין גלות, ווערען אויסגעגלייכטע מענשען, מיט רוקענס און נשמות ניט קיין פערקריפעלטע, ניט קיין אוננארמאלע. — אומעטום האט ער געווירקט. ער האט כמעט אלע יודישע פארטייען, וואס טראגען נור אין זיך א נאציאנאלען אידעאל, אויספראבירט, וועניגסטענס האט ער זיי נאהנט גוט בעטראכט און דאס אלץ נאר לטובת דעם גרויסען אידעאל זיינעם וועלכען ער האט אויף אהאר ניט פערענדערט די גאנצע צייט מיט יאהרען וואס ער שטעהט אין קאמפף.

ער האט געענדערט די האלטונגען, די מיטלען, וועלכע ברויכען פיהרען צום ציעל; די גרונד־אידעע זיינע האט אבער דערפון ניט

לויט דער נאציאנאליסטישער ריכטונג איז דא נאר איין אויסוועג — א בעל הבית פאר זיך.

ווען די אסימילאטארישע ריכטונג איז טהעארעטיש ראציאנעל נאר וויעדערשפרוכט דער ענטוויקלונג פון דער יודישער געזעלשאפט ווען די נאציאנאליסטישע ריכטונג איז אבסטראקט שען נאר פראק־טיש אונאויספיהרבאר, איז די פאליטישע ריכטונג איבערהויפט ניט ריכטיג, ווייל זי בעטראכט די ניט דעמאקראטישע ארדנונג אלס די איינציגע אורזאכע פון דער יודענפראגע. אין דער אמת'ן מעג איינ־געפיהרט ווערען חאטש א דעמאקראטישע רעפובליק, וועט יודענ־פראגע אין א צייט ארום אננעהמען א נאך שארפערען כאראקטער, ווייל דא ווירקען ריין עקאנאמישע און סאציאלע פאקטארען, וועלכע וועלען זיך אין פרייען לאנד נאך שטארקער ענטוויקלען.

געוויס איז אונזער רעכטלאזיגקייט אונערטרעגליך און העסליך. געוויס דארפען מיר קעמפפען פאר אונזערע רעכט; דאס מוז זיין אונזער הויפט פונקט אין אונזער פראגראם־מינימום. אבער מיר דאר־פען וויסען אז די יודענפראגע בכלל וועט דערמיט נאך ניט ווערען געלעזט. מיר וועלען נאר בעקומען דאס רעכט (אבער ניט די מעג־ליכקייט) פריי צו בעשיצען אונזערע אינטערעסען, פריי ארבייטען אום צו לעזען די יודענפראגע. ענדליך אין דער דעמאקראטישער געזעלשאפט וועלען די ווירקענדע געזעלשאפטליכע כוחות ווערען בולט'ער, די געזעלשאפטליכע ריכטונגען נאטירליכער, די יודענפרא־גע — רעלי'עפער. עס וועט ענדעקט ווערען די ראלע פון דער קא־פיטאליסטישער ארדנונג אין דער יודענפראגע, עס וועט דייטליך ווערען, אז נור אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט קען די יו־דענפראגע גענצליך געלעזט ווערען.

(המשך קומט).

סטאריע איז א לאנגע קייט פון שטענדיגע וואנדערונגען, אבער דאס עמיגרירען איז א דויערנדער פראצעס אין פערגלייך מיט וועלכען די פאליטישע פערפאלגונגען, די ניט דעמאקראטישע געזעצגעבונג מוז בעטראכט ווערען אלס א איבערגאנגס פעריאד. דער פאליטישער קריזיס מוז פארקומען נאך איידער די עמיגראציע וועט איבערשטייגען דעם נאטירליכען צו-וואקס.

אויך דא מוז אונטערגעשטריכט ווערען א פסיכאלאגישער מאמענט: קוקענדיג אויף דער עמיגראציע ווי אויף דער איינציגער ישועה, בערעכטיגט דער נאציאנאליסטישער געדאנק אלץ וואס שטופט דעם יודען צו אויסוואנדערונג. ביי איהם קומט אויס, אז ס'עקזיסטירען טאקע בעלי ביתים און געסט; די געסט דארפען אוועק געהן ווען זיי זיינען ניט אנגענעהם דעם בעלי הבית. דער געדאנק, אז אלע בירגער האבען די זעלבע רעכט אויף דאס לאנד, פעהלט דא אינגאנצען. דעריבער איז זייער קאמפף פאר זייערע רעכט אין די גלות-לענדער אזוי פארבלאזיג און זיי בעווייזען ניט דעם געהעריגען ווידערשטאנד, וועלכען פאדערט פון אונז אונזער נאציאנאלער כבוד.

ד ע ר ס ך ה כ ל.

בעטראכטענדיג אלע דריי ריכטונגען אין דער ניט-דעמאקראטישער געזעלשאפט, געפינען מיר אין יעדער פון זיי אנ'אמת אבער ניט קיין גאנצען. יעדע ריכטונג האט בעמערקט נור איין שטריך פון דעם פערפלאנטערטען יודישען לעבען און בעטראכט איהם אלס דעם איינציגען, מאכענדיג צו נישט אלע איבעריגע געזעלשאפטליכע ערשיינונגען. די פאליטישע ריכטונג בעטראכט די ניט דעמאקראטישע ארדנונג, דעם פ א ל י ט י ש ע ן אנטיסעמיטיזם אלס דעם איינציגען אינהאלט פון דער יודענפראגע; בעקעמפפט די ארדנונג און די יודענפראגע ווערט געלעזט. די אסימילאטארישע ריכטונג לערענט אז כל זמן איהר וועט זיין יודען וועט מען אייך דריקען; ווערט אויס יודען, דאן וועט במילא אויפהערען צו עקזיסטירען די יודענפראגע.

א סוף צו די נאציאנאלע ליידען, ווייל א אוננאטירליכע אסימילאציע איז א מעהר קרענקליכער פראצעס ווי דער נאציאנאלער דרוק און זי רופט ארויס אונגעהוירע געזעלשאפטליכע ווידערשטאנדען סיי ביי די וואס מען אסימילירט סיי ביי די מיט וועמען מען אסימילירט. ווידער ניט ריכטיג איז דאס, אז די אסימילאציע איז בכלל פראגרעסיוו, נוצליך פאר דער אלמענשליכער קולטור בפרט נאך די אסימילאציע פון יודישען פאלק, א פאלק מיט א טיעפער אינדיווידואליטעט, אנארכיע־אינדיווידואליטעט און דרייטויזענדיאהריגער אייגענארטיגער קולטורעלער ענטוויקלונג.

א פסיחאלאגישער מאמענט מוז אונטערשטריכט ווערען אין אסימילאטארישען געדאנק: די רעכטלאזיגקייט איז טיילוויז נוצליך ווייל זי העלפט צו דער אסימילאציע. דעריבער טאקע איז דער קאמפף פון די אסימיליטארען געגען דער יודישער רעכטלאזיגקייט אזוי אונפארביג און אפט נעגאטיוו (מעשה נאטאנזאהן — דיקשטיין.)

די נאציאנאליסטישע ריכטונג.

דער נאציאנאליסטישער געדאנק איז די שארפסטע רעאקציע געגען דעם אונגעוועהנליכען נאציאנאלען דרוק; ער זעהט ניט קיין אויסוועג פון דער בעשאפענער לאגע, ער גלויבט, אז דער פאליטישער אנטיסעמיטיזם וועט שטענדיג עקזיסטירען און דעריבער וועט אויך די געזעצגעבונג שטענדיג זיין געווענדעט געגען יודען; אויב אפילו מען וועט זיך שוין |יע דערשלאגען גלייכבערעכטיגונג וועט עס אויך דאן בלייבען א פוסטער אות אויפ׳ן פאפיר. דעריבער האט קיין זין ניט דער גאנצער פאליטישער קאמפף, עס לוינט ניט אומזיסט אזוי פיעל געזעלשאפטליכע ענערגיע צו פערליערען, מען דארף פשוט נעהמען האק און פאק און אנטלויפען אין דער אלטער היים אדער גלאט ווי נאר די אויגען טראגען.

אויך דער געדאנק ענטהאלט אין זיך גרויסע ווידערשפרוכען. ערשטענס איז אונמעגליך א גאנצען פאלק ביי היינטיגע לעבענסבעדינגונגען אין א קורצער צייט עמיגרירען. אמת, די יודישע הי־

געדאנק: איינע בעהויפּטעט, אז די געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג פון יודישען פאלק פיהרט סיי ווי סיי צו אסימילאציע, מען דארף נור מיטווירקען דעם פראצעס און בעקעמפפען אלע אייגענארטיגקייטען, אלע איבערגעבליבענע טראדיציעס, צושטערען אלץ וואס אונטער־שיידעט אונז פון זיי. דאס זיינען די „וויסענשאפטליכע" אסי־מילאטארען. די אנדערע בעהויפּטען, אז וועו אפילו די ענטוויקלונג פיהרט ניט צו אסימילאציע, מוז מען זיך קינסטליך אסימילירען, ווייל דאס איז דער איינציגער אויסוועג פון אונזער ליידען, דאס איז אויך א שריט פארווערטס צו דער אלמענשליכער קולטור. דאס זיינען די „זאאלאגישע" אסימילאטארען.

ריכטיג איז ניט די ערשטע ניט די צווייטע אנשויאונג. די נייע־סטע פארשונגען אויפ'ן נאציאנאלען געביעט האבען ערקלעהרט און די געשיכטע האט בעשטעטיגט, אז נור בעזונדערע גרופען, וואס זיי־נען צוזייט צווישען א גרויסער סאציאלער מערהייט קענען זיך לאנג־זאם אסימילירען און דאס אויך אפט ביי גרויסע אינערליכע סתירות. די ברייטע קאנצענטרירטע פאלקס־מאסען קענען נאר אונטער דער ווירקונג פון דער פרעמדער ארומיגער קולטור בעקומען א גרעסע־רען אדער קלענערען צירקוליער אין תוך בלייבען זיי אבער ביי זיי־ער אייגענארטיגער קולטור. דא ווירקט דאס, וואס מען רופט אן נא־ציאנאלע אפפערצעפציע. דער «וויסענשאפטליכער» אסימילאטארי־שער געדאנק איז געגרינדעט אויף דעם ניט וויסען די הויפּט־געזע־צען פון דער נאציאנאלער ענטוויקלונג און איבערהויפּט אויף דעם ניט קענען דאס לעבען פון יודישען פאלק.

נאך מעהר באדענלאז איז דער «זאאלאגישער» אסימילאטאר, וואס וויל געהן געגען דעם ענטוויקלונגס־פראצעס פון יודישען פאלק אין נאמען פון דעם גרויסען יודישען ליידען און מענש־ליכען פראגרעס. ניט רעדענדיג שוין דערפון, וואס ס'איז אונ־מעגליך טרייבען גאנצע פאלקס־מאסען געגען זייער נאטירליכער ענטוויקלונג, איז ניט ריכטיג אויך דאס, וואס די אסימילאציע מאכט

ווען ניט בעגרינדעט און די פיהרער פון דער יודישער גאס האבען איהר איגנאנצען אוועקגעמאכט מיט דער האנד, בעהויפטענדיג, אז די יודענפראגע איזביים איצטיגען מאמענט נור קינסטליך ארויס־געראפען דורך דער ניט דעמאקראטישער ארדנונג און וועט פאר־שווינדען צוזאמען מיט דער לעצטער.

א ביסעל אייגנארטיגער נאר אין תוך, דאסזעלבע האט גע־טענה'ט א טייל פון דער יודישער בורזשואזיע וועלכע פיהלט אויף איהרע פלייצעס דעם יאך פון דעם פאליטישען אנטיסעמיטיזם. פאר א געוויסען טייל פון דער יודישער בורזשואזיע, אין קולטורעלע הינ־זיכט שוין פרעמדער דער יודישער נאציאן, וועלכע אין פרייען לאנד וואלט געקענט זיך ברייטער ענטוויקלען, איז די יודענפראגע געוויס א ריין פאליטישע.

אט דיביידע שיכטען זיינען געווען פערבלענדעט פון די פאלי־טישע איבערלעבונגען און האבען געזעהען אין זיי די איינציגע גאולה. אזא אנשויאונג האט געבראכט זעהר אפט דערצו, אז ריין נאציאנאלע געשעהעניסען האט מען געמוזט בעטראכטען אלס אל־געמיינע, אלס א רעזולטאט פון אלגעמיינער לאנדס־ענטוויקלונג, נאר וועלכע זיינען צופעליג אויסגעפאלען אויפ'ן יודישען גורל. אזוי למשל, האט פערשטאנען די «בירזשע» דעם פאגראם־שטורם, וואס האט זיך געטראגען איבער די יודישע שטעדט און שטעדטלעך.

פון איין זייט מענשען אבגעריסענע פון זייער פאלק, פון דער אנדערער זייט מענשען ווייניג בעוואוסטזיניגע, נאר וואס ארויסגע־רופענע צום געזעלשאפטליכען לעבען, האבען זיך געקענט בעפריע־דיגען מיט אזעלכע איבערפלעכליכע אנשויאונגען.

די אסימילאטארישע ריכטונג.

פון אסימילאטארישען שטאנדפונקט איז די איינציגע עצה געגען דער רעכטלאזיגקייט, ווי געגען דער יודענפראגע בכלל — זיך אסי־מילירען: וועט ניט זיין קיין יוד, וועט במילא ניט זיין קיין יודענ־פראגע. צוויי הויפטריכטונגען עקזיסטירט אין דעם אסימילאטארישען

גאט פאר זייערע זינד אדער אלס א בעזונדער שליחות צו פארשפריי־טען די גאטהייט־אידעע צווישען די אומות העולם. מיט דעם טיפען רעליגיעזען גלויבען האט דער יוד געזוכט בערוהיגען זיין שטענדי־גען ליידען.

גאר אנדערש האט מען אנגעהויבען קוקען אויף דער זאך ווען דאס ארט דענקען איז געווארען ביים פאלק מעהר וועלטליך, מעהר וויסענשאפטליך. נאר אויך איצט איז דער קוק אויף דער געגענווארט־צוקונפט און אויפגאבען פון יודישען פאלק ניט איינארטיג. פערשי־דענע שיכטען, אונטער דער ווירקונג פון זייער עקאנאמישער לאגע, אונטער דער ווירקונג פון פערשידענע אידעען מיט וועלכע זיי זיי־נען געוועזען אין בעריהר, פערשטעהען גאנץ פערשיעדען די יודענ־פראגע בכלל און די ווירקונג פון אנטידעמאקראטיזם אויף דער יו־דישער לאגע בפרט.

צווישען די פיעלארטיגע שאטירונגען אין דעם פערשטעה'ן די ווירקונג פון אנטידעמאקראטיזם אין יודישען לעבען דארף מען אונ־טערשיידען פאלגענדע הויפט ריכטונגען: 1) די פאליטישע 2) די אסי־מילאטארישע און 3) די נאציאנאליסטישע.

די פאליטישע ריכטונג.

די ברייטע יודישע מאסען האבען ערוואכט צום געזעלשאפטלי־כען לעבען צוליעב דער פארגעקומענער קלאסען־דיפערענצירונג און צוליעב דעם אלגעמיינעם פאליטישען שטורם וואס איז פארגעקומען אין לאנד.ביידע אורזאכען האבען געבראכט דערצו, אז דער פאלי־טישער קאמפף איז געווארען דער הויפט ציעל. מיט פאליטישע אור־זאכען האט מען געוואלט פערענטפערען פיעל ערשיינונגען וואס הא־בען אין דער אמת'ן פיעל טיעפערע ווארצלען. די ענטשטאנענע קלאסען־בעוועגונג האט זיך געניטיגט אין א טהעארעטישער בע־גרינדונג. דא זיינען געקומען צו הילף איבערהויפט די דייטשע טהע־ארעטיקער, וועלכע האבען ווי בעוואוסט, איינגאנצען זיך ניט איינ־טערעסירט מיט דער נאציאנאלער פראגע. איז ממילא די פראגע גע־

בערופענדיג זיך אויף דעם פרינציפ, אז ניט אלע מענשען דאר־פען האבען די זעלבע רעכט ווייל עס עקזיסטירען נידריגערע און העכערע, נוצליכע און שעדליכע, אייגענע און פרעמדע, האבען די שטארקערע מלוכות און נאציאנען אנגעהויבען דריקען די שוואכערע. א בעזונדער שארפען כאראקטער האט אנגעהויבען דער דרוק אין די נאציאנאליטעטענשטאטען ד. ה. אין מלוכות וואס בעשטעהען פון פערשידענע נאציאנען גרויסע און שטארקע, קליינע און שוואכע. אום צו מאכען גרינגער דעם קאמפף מיט די קלענערע «פרעמדע» פעלקער האט מען זיך אנגעהויבען בענוצען מיט׳ן געזעץ, אבנעה־מענדיג ביי די געדריקטע פיעל פאליטישע רעכט, שטערענדיג די נארמאלע קולטורעלע ענטוויקלונג פון די געדריקטע מאסען, כדי האלטען זיי אין פינסטערניש און דערמיט אבשוואכען זייער ווידער־שטאנד. דער אנטידעמאקראטיזם איז דער וויכטיגסטער און זיכער־סטער געוועהר געגען דעם קאמפף פון רעכט מיט מאכט.

דער אנטידעמאקראטיזם בנוגע יודען.

בעזונדער שווער האט געווירקט די אנטידעמאקראטישע ארדנונג אויפ׳ן יודישען פאלק אין זיין 2000 יאהריגען וואנדערען צווישען פרעמדע פעלקער, וואו ער איז שטענדיג געווען א שוואכע מינדערהייט. די ראסען און נאציאנאלע אינדיווידואליטעט פון יודען איז ביי יעדען גינסטיגען היסטארישען מאמענט אויסגענוצט געווארען אויפן שרעקליכ־סטען אופ׳ן. די גאנצע געזעצגעבונג בנוגע צו יודען האט געהאט שטענ־דיג איין ציעל—איהם אויסצונוצען. דא האט מען איהם געגעבען פיעל רעכט ווייל מען האט זיך אין איהם גענויטיגט, מען האט געוואלט פראפיטירען זיינע פעהיגקייטען; דא האט מען איהם אכזריות׳דיג ארויסגעשטופט פון לאנד ווייל ער האט שוין זיין זאך אבגעטוהן.

ווי האבען די יודען פערשטאנען זייער לאגע? אין גאנצען מי־טעלאלטער זאגאר ביז ניט לאנג האבען יודען געגעבען זייער לאגע א ריין רעליגיעזע ערקלעהרונג. דעם גאנצען דרוק, וואס ס׳איז אויס־געקומען זיי צו ליידען, האבען זיי אנגענומען אלס א שטראף פון

י. אהרנזאהן.

# די שטעלונג פון דער יודענפראגע.

המשך*).

II. די יודענפראגע אין די גרענצען פון דער ניט־דעמאקראטישער געזעלשאפט.

דער אנטידעמאקראטיזם.

דעמאקראטיזם אין ברייטען זין פון ווארט הייסט פולבערעכטיגונג פון פערזאן, קלאס און נאציאן; הייסט געבען דורכ'ן געזעץ דער פערזאן, קלאס און נאציאן די גאנצע מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען. דער היפך איז דער אנטידעמאקראטיזם, וואס איז געבויט אויף דער אונגלייכהייט פון מענש.

די אונגלייכהייט איז ענטשידען כמעט באלד ווי ס'האט זיך געבילדעט די מענשליכע געזעלשאפט. אנגעהויבען האט זי זיך אין דער ענגער משפחה און דערנאך איבערגעגאנגען אין דעם מעהר ברייטערען שטאם. שפעטער, ווען די ענטוויקלונג האט געבראכט צו מלחמות צווישען בעזונדערע שטאמען, איז בעשאפען געווארען דער קנעכט־אינסטיטוט. נאך שפעטער, האט דער קאפיטאל צושטערט די קנעכטשאפט און האט בעשאפען די „פרייע" לוין־ארבייטער.

די עקאנאמישע אונגלייכהייט אין דער געזעלשאפט האט געווירקט אויפ'ן ארט דענקען פון מענש: אפילו די איידעלסטע און געניאלסטע פערזאנען אין אלטערטום האבען בערעכטיגט דעם קנעכט־אינסטיטוט. אריסטאטעל, למשל, האט געפונען, אז די קנעכטשאפט מוז און וועט עקזיסטירען. דאס איז א רעזולטאט פון א מעכטיגען פסיכאלאגישען געזעץ: די אינטערעסען דיקטירען אונז אנשויאונגען. אזוי, ווען די סאציאלע ענטוויקלונג האט געמאכט מעגליך דאס צוטיילונג פון דער געזעלשאפט אויף קלאסען, האט דער סאציאלאג עס בערעכטיגט און דער געזעצגעבער — פעסטגעשטעלט.

*) זעה „דער יודישער סטודענט" Nr. 1.

און אויסגעגעבען האט זיך אונז אז אונזער וועלט האט זיך אויך אויף וועלטעלעך צעשאטען, אז אונזער צער האט זיך אויף מינד־סטע וועהטאגלעך צעברעקעלט און איינער ביין צווייטען האבען מיר די ברעקלעך צער טיעף נעפיהלט, פערנומען, דייטליך געקלערט געוואוסט שוין, אז ווען מיר וואלטען זיך האטש איוף אויילע פער־איינינגט, צוזאמענגעקלעבט, וואלט אונזער וועלט גאנץ געווארען, וואלט אונזער צער אין א זיס צאפעלדיגער אויפרעגונג זיך פער־וואנדעלט...

בין איך דיר אזוי דאנקבאר געווען, ווען דו האסט אנ׳אויסרייד געפונען און צו מיר צוגעגאנגען, מ׳כלומר׳שט צופעליג צו מיר זיך ליעבליך אנגעבויגען. כ׳האב דעם אטהעם פערהאלטען, די געדאנקען פערקוועטשט, א מאמענט — אנ׳אייביגקייט געווארט, „ס׳איז אזוי קאלט אין גאס״ האסטו פלוצלונג אזאג געטהון, אבגעגאנגען און געשוויגען. נאכדעם האב איך דיר געזאגט, אז „ס׳איז קאלט אין גאס״ און אויך געשוויגען. גלייך ווי פון דער אנשטרענגונג וואלט געפלאצט אין אונז די מעגליכקייט צוריידען, צו פעשטעהן איינער דעם צווייטען, צו פיהלען...

שפעטער, אז דו האסט זיך, א פרעמדע שוין געקליבען אבגעהן האב איך ווידער אין דיר דייטליך צוויי געזעהען: איינע וואס ווייס אלץ און איינע וואס טאר גאר נישט ניט וויסען, איינע וואס וויל אלץ און איינע, וואס טאר גאר נישט ניט ווענלען... כ׳האב אטראכט געגעבען דיר דאס אויסזאגען, אבער דיך איז שוין אין צימער ניט געווען.

בין איך א צייט נאכדעם אליין מיט מיין אינערליכען פייערעל געזעסען. געברענט האט ער אין מיר ווי א איינזאמע ליכט אין א וויסטען פינסטערען חדר, א ליכט, וואס ברענט בלויז צוליעב דער ליידיגקייט, בלויז צוליעב דער פינסטערניש...

א שטראהל פון דער פארגעהענדער זון איז דורכ׳ן פענסטער גע־פאלען און א ליכטיגער נאך ארום מיר שוין שווארצע שאטענס גע־פלאכטען, די זון האט אויך א בלוטפייערדיגע געזונקען און א קאלטע געווען. א פאלשער טאג.

שעמסט זיך, ווארים פאר וואס ביזטו אין צימער אריין און ווי א בעליידיגטע ווייט פון מיר זיך געזעצט...

איך האב דיך אין פלוג ניט בעמערקט, ווייל דו ביזט דאך פריהער אויך מיט מיר געוועןץ אנ'אנדערע נור אנ'אמת'ע א הארציגע... און איין רגע, בלויז איין רגע האט זיך מיט געדאכט אז איהר זייט טאקי צוויי... צוויי, די זעלבע און דאך פערשידענע... און שפעטער א ווײלע האט זיך מיר שוין אויסגעוויזען אז די פריהערדיגע איז אין דיר אריין, מיט דיר זיך צוזאמענגעגאסען, ביזטו מיר באלד אזוי אמת'דיג־נאהענט געווארען ווי יענע מיינע און כ'האב שוין אינ'ם אויגענבליק געוואלט דיר גלייך אויפ'ן האלז פאלען... און ווידער נור דיך אליין דערפיהלט, דיך אליין אהן יענער — יענע איז פערשוואונדען, און דיך האט פון מיר א וועלט אבגעטיילט, א גאנצע וועלט, וואס בעשטעהט פון פ'נטעלעך, שטריכעלעך, אזעלכע אין נשמה איינגעגעסענע קריצעלעך, וועלכע מ'קען דאכט זיך, אבווארפען מיט איין לייכטער בעוועגונג און דאך שטעהען זיי ווי א מחיצה. ווי א שווערער בארג צווישען צוויי שוין פעראייניגטע נשמות און מ'קען איבער דעם ניט אריבערשפרינגען ס'דערלאזט ניט...

זענען מיר גאר נאהענטע פון ווייטען געזעסען און גערעדט. אזוי ריידען זיך דורך, רופען זיך איבער צוויי ווייטע וואלקענס ווען אין זייערע טיפענישען ברומען, רודערען נאהענט־פריינדליכע עלעמענטען, אזוי שמועסען זיך איבער צוויי וואסער־וועלען, וועלכע שלאגען זיך אהנמעכטיג אן א הארטען פעלז. וואס שטעהט זיי אין מיטען.. מיר האבען גערעדט צוזאמען און בעזונדער, יעדערער פאר זיך און פאר'ן צווייטען און אין יעדעס ווארט איז אזוי פיעל קלאנגען געווען אין יעדען קלאנג אזוי פיול ווערטער — גלייך א ווארט וואלט זיך אויף ווערטעלעך צעשאטען, א קלאנג — אויף קלענגעלעך צעטיילט און ס'לעבט, ס'ציטערט אין יעדער קלאנג זיין נשמה'לע, אנ'עופ'עלע א קליינינקע, וואס דרינגט טיעף אין הארצען, זויגט דארט און נאגט..

און מעהר האב איך דאס בלעטיל ניט געבעטען... איך האב עס מיטליידיג צווישען די בלעטער פון מיינעם אנ׳אלטען בוך אריינגעלייגט. און ווען עס טרעפט אמאל, מיין בליק בעגעגענט איהר בליק, קוקט עס אויף מיר טרויעריג מיט איהר בייננקענדער געלקייט — און שווייגט... שוויגט ווי דאס פויגעל־ליעד אין ווינטער־לאנד, ווי דער עלענד אין די הערבסט־טעג...

י. דאברושין.

# אין א פאלשען טאג.

(א שטימונג).

אין א פאלשען טאג איז דאס פארגעקומען. די זון האט דעמאלט דעם פריהלינג אבגענארט און א קאלטע א ווייטע מיט פאלשע שטראהלען די ערד בעלייכט. האט א בייזער ווינדטעל שוין זיין כח דערפיהלט און שטיקלעך וואלקענס איבער׳ן הימעל געטריבען, געפאכט ניי מ׳כלומר׳שט איינע מיט איינע און ניט געלאזט זיי אין גאנצען זיך בעהעפטען, שנעל ניי פאנאנדערגעשיידט.

פון דער ערד האבען די ערשטע גרעזעלעך גלויביג־נאאיוו די קעפעלעך ארויסגעשטעקט און ענטוישטע געפרוירען, געגליווערט — א פאלשער טאג איז דאס געווען.

איך בין איינער אליין אין מיין צימער געזעסען און וועגען דיר גע׳חלום׳ט. געוואלט האב איך די נשמה דערווארימען, מיט דיין ליכט, מיט דיין פלאם זי אנפילען. האב איך שטארק וועגען דיר געטראכט — כ׳קען וועגען דיר אזוי שטארק טראכטען — דוכט זיך מיר אויס דעמאלט אז דו ביזט מיט מיר, נעבען מיר, אין מיר: אזא נאהנטע ביזטו מיר אין א זעלכע מינוטען, אזא נאהנטע אז דו וואלסט זיך געשעמט, ווען דו וואלסט געוואוסט. און אפשר ווייסטו און אפשר

צווייגען זיך פער׳גנב׳ען א שוואלב און אנהויבען בויען זיין ערשטע נעסט און פון דארט לאזען שאלען איבער׳ן גאנצען וואלד זיין בשורה פון פריהלינג׳ס־אנקום...

און אין א זומער־פארנאכט, ווען די זון פלעגט א רויטע אין טייך זיך טובל׳ען פלעגט אהין א יונגעס פאר׳ל פער בלאנזען און אונטער דיין בוים פון זייער ליעבע טרוימען אין נעצען פון גליק שפינען...

און צוציהען פלעגט דאן דער בוים דיינער זיינע ברייטע צווייגען איבער זייערע קעפ, ווי מיט מלאכי׳שע פליגעל און בעשיצען זייער זעלען־געהיימניס...

זאג, בלעטעל, וואס האבען זיי דערצעהלט די פערליעבטע?...

נאר דאס בלעטיל שווייגט..

* * *

און צום לעצטען מאל פרוביר איך זיך איינבעטען:

„צו האסטו זיך ניט אויפגעהאדעוועט צוזאמען מיט דיין בוים אויף א הויכען פעלזען, ערגיץ אין א ווייטען מדבר א פערלאזענעם אליין, א פערגעסענער איז דיין בוים געשטאנען, שטענדיג אויסגע־צויגען די הויכע שפיצען זיינע צום בלויען רוים, ווי ער וואלט זיך ווילד־תאוה׳דיג געריסען אהין צו דער גליהענדער זון, און אין טיע־פען טהאל פלעגט ער מיט פעראכטונג אראב קוקען: „העכער בין איך איבער אלע!...” ניט קיין זינגער־פויגעל און ניט קיין פריהלינגס שוואלב פלעגט זיך דארט זיין נעסט בויען, נאר דער שטאלצער אדלער האט זיך דארט זיין וואוינונג אויסגעקליבען... און געשטא־נען איז ער דארט אויפ׳ן הויכען פעלזען, דורות לאנג, תקופות לאנג, ניט וויסענדיג פאר ווערמען און אויף וואס ער איז געוואקסען און שטיל געוויעגט זיינע בלעטער סודענדיג זיי פון זיין שטאלץ...

זאג, בלעטעל, וואס אזוינס האט דיך דער ווילדער פעלזען בוים פערטרויט?...

נור עס האט געשוויגען...

* * *

און כ׳האב דאס בלעטעל ווייטער געבעטען:

„אפשר האט דער בוים, אויף וועלכען ס׳איז דיין ערשטער קנאספ געבארען געווארען, געוואקסען ערגיץ אין א וויסטען פעלד, איינזאם א פער׳יתום׳טער. און ניט געהאט האט ער קיינעם — אחוץ דעם בלויען הימעל, וועלכער פלעגט איהם בעוואכען א שווייגיגער אין זיין פוילען דרימעל־טאג און נאכט, זומער און ווינטער... און עס האט געבייינקט דער בוים דיינער אין דער פעלד־איינזאמקייט אויף זיינס א גלייכען, און פון בייינקשאפט פלעגט ער צוציהען זיינע צווייגען־הענד צום ברייטען שטח, ווי עפעס בעטענדיג אדער האפענדיג פון דער שטילער ווייטעניס און ניט קענענדיג זיך גאר נישט דער ווארטען צוריק פערזונקען ווערען אין זיין פוילען דרימעל.

און ס׳פלעגט טרעפען אמאל, א וואנדערער האט אין א הייסען זומער־טאג צו זיין בוים פערבלאנזעט און אינ׳ם קיהלען זיידענעם שאטען א שוץ פון דער זון זוכען און אנשלאפען ווערען א מיעדער שמייכלענדיג אין טרוים...

צו ווייסטו ניט, בלעטיל פון וואס האט געטרוימט דער מיעדער וואנדערער?...

נאר ס׳שווייגט דאס בלעטיל.

* * *

און ווידער אמאל בעט איך עס:

„צי איז ניט דער בוים אויף וועמעס צווייגען דו האסט דיין גרינער יוגענד פערבראכט געשטאנען ערגיץ אין א וואלד,ביין ברעג פון א זילבער־טייך, וואו אין קלארען קריסטאל וואסער האבען זיך געשפיגעלט זיינע צווייגען פולע, אנגעלאדענע מיט דיינע טויזענדער שוועסטער, און זיינעווארצלען האבען געוואשען טאג־טעגליך פאר ביי־שווימענדע חוואליעס און אזוי ארום פערטרויעט דיר די סודות אויס די אבגרונדען פון טייך.

און ווען פריהלינג פלעגט בעגינען פלעגט צווישען זיינע פולע

ריג געבליקט צום גראהען הימעל ארויף, ווי זיך געבעטען, עס זאל איהר דער ווינד שוין צורוה לאזען און ניט שליידערען זי מיט זיין אכזריות׳דיגען געלעכטער אין דער וועלט...

כ׳האב דעם טרויער פון בלעטיל דערפיהלט, האב עס רחמנות׳־דיג אויפגעהויבען און שווייגענדיג אין בוזים בעהאלטען; זאל עס חאטש אנ׳איינציגען פריינד אין אומעדיגען הערבסט האבען...

אז איך בין א היים געקומען האב איך די טיהר פון מיין צימער אויף ריגעל פערמאכט, האב דאס געפונענע בלעטעל ארויסגענומען און האב עס בעטראכט פון אלע זייטען... עס האט געקוקט צו מיר פער׳צער׳ט, מיט איהר געלען טרויער־בליק, און געשוויגען...

כ׳האב דאס בלעטעל געבעטען עס זאל מיר איהר יחוס דער־צעהלען: אויף וועלכען בוים זי האט געוואקסען? —

„צו האט ניט איהר בוים געבליהט אין א קעניג׳ס א גארטען, בערינגעלט מיט שעהנע גליה־רויטע בלומען, פערפלאנצט אליין פון דער קעניגינ׳ס האנד און א טרייער וועכטער פלעגט זיי טאג־טעגליך מיט רעגען־וואסער בעשפריצען, עס זאל פון זיי חלילה קיין האר ניט געמינערט ווערען... און אפטמאל אינ׳ם ערווארטען בעגינען, ווען די זון פלעגט אויפגעה׳ן אויפ׳ן ראנד, ווי א פייער־געזאנג פון מארגען, פלעגט דעם קעניג׳ס טאכטער אויפן גרין־גע־פרעסטען סאמעט שפאצירען, צווישען די שלאנקע צופרעסען אין איהרע ווייסע מארגען־שיכלעך אויף די בארוויסע אקארסט־אין מילך געוואשענע פיס איהרע, און בעצויבערט ווערענדיג פון די בליהענדע פאר־טאג־בלומען, געבאדענע אין נאכט־טהוי, פלעגט זיך פלוצלונג פון איהר יונג הארץ א ליעד ארויסקוועלען און זיך צע־שווימען אויף די בלעטער פון דיין מאמע־בוים..

צו קאנסטו, בלעטיל, נישט דערצעהלען מיר פון וואס האט גע־זונגען דאס קעניג׳ן־טאכטער?...

נאר ס׳האט געשוויגען דאס בלעטיל..

ער האט איהר גוטמוטהיג זיך געלאזען אויסריידען, ער געדענקט ניט צו האט ער איהר געגעבען מיטלען צו ניט, נאר אז זי איז „גענע־זענט" געווארען דאס ווייס ער געוויס — די גאנצע צייט פון ז״ין געפינען זיך אין דער היים פלעגט זי איהם בריינגען דאנקען און וואונשען און א סך «פראקטיק» פון דער גאנצער שטעדטעל און ארום — און ער קלערט ווייטער מיט וואס פאר א ערנסט ער פלעגט זיי אלעמען צונעהמען און געפרעהט זיך און גליקליך געווען וואס ער קאן כאטש מיט עפעס נוטצליך זיין און ווידער דערמאהנט ער זיך אז באלד פון דער יוגענד האט איהם געצויגען צו מעדיצין — ווי ער פלעגט זומער אונטער א בוים מיט א בוך ליגען און קוקען אין די גרינע צווייגען און פאנטאזירען אז ער וועט זיין א מאל אגרוי־סער גאר גרויסער דאקטאר··· בעשטימט וועט ער צו טובערקעלאז א מיטעל געפינען··· און איצט אפילו... גנב׳עט זיך ביי איהם אונבע־מערקט א געדאנק, באקטעריאלאגיע האב איך דאך אזוי ליעב...

און רוהיג גוט איז איהם — דער ריטמישער שליטען צוג, די קאלטע קלארע לופט ארום, די ליעבע ווארימקייט פון פעלץ און די אויגען קלעפען זיך איהם... געדאנקען שווימען פארביי און שטעלען זיך ניט אב — עפעס זעהט ער אויפ׳ן ווייסען פעלד פייערלאך פייער־לאך... און אסך קראנקע קומען און ער היילט זיי מיט׳ן קוק, איינער שטרעקט צו איהם די הענד אויס — ער דערקענט אהרון׳ציקען און היילט איהם מיט א קוש...

— באריס... וועקט פלוצלונג ר׳ חיים — שטעה אויף!... מיר זיינען שוין אונטער׳ן שטעדטעל... —

(המשך קומט).

א. י. גראדזענסקי.

# דאס הערבסט־בלעטיל.

(ליעד אין פראזא).

אין א הערבסטיגען טאג בין איך אין פעלד געגאנגען און האב א בלעטיל געזעהן ליעגען אויף ד׳רערד, א געלס, וואס האט טרויע־

הען... נאר ס׳האט זיך ארויסגעוויזען אז כ׳האב נאך ערגער געמאכט· אמת דער מענש האט אויפגעלעבט· ער האט אנגעהויבען פאדער׳ן אז מען זאל שוין שפאנען א פערד און תיכף פאהרען מיט איהם אין שטעדטעל צו דיר — כ׳זאג איהם אז דו ביזט נאך ניטא — און מען ווייסט נאך ניט אויף געוויס צו דו וועסט קומען גאר אין גאנצען און ער אין איין קול מען זאל באלד פאהרען מיט איהם — איהר ווילט מיר ניט ראטעווען — רעדט ער צו די עלטערען און זיי בעגיסען זיך מיט טרערען...

קוים, קוים האב איך איהם איינגערעדט — אז דו וועסט מסתמא ניט קומען... קענסט פערשטעה׳ן מיין עגמת־נפש אין אזא פראסט איהם פיהרען... זאל גאט איינהיטען... און איך וואלט געוועןן דער גורם..

— קען מען צו איהם מארגען צו פאהרען... — פרעגט באריס.

— געוויס!.. — ענטפערט דער אלטער און די שטימע זיינע ציטערט... — נאר זעהסט? אלע ווארטען אויף דיר — דיין איין נאמען אליין... האסט דאך שוין אזוי פיעל מענשען געהאלפען...

און באריס הערט גאך, און הערט וואס דער אלטער חיים דערצעהלט איהם... ער דערמאהנט זיך זיינע ערשטע „פאציענטען" ווען ער איז נאך אויפ׳ן דריטען קורס געווען. אנגעהויבען האט זיך דאס מיט זיין יונגערער איינציגער שוועסטער, וועלכער דער קאפ האט עפעס וועה געטאהן — ער האט איהר עפעס געגעבען און איז «מאמענטאל» געזונד געווארען... נאכהער האט ער שוין געמוזט „אויס הערען" דער „מאמא", די שוועסטערקע האט ניט געלאזען רוהען און איהר פאר א האנד מיט גוואלד פון קיך געבראכט... סטייטש, האט זי געשריען — דיר האט דאך אמאל עפעס וועה געטאהן. נאכהער דעם פאפא, מיט וועלכען ס׳איז אפילו אויסגעקומען זיך אביסעל אמפער׳ן... ער האט אבער געמוזט בעסער ווערען... נאכדעם עפעס א בעריעדעוודיגע שכנה און קרוב׳טע פון איהרע רייד האט ער ארויסגענומען אז אלץ טוהט איהר וועה און איז אליין אויך אקראנקע, דעם עיקר זי האט ניט פאר ווען די הארץ אויס צוריידען —

ניט קיין בחור געווען נאר א בחור׳עץ... היינט זאל גאט אויסהיטען, א צער צו קוקען אויף איהם... עס רייסט די הארץ...

— וואס האט פאסירט מיט איהם—פרעגט באריס נאך אונרוהיגער.

הערסטו אט דאס איז דאך די מעשה וואס מען ווייס ניט וואס... ער איז אוועק פון דער היים — פאר וואס ווייס איך אויך ניט, ווי אלע קינדער היינטיגע צייטען, בקיצור ער איז אוועק אין א גרויסער שטאדט, געווען דארט עטליכע יאהר, ניט געהערט און ניט געזעהן איהם... נאר אט די צייטען איז ער געקומען צוריק און דארט איין פון טאג צו טאג...

— פון וואס?.. — האקט איבער ראזענפעלד — פיהלענדיג אז ער ווייס זעהר גוט פון וואס אהרון׳ציק דארט איין, נאר ער וויל זיך אליין ניט מודה זיין...

— מען ווייס ניט אויף קלאר... מ׳זאגט אז דאס איז די סוכאטע קיין דאקטאר ארום איז דאך ניטא, נאר סיי ווי זאגט מען אז קיינער קען שוין ניט העלפען, נאר גאט אליין...

— פון וואנען האט זיך דאס צו איהם גענומען?... — פרעגט באריס מיט א פרעמדער איבערגעביטענער שטים.

— מען זאגט אז ער איז א צייט לאנג, פאר עפעס אין טורמע געזעסען... אנדערע, אז דאס איז פון א היינטיגע ליעבע...

איז אהרון׳ציק א פארטיינער מענש געווען, קלערט באריס, אינטערעסאנט צו וועלכער פארטיי ער האט אנגעהערט.

— נאר מי״א, רעדט ווייטער דער אלטער, בין איך געווען אין דארף, אין שטוב ביי זיי איז טרויער — ער ליעגט דעם גאנצען טאג קוים וואס ער געהט ארום, פונדעסטוועגען, וויל ער אלץ אוועק פאהרען; אויב ער וועט בלייבען זאגט ער, מוז ער שטארבען... צו וועמען? צו וואס? ווייס ער אליין ניט — נאר געה, פאהר מיט איהם... כ׳בין דאך ניט קיין רופא, נאר מיר דוכט אז פאהרען מיט איהם איז א סכנה... נו, שמועסענדיג האב איך זיך בעדארפט אויסריידען אז דו דארפסט אפשר אנקומען, כ׳האב איהם פשוט געוואלט דערפרע־

— נו, ווי מיינט איהר ר׳ חיים? דארף איך זיך אבשטעלען אין שטעדטעל, ווען כ׳זאל ענדיגען?... — פרעגט באריס.

— געוויס! —

— ניין, ר׳ חיים איהר האט א טעות. שווער צו זיין א דאקטאר אין א קליין שטעדטעל, און ס׳איז ניט אינטערעסאנט אויך.

— דיר וועט דאך ניט פערדריסען.. — רעגט זיך אויף דער אלטער — נאר כ׳וועל דיר זאגען אז דו רעדסט ווי א קינד, די שטעדטעל וועט דאך דיר טראגען אויף די׳ הענד. מען גלויבט דאך אין דיר ווי אין א גוטען יודען... אט כ׳וועל דיר דערצעהלען: כ׳בין היינט געפאהרען מיט דיין פאטער אין א דארף. אויפ׳ן צווייטען ברעג טייך, זומער פלעגסטו זיך באדען דארטען; געדענקסט?... דעם מילנער געדיינקסטו און זיין בחור?...

— אהרון׳ציג?... גיט א פרעג באריס און דערמאהנט זיך אז דאס איז געוועזן זיין יוגענדס־חבר פון דארף, צוזאמען פלעגט מען זיך שיפען, שווימען, חאפען פיש און ארום קריכען אין וואלד: זוכען פויגלען און קלויבען יאגדעס און בעטקעס. ווי אלץ פערשווינדט פון זכרון, ווען האט ער איהם דערמאהנט?... אזוי פיעל יאהרען פאריבער...

— יע, דאס איז ער! — בעשטעטיגט דער אלטער.

— נו, וואס מאכט ער?

— אלע שונאים אונזערע!.. — קרעכצעט דער אלטער — ניט פאר קיינעם געדאכט, דער מענש איז שוין כמעט א שוכן עפר... נאר ווארט כ׳וועל דיר דערצעהלען...

ביי ראזענפעלד׳ן אין הארצען האט זיך עפעס אבגעריסען.

— וואס איז מיט איהם? — פרעגט ער צורודערט, דערביי שטעלט זיך איהם פאר אהרו׳נציק אין גאנצען, מיט זיין אבגעברענטען דארפישען פנים און שטארקען געשיקטען קערפער.

— א שטארקער יונג דאך געווען.. — רעדט ווייטער דער אלטער חיים, פונקט ווי ער וואלט געלייענט באריס׳ס געדאנקען —

פאר׳ן האלז די רוחות, נאר איין יונגער פערד האט מיט די קאפיטעס צווייען דער הרג׳עט, א גבור א פערד געווען!...

און ביי היינטיגען טאג זיינען קיין וועלף ניטא? — פרעגט איבער באריס.

— זיי זיינען יא דא, נאר ווינציגער... אין דער יוגענד האב איך אליין געזעהן...

— עך! גענעץ ניט! — האט אימיצער א געשריי געטאהן פון אנטקעגען און פייל פון בויגען איז א שליטען דורכגעלאפען.

— דער וועג איז זיי שמאל... — ווארטשט ר׳ חיים ברוגז׳דיג׳

— וואס באריס... — פרעגט פלוצלונג ר׳ חיים.

— ביזטו שוין א דאקטאר, אנ׳אמת׳ר דאקטאר?...

— ניין אין גאנצען נאך ניט, ס׳פעהלט נאך אקלייניגקייט, נאר כ׳בין שוין קמעט א דאקטאר.

עט, ס׳איז שוין אלץ איינס — זאגט דער אלטער זיכער — ביזט שוין אונזערער די גאנצע שטעדטעל קוקט שוין די אויגען אויס נאך דיר און אפילו דער גאנצער געגענד ארום...

— וואס ווארט מען עפעס אויף מיר? פון וואנען ווייס מען אז כ׳וויל זיך אבשטעלען אין שטעדטעל, כ׳האב דאס אפילו אין זינען ניט...

—עט, וואס דו רעדסט? זאגט דער אלטער—דיין מוטער אליין וועט דיר ניט אוועקלאזען, זי קען האבען נחת פון דיר ביי זיך אין דער היים—נאך וואס אין דער פרעמדר?... בינסט געווען אונזערער און בלייבסט אונזערער, דערמאהן זיך נאר וויפיעל מענשען האסטו געראטעוועט נאך זייענדיג א סטודענט—א קלייניגקייט הונדערט וויארסט ארום איז קיין דאקטאר ניטא, דער גאנצער געגענד ווארט דאך אויף דיר ווי אייף משיח׳ן...

— ס׳לוינט ניט דער ווארטען דערווייל... — שמייכעלט באריס

— ווארטען צו ווארטען איז ניט גלייך... רעדט ערנסטר דער אלטער.

ארבייטען איצט קלאר און איהם דוכט, אז אלע פריהערדיגע יאהרען שווימען איהם אנטקעגען מיט׳ן ווייסען וועג. לויפען פארביי זיינע אויגען און ווערען ווידער פערשוואונדען... ער דערמאהנט זיך א סך שמועסען וועלכע ער האט געפיהרט מיט׳ן אלטען חיים׳ן און מיט זיך אליין — א סך פאנטאזיעס און פערלאנגען וועלכע ער האט מיט דעם זעלבען וועג געפיהרט... ער קלויבט זיי דורך אין זכרון, כמעט גאר ניט ערנסטעס, אלץ אזוי נאיוו.. אזוי נאיוו...

די פאנאראמע פון וועג האט זיך פלוצלונג געביטען, דער שלי־טען האט א סקריפ געטהאן,ביידען האט א וויעג געטאהן און פוןביידע זייטען איז אויסגעוואקסען אנ׳איינגעהילטער וואלד, נאך דונ־קעלער איז געווארען ארום און שרעקענד — ס׳האט זיך געדוכט אי־מעצער א פערבארגענער קריכט עפעס ארום טיעף אין וואלד צווי־שען די בוימער און קלאפט עפעס איבער זיי און זוכט... באריס דער־מאהנט זיך אז שטענדיג פלעגט איהם ווערען סמוטנע אויפ׳ן הארצען אריינפאהרענדיג ביי נאכט אין וואלד אריין, קליינערהייד פלעגט ער זיך צו טוליען צו ר׳ חיים׳ן און איהם פרעגען וועגען וועלף.

איצט פיהלט ער אויך אנ׳עהליכען געפיהל, ווי מאדנע עס ווירקט — קלערט ער — ווידער דוכט איהם גלאצט דער וואלד זיינע שוואר־צע חלול־דיגע אויגען אוןווארט אויף עפעס...

— זעהט, ר׳ חיים, זיינען שוין טאקי קיין וועלף ניטא מעהר אין די געגענדען? — פרעגט באריס פלוצלונג.

דער אלטער חיים האט אבגעלעבט.

— וואס הייסט ניטא... געוויס זיינען זיי דא, — חאפט ער זיך אן, מען זאגט נאר אז ס׳איז שוין מעהר ניטא, כ׳וועל קיינמאל אבער ניט גלויבען, עט, ט׳איז נאר געזאגט...

— וואס הייסט נאר געזאגט?... — פרעגט באריס פעראינטערעסירט.

— אמאל איז געווען גאר א סך, מיין טאטען אליין זיינען זיי בע־פאלען אין א ווינטעד נאכט — ביי מיין זיידען ע״ה. אויפ׳ן דארף האבען זיי צוויי פערד אין שטאל אויפגעפרעסען, זיי האפען באלד

דער אלטער האט אונבעשטימט א מאך געטוהן מיט׳ן האנד ווי׳ איינער זאגט׳ וואס א מענש קען זיך שוין אליין העלפען׳ — נאר..— האט ער כלמרשט ברוגז׳דיג גערעדט: — שפאר זיך ניט׳ פאלג אנ־ עלטערן׳ ס׳קען גאר ניט שאדען...

באריס האט לאכענדיג זיך אויפגעשטעלט און מיט ר׳ חיים׳ס הילף ארייגעקראכען אין גרויסען פעלץ.

— אז דיר וועט זיין קאלט׳ וועל איך דיר נאך געבען מיין בור־ קע אויך... — חכמה׳ט זיך דער אלטער חיים און לאזט די פערד וויי־ טער אין וועג. — מיינסט׳ ס׳האט ניט געטראפען?.. קליינערהייד פלעגסטו דוקא וועלען מיין בורקע און דעם פעלץ פיינד האבען׳ — געדענקסט ווי דו פלעגסט אויף מיר אנשטעהן, אז כ׳זאל זיך בייטען מיט דיר?... אין פעלץ פלעגסטו זיטצען און פריערען און אין מיין בורקע פלעגט דיר ווארעם זיין...

ראזענפעלד דערמאהנט זיך ווירקליך, וואס פאר א מאדנע צו־ ציהונגס־קראפט ס׳האט געהאט פאר איהם דעם אלטענס בורקע...ער פלעגט אבמאכען דעם קונץ גאנץ גוט: זיטצען איינגעטוליעט אין פעלץ און ק־ימען זיך אז עס איז איהם שרעקליך קאלט׳ קלאפען א צאהן אן א צאהן און מאכען ציטערן די קניה ביז וואנען ר׳ חיים פלעגט איהם מוזען אבגעבען זיין בורקע.. פאר וואס האב איך גע־ האט אזא חשק צו דער גראהער אויסגעשמירטער בורקע? קלערט ער — ווייס איך אליין ניט — נאר ער וואלט זיך געשפירט אמת אונ־ גליקליך ווען דאס זאל זיך איהם ניט איינגעבען — ווי נאאיוו מען איז!.. — קלערט ער.

— כ׳בין נאך געווען יונג און קינדיש׳ ר׳ חיים.. — זאגט באריס און שמייכעלט.

— געוויס... געוויס!... — בעשטעטיגט אומבעשטימט דער אל־ טער חיים.

באריס קלערט ווייטער און דערמאהנט זיך וועגען נאך אזעלכע שטיק׳ וועלכע ער פלעגט ארויסווארפען אויפ׳ן וועג, די געדאנקען

געקלערט ווי גוט עס איז איהם, ס׳וואל׳ט זיך דוכט זיך געוואלט שלי־
טען זיך אזוי אייביג, אייביג!..

— פיעל וואלטען דאס, מיינע חברים אין דער גרויסער שטאדט,
אבגעגעבען פאר אזא קוליק?.. קלערט ער און שמייכעלט צו זיך
אליין — דארט זעהט מען גאר כמעט קיין שנעע ניט אן מען רוימט
איהם שוין אב בעפאר ער פאלט נאך אויס — פלוצלונג ווילט זיך
איהם לאכען און זינגען פון פרייד א רוסיש ליעדעל:

אידא טראיקא סניעג פושיסטי...

נאר ער כאפט זיך באלד, אז עס פאסט ניט פאר ר׳ חיים׳ן —
דאך דרעהט ער אב די קאפ און לאכט זיך פאנאנדער אויפ׳ן קול.

— וואס האסטו אזוינס דערזעה׳ן?.. — פרעגט דער אלטער
חיים שמייכלענד.

— גאר נישט — ענטפערט באריס — עפעס מאדנע פייערלאך
דארט — זאגט ער א תירוץ.

— דאס איז פון א דארף, — ענטפערט דער אלטער.

ראזענפעלד האט פערבעהאלטען דעם שמייכעל און זיך צו גע־
קוקט צו די איינזאמע ווייט־שמיגלענדע פייערלאך פון א דארף. ער
איז געווארען ערנסט, א אונבעשטימטער געפיהל האט איהם ארום
גענומען, אנ׳איינזאמער שטארקער און בענקענדער, א פרויען קעפעל
האט פאר די אויגען א שימער געטוהן...

— גאט איז מיט דיר... — רייסט איהם איבער דער אלטער חיים
די רעיונות — פאר וואס טיהסטו דעם פעלץ ניט אן... עט, ס׳איז
גאר קיין קונצען ניט... מען קען זיך גאר גרינג צו קיהלען, דערביי
האלט ער אב די פערד.

— וואס טוהט איהר ר׳ חיים? — כאפט זיך אויף באריס.

— מיר ריהרען זיך פון ארט ניט, ביז וואנען ווערסט ניט אנטוהן
דעם פעלץ אויף זיך... — זאגט ער ענטשיידען.

— נו, נו ר׳ חיים, גלויבט מיר אז ס׳איז מיר ניט קאלט, ווידער
פערגעסט ניט אז איך בין עפעס אליין א שטיקעל דאקטאר...

איהם, ער האט זיך אנגעהויבען שפירען, פונקט אלס גימנאזיסט, ווען ער איז געפאהרען דעם ערשטען מאל א היים. א מונטערער געפיהל האט פערפולט די נשמה זיינע און שטיפעריש, ווי א קליין קינד איז ער אריינגעשפרונגען אין שליטען.

— לאמיר פאהרען! — האט ער האסטיג פרעהלאך ארויסגערעדט.

— לאמיר טאקי פאהרען... — הזר׳ט איבער דער אלטער חיים רוהיג און נעהמט די לייצעס מיט׳ן בייטש אין האנד אריין. נאר מען דארף זיך איינדעקען גוט... ס׳וועט זיין א צוואנציג גראד. ווי מיינט מען... ווי מיינט איהר?..

— ר׳ חיים, כ׳הייב אן אין כעס ווערען... שרייט באריס ברוגז־דיג — איהר ווילט טאקי מיט מיר ניט ריידען...

— עט, זאל זיין אזוי!.. אז דו ווילסט דו... זאל זיין דו... דעם אמת זאגענדיג האב איך דיר נאך געניאנטשעט ווען ביסט נאך גאר א קליינינקער געוועזן... עט, געהט א גאנג!.. גיט ער א שמודער צו די פערד.

די גלעקלאך האבען אנגעהויבען קלינגען. שנעל האט דער שלי־טען געמיטען דעם וואקזאל און ארויף אויפ׳ן וועג.

די אנגעקומענע נאכט האט אנגעהויבען אטהעמען קאלט און שארף: שטערענס האבען זיך בעוויזען און צושאטען זיך אין מיליא־נען פינקעלאך איבער׳ן פרייען פערוויסטען פעלד, געשימירירט אין די ווייסע קרייזעלדיגע קעפ פון פערשאטענעם וואלד און אין מיט׳ן די וועג אויסגעשאטען מיט ברילִיאנטען, בריליאנטען, בריליאנטען..

פאהרענדיג האט ראזענפעלד געפיהלט א ווילדען פערגעניגען, דער שנעלער צוג פון שליטען מיט׳ן ריטמישען קלינגען האט איהם אין גאנצען פערכאפט, פינסטערער און קעלטער איז געווארען פון מינוט צו מינוט — ער האט אבער די קעלט ניט געשפירט, פריי איז ער געזעסען אין זיין סטודענטישען פאלטא און פארמענער היטעל און מיט א פערוויטיגטען פנים און גלאנציגע אויגען האט ער מיט דער פולער ברוסט געצויגען אין זיך די ריינע פראסטיגע לופט און

דער אלטער חיים מורמעלט עפעס און קען ניט בייקומען די גרויסע פרייד, וועלכע פלאטערט אין הארץ און פינטעלט אין די אויגען — נו לאז זיין אזוי, רעדט ער ווי צו זיך און די שטים זיינע ציטערט — נאר, יא וואס האבען מיר זיך פאר'טענה'עט... האבען מיר אין וואגאן גאר ניט פערגעסען?...

— ניין, ליעבער ר' חיים, גאר נישט.

— מען דארף זיך דערמאהנען — אפשר, יא עפעס דער זשאנ־דאר האט זיך שוין אויסגעצויגען, דער צוג געהט שוין אב, נאכדעם וועט זיין שפעט.

— ניין, ניין, ר' חיים, כ'האב ניט געהאט וואס צו פערגעסען...

— דענסטמאהל איז עפעס אנדערש... — בערוהיגט זיך דער אלטער חיים, — טא לאמיר טאקי געהן צום שליטען, ניטא וואס צו באלאמוצען, מיר האבען נאך א שעהנע עטליכע שעה צום פאהרען; כאטש די וועג איז א מחיה, נאר עס געהט צו נאכט און דער פראסט ווערט שטארקער...

עט, אויפ'ן וועג וועלען מיר א שמועס טאהן...

ביים וואקזאל אויפ'ן הינטערשטען הויף האט געווארט אנ'אויסגע־בעטער בהרחבה'דיגער שליטען געשפאנט מיט א פאר זעטיגע פערד. אין שליטען איז געלעגען דעם פאטערס גרויסער פעלץ, אנ'אמת'ר בערן־פעלץ פון א יודישען וואלד־סוחר, מיט א הויכען ריעזיגען קראגען, באמבעלדיגע קנעפ און פערבויגענע פוטערנע ארבעל — דערצו איז נאך געוועזן צוגעלייגט א פאר ווארעמע פאטשיילעס פון דעד מוטער און נאך א קישען אויף די פיס.

— נו, לאמיר זיך אריינזעצען, — זאגט חיים — און מען דארף זיך גוט צו דעקען... די זון פערגעהט שוין און דער פראסט הויבט אן ברענען... — דערביי בעווייזט ער דעם פעלץ.

ראזענפעלד האט זיך פרעהלאך פארנאנדערגעלאכט. נאר איצט האט ער בעמערקט דעם פעלץ, די פאטשיילעס מיט'ן קישען, דער עיקר די קישען, מיט א קינדערשער מילדקייט האט געאטהעמט אויף

קומט דער באַרג, דער טייך.. דער בריק און... אַט איז די סטאַנציע ער בייגט זיך אַרויס, פאַראויס. אָנפאַנג דוכט איהם אַז ער זעהט אַ פאָ־סטע פּערשׁנעעטע פּלאַטפאָרמע... נאַר ניין, ער האָט אַ טעות געהאַט... מענשׁען שווימען אַרויס.. וואַקסען. פאַרשׁעמנד קוקט ער זיך צו; ס׳האָט פאַרבייגעשׁווינדעלט אַ עהנליכע פיגור — איז דאָס ער?

ר׳ חיים! ר׳ חיים! — רופט ער און מאַכט צו איהם מיט׳ן האַנד — אַט בין איך דאָ! — זאָגט ער צו זיך אַליין.

דעם לעצטען טרייסעל הין און צוריק און דער צוג שׁטעהט.

דאָר אַלטער גראָהער ר׳ חיים שׁטעהט שׁוין ביין שׁטאַפּעל פון וואַגאָן און כאַפּט אונטער דעם טשׁעמאָדאַן זיינעם — נאַר ער אַליין שׁפּרינגט געשׁווינד אַראָב — ס׳ווילט זיך איהם אַרויפוואַרפען זיך ר׳ חיים׳ן אויפ׳ן האַלז פאַר פרייד, — נאַר עס פּאַסט ניט — און מיט׳ן גאַנצען האַרצען דריקט ער איהם די האַנד און פערוואַרפט איהם מיט פראַגען.

— וואָס מאַכט איהר, ר׳ חיים? שלום עליכם! וואָס הערט זיך אין דער היים? זענען אַלע געזונד?...

— עליכם שלום! ענטפערט דער אַלטער חיים צורודערט — און בעמיהט זיך ריידען מיט אַ רוהיגער שׁטים — אַלע ב״ה געזונד, וואָס מאַכסט... וואָס מאַכט... איהר עפּעס?...

— כ׳בין געזונד, שׁטאַרק און מונטער... — ענטפערט באָריס פרעהלאַך. — נאַר וואָס האָט איהר מיר עפּעס פּלוצלונג אָנגעהויבען זאָגען «איהר»?...

— עט, קען מען זאָגען... — רעדט דער אַלטער מיט אַבגעווענ־דעטע אויגען, — פאַרט אַ דאָקטאָר שׁוין... ווען איהר זייט געווען אַ קליינינקער... נו ווען איהר זענט געווען כאָטש אַ סטודענט האָט נאָך ניט אויסגעמאַכט... אַבער היינט...

— נו, נו, ר׳ חיים... — זאָגט באָריס און שׁמייכעלט — פאַר קיין פאַל, וויל איך ניט אַז איהר זאָלט מיר «איהרצען», סיידען איהר ווילט מיט מיר קיין וואָרט ניט רעדען... דאַן איז עטוואָס אַנדערש...

דער זעלבער חיים משרת האט איהם געפיהרט פון קליינווייז אן, ווען ער איז נאך א שווארץ־חנו׳דיגער גימנאזיסטל געווען, הין און צוריק, אויפ׳ן סטאנציע און פון סטאנציע. — שטענדיג איז ער גע־ווען דער ערשטער פון די הויזיגע וועלכען ער פלעגט בעגעגענען און דער לעצטער מיט וועלכען ער פלעגט זיך זעגענען... אויף זיי־נע הענד און פאר זיינע אויגען איז ער אויפגעהאדעוועט זיך און אויסגע־וואקסען.

לעבט ער נאך? פרעגט ער זיך אונרוהיג, — געוועהנליך וועגען דעם שרייבט מען דאך אין קיין בריעף ניט... — נאר ער ענדיגט ניט דעם געדאנק און כאפט זיך אליין — עך, ווי נערוועז איך בין, שמייכעלט ער — דער לערנען מאטערט אויס אביסעל — די לעצטע עקזאמענס, אין גיכען דארף איך אריינטרעטען אין פעראנטווארטלי־כען לעבען... ווי מאדנע טראכט ער זיך — כ׳האב דאך דאס אזוי בעגערט... פיעל מיה האט דאס מיר געקאסט?... איך בעדאדף דאך זיין אזוי צופריעדען און גליקליך..

און ער האט מורא זיך מודה זיין אז עס שרעקט איהם זאגאר אביסעל דער גרויסער לעבען־פלאנטער מיט זיין פעראנטווארטליכ־קייט און פיהלט ניט די צופריעדענהייט וועלכע ער האט בעדארפט שפירען און זיך שטענדיג פארגעשטעלט... ער ווייס די סיבה, אבער פאר וואס זאל ער דאך ניט פרעהען זיך?...

דערפאר איצט, — קלערט ער, ווייטער — וועל איך זיך אויס־רוהען און אנזאמלען כוחות, אך ווי גוט עס איז זיין אין דער היים נאך א לאנגע צייט פון צושיידונג, ער שטעלט זיך פאר דער ליעבער מאמא, דעם פאטער, דער טרייער שוועסטער און א ווארימער גע־פיהל פיקט זיך אין ברוסט און מאטערט: עך גיכער שוין, גיכער!..

מיט א צייט פריהער, פאר דער לעצטער סטאנציע, האט ער גע־נומען זיין האלב ליידיגען טשעמאדאן אין האנד און ארויס אויפ׳ן פלאטפארמע. נאך האסטיגער האט די הארץ ניט, ווילענדיג געקלאפט דארט איז דער ווינט־מיהל שוין!.. אן ארום איז דער טייכעל.. באלד

עס האט נור דער אווענד זיין אייביגען טרוים
מיט שטילע און טונקעלע שאטענס בעווארענט.

פערשמאכטעטע יודען פון תענית פון שווערען,
דעם טרוקענעם הונגער און דארשט צו דערשטיקען
ערווארטען אין שאטען מיט בענקענדע בליקען
פון הימעל א צייכען — דריי איינציגע שטערען...

יעקב קרעפליאק.

# א נאכט פון שרעק.

דער סטודענט־מעדיק באריס ראזענפעלד, פון לעצטען קורס, איז געפאהרען אויף ווייגאכטען א היים, צו די עלטערען, ערגעץ־וואו אין א פערווארפענע ליטווישע שטעדטעל.

צוזאמען מיט׳ן גאנג פון צוג האט אויך געוואקסען זיין אונגע־דולד: עס לויפען פארביי וועלדער, פעלדער, שטעדט און דערפער א געהיימע האנד שלעפט די ליניען־דראטהען ארויף און אראב און ער גיט זיך איבער פון איין געדאנק צום צווייטען פון אונגעדולד צו אונרוה...

זיין הארץ קוועלט אן ביין אנבליק פון די געליעבטע היימאטס ערטער נאר אומעטיגע געפיהלען פערמישען זיך און שלאגען אב פון זיינע ליכטיג־פרעהליכע געדאנקען מיט א דונקלען שאטען. — עך גיכער שוין... גיכער שוין! זעהן, וויסען וואס אין דער היים טוהט זיך.

— וועט מיר ווער אבווארטען אויף דער סטאנציע? — קלערט ער ווייטער און ווישט אויס די פערשוויצטע שויב אין וואגאן־פענ־סטער — וועט מיר אבווארטען, ווי אלע מאל אונזער אלטער משרת ר׳ חיים?... לעבט ער נאך — דער אלטער ר׳ חיים... — און זיין הארץ קלאפט העפטיגער פון אונגעדולד און ערווארטונג.

מיט צויבערע שירים
וועלען קלינגען די פעלדער,
און ס'וועלען איינשלאפען
די טרוימענדע וועלדער.

און קלייניטשקע בלימלעך,
וואס פינקלען און גלאנצען,
וועלען די צעפּ אונז בעפּוצען,
די האר אונז בעקראנצען.

און ווי נאר דער מארגען
וועט ווידער ערוואכען,
וועלען מיר זיך צולויפען
מיט הילכיגען לאכען.

א. מ. ביעלענסקי.

# מיין הייליגער נדר.

גענוג, איך פערלאז איצט מיין איינזאמען צימער,
דאס פאלק דארף מיין הילף, און איך טהו וואס איך קען;
עס זאל נור נישט קיהלען אין הארצען דער ברען
און עהרליך זאל פלאקערען אימער.

גענוג, איך פערלאז איצט מיין איינזאמען חדר,
מיין גליק, איז דאס גליק פון מיין אוראלטען שטאם;
מיין טרעהר — איז די טרעהר פון זיין יאוש אין סם,
צו קעמפפען — מיין הייליגער נדר!

# דער תענית.

ביין טהיר פון בית־מדרש פערברענט און פערצארענט
האט קוים איינגעדרעמילט דער צווייגיגער בוים,

און וואס עס זאל, קינד מיינס, מיך טרעפען אין לעבען
און וואו ס'זאל מיין גורל מיך ערגעץ פערטראגען —
דאן וועל איך די איינציגע תפילה נאר בעטען
און בעטענדיג וועט מיר דאס הארץ אזוי קלאגען!

III.

### א ח ב ר.

ווענס הארץ עס ליעבט און בלוטיגט—
דער זאל מיר א חבר ווערען — — —
וועט ער האבען טיעפע קנייטשען
וועל איך ווי א קינד איהם הערען.

וועט ער זיין אין מיינע יאהרען —
וועלען מיר דעם וועהטאג טיילען
און זיך איינער פאר דעם צווייטען
שטיל די ליידען אויסדערצעהלען.

וועט ער זיין אין יאהרען יונגער —
וועל איך זעצען איהם דערנעבען,
פעסט זיין קאפ צום הארצען טוליען
און דערצעהלען פון מיין לעבען.

אנטווערפען, 1912.

יאלי.

# א ליעד פון א וואסער־פעע.

צום קאריראדי מיידלעך,
אויפ'ן ברעג טאנצען געשווינד!
דארט וועלען מיר הוליען
מיט דעם רוישענדען ווינד.

א. ח. שעפס.

# שטילע מינוטען.

## I.

### עלענד.

דאס זאמד האט פערשלונגען מיין בלוטיגע טרעהר,
מיין זיפץ האט פערטראגען דער ווינד;
אין שלאפלאזע נעכט האט געפליסטערט מיר ווער:
«וועסט שטארבען ביי פרעמדע, מיין קינד».

כ'האב איינמאל געהערט א געוויין אויפ'ן פעלד,
ווען איך האב געבלאנדזשעט אליין,
און וואו נאר איך וואגעל אצונד אויף דער וועלט
בעגלייט מיך דאס ווייטע געוויין.

און ליעג איך ביי נאכט אין דער פרעמד אויף א בעט
און ס'הילט מיך די פינסטערניש שווארץ —
דאן דוכט מיר: דאס שטילע געוויין מיט געבעט
עס קומט פון מיין אייגענעם הארץ.

## II.

### צו איהר...

איך וויים: דו וועסט קיינמאל צו מיר נישט געהערען,
דיין יוגענד וועט טרוימען אין ארעםביים צווייטען,
ביים צווייטען...וואס האט דיך בעגעגענט צום ערשטען
און וועט דיך אין וועג פונ'ם לעבען בעגלייטען.

און איך?—איך וועל ליעבען דיך, קינד, אין מיין חלום
און קניהען פאר דיר אין מינוטען, אין שטילע,—
און ס'וועט זיך דאס פלאמיגע ליעד פון מיין ליעבע
פערוואנדלען ביי מיר אין אנ־איינזאמער תפילה.

ווילען קומען צו וועלכע ס'איז רעזולטאטען. דער אלגעמיינער צו־זאמענפאהר מוז אנערקענען דעריבער אלס אפיציעלע שפראך פון פערבאנד יודיש ניט צוליעב נאציאנאלע מאטיוועז, נאר צוליעב ריין פראקטישע טעמים; ווייטער דארף דער צוזאמענפאהר בעשליסען צו פיהרען א ברייטע עקאנאמישע טהעטיגקייט ניט אויס פרינציפיעלער אבזונדערונג נאר ווידער צוליעב פראקטישע רעזולטאטען: ווייל א צענטראלע הילפס־קאסע וועט נאר דאן האבען א קיום ווען זי וועט זיין א יודישע. אין צוזאמענפאהר אזוי אויך אין קינפטיגען פערבאנד דארפען אנטייל נעהמען נור אונפארטייאישע פעראיינען, ווייל פאר־טייאישע וועלען שטענדיג ארויסגעהן פון זייער שמאלען שטאנד־פונקט און וועלען נור שטערען דער אלגעמיינער ארבייט. אום צו נעהמען אנטייל אין פערבאנד מוזען די פארטיי־לייט אריינגעהן אין אנ'אונפארטייאישען פעראיין; דארט קענען זיי בילדען פערשיעדענע פארטייאישע סעקציעס, זיי קענען אויב זיי ווילען, בילדען בעזונדע־רע פארטייאישע ארגאניזאציעס אויסער'ן פעראיין, דער פעראיין אליין מוז אבער בלייבען שטריינג אונפארטייאיש. די פראקטיק האט געוויזען אז אזא ארגאניזאציאנס־מעטאד איז דער בעסטער.

די צוריכער קאנפערענץ מיט איהרע אבגעוועגענע אינהאלטס־רייכע בעשלוסען מוז אנערקענט ווערען פאר זייער געלונגען. צוריך פון היינטיגען טאג איז א מין קאטאוויץ, א מין טשערנאוויץ ביי דער יודישער סטודענטענשאפט. די וויכטיגע אנגעהויבענע ארבייט מוזען מיר דערפיהרען ביז'ן סוף און די עטליכע געבליעבענע וואכען ביזן צוזאמענפאהר, מוזען מיר ארבייטען אהן אויפהער ביז אונזער לאנג ערווארטעטער אלגעמיינער יודישער סטודענטען פערבאנד וועט פערווירקליכט ווערען.

נאר די געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג, וואס גראבט אונטער טריט ביי טריט אלע אסימילאטארישע פעסטונגען, וועט אויך געוויס צושטערען די לעצטע אסימילאציאנס־פראבע: די אלגעמיינע קאלאניאלע ארגאניזאציעס. קוקענדיג אויף דעם גרויסען פארשריט, וואס דער נאציאנאלער געדאנק האט געמאכט, זעהענדיג ווי אינטענסיוו געהט די ארגאניזירונג פון אלע נאציאנאלע כוחות, ווערט אלץ שטארקער ביי אונז דאס גלויבען אין אונזער צוקונפט.

דער לעצטער מאנאט איז רייך מיט וויכטיגע רעזולטאטען: ס'האבען זיך געגרינדעט פעראיינען אין א סך קאלאניעס (ברוסעל, אנטווערפען א. אנד.) די לאנג ערווארטעטע פאר קאנפערענץ איז פארגעקומען אין צוריך און ווי די לעזער קענען זעהען פון דער דעקלאראציע, וואס מיר דרוקען ווייטער, האט די קאנפערענץ אנגענומען פיעל זעהר וויכטיגע בעשלוסען און האט בעשטימט אנ'אלגעמיינעם יודישען סטודענטען־צוזאמענפאהר אויף אנהויב מערץ. די שווערע ארבייט פון אונזערע דארמשטאדטער חברים, וועלכע האבען שוין זייט 2 יאהר געארבייט לטובת דעם צוזאמענפאהר, איז ניט געגאנגען לאבוד.

זייער וויכטיגער פארשלאג ווערט איצט רעאליזירט. אמת, גרויסע שוויריגקייטען ליגען אונז נאך אויפ'ן וועג. פיעל פרינציפיעלע פראגען, געבארענע דורך די טיעפע סתירות אין יודישען לעבען, שטערען אונזער ארבייט. די שפראך פראגע, די פראגע וועגען עקאנאמישער טהעטיגקייט האט צושטערט די אייניגקייט אין דער יודישער סטודענטענשאפט. אזוי האט דער דארמשטאדטער פעראיין „מכביה" פראטעסטירט געגען דעם וואס די פארקאנפערענץ האט אנערקענט אלס אפיציעלע שפראך פון צוזאמענפאהר — יודיש, וואס מען האט בעשלאסען אז אין צוזאמענפאהר קענען אנטייל נעהמען נאר אונפארטייאישע פעראיינען.

די בעריהרטע פראגען זיינען פרינציפיעל זעהר וויכטיגע, נאר מיר מוזען זיך שטעלען אויפ'ן ריין פראקטישען באדען אויב מיר

און אסימיליאציע — זיינען די זעלבע זאכען"...

פערטיידיגען די אקאדעמישע אינטערעסען פון דער יודישער סטודענטענשאפט וועט געוויס בעסער א יודישער אלגעמיינער פערבאנד. דאס זעלבע אויך מיט די עקאנאמישע אינטערעסען: א צענטראלע הילפס־קאסע וועט האבען נאר דאן א קיום ווען זי וועט זיין א יודישע, ווי איך האב אנגעוויזען אין ערשטען נומער פון „יודישען סטודענט". פיהרען א געמיינזאמע, קאלאניאלע קולטורעלע ארבייט איז דאך געוויס אונמעגליך, ווי ס'האבען ריכטיג אנגעוויזען אונזערע קריסטליכע חברים אויף דער סטראסבורגער קאנפערענץ (עס איז ווערטה צו בעמערקען אז אייניגע יודישע דעלעגאטען האבען פערקעהרט געטענה'ט, אז קולטור איז אינטערנאציאנאל.) אויב אזוי צו וואס דארף מען דעם גאנצען „אלגעמיינעם" צוזאמענפאהר? צו וואס איז די גאנצע חתונה? צו דען צו ליעב דעם פאר פראצענט ניט־יודען? נאר דאס איז אי געזעלשאפטליך ניט בערעכטיגט אי קינדעריש־נאריש. דערצו ווייסען מיר, אז די איינצעלנע קריסטליכע רוסען אין די אויסלענדישע קאלאניעס שטיצען כמעט שטענדיג אונטער די נאציאנאלע פאדערונגען פון די יודישע סטודענטען. מיר ריידען דא ניט וועגען די פאליאקען, וואס האבען קיין שום מגע ומשא מיט דער יודישער קאלאניע און אומזיסט האט בעשלאסען די סטראסבורגער קאנפערענץ זיי צוציהען צום צוזאמענפאהר. (דער פארשלאג איז גאנץ פערשטענדליך: מען האט געוואלט בערעכטיגען די ארגאניזירונג אויפ'ן מלוכה־פרינציפ.) און אזוי מוז די גאנצע סטראסבורגער קאנפערענץ, ניט קוקענדיג דערויף וואס אין איהר האבען אנטייל גענומען אויך נאציאנאלע עלעמענטען, בעטראכט ווערען אלס א ניט בערעכטיגטע, אלס אנ'אבקלאנג פון וואלקענדען נאציאנאלען געדאנק. ווי די אנהייגער פון אלגעמיינעם קאלאניאלען צוזאמענפאהר זאלען זיך ניט מאטערען פערשלייערען זייער טהעטיגקייט בלייבט פארט קלאר אז דער אמת'ער מיין איז גאר אנ'אנדערער — זיך שטעלען געגען דער נאציאנאלער יודישער בעוועגונג.

זיינען אויסלענדער, וואס האבען אנ׳אייגענע היים מיט אייגענע אוניווערסיטעטען, טא זאלען זיי געהן אהין, צו זיך...»

בעגרענצען די רעכט פון ניט געווינשטע אויסלענדער איז כשר לויט די הערשענדע געזעצען און טראדיציעס. היינט בעגרענצען אזעלכע אויסלענדער, פאר וועלכע די „היים״ נעהמט זיך אן, לטובת וועלכע קיינער וועט קיין פיפס ניט טהון איז דאך געוויס גרינג. פיהרען אנ׳אנטי־אויסלענדער פאליטיק איז פיעל אנגענעהמער אפילו דעם בעזויפטען דייטשען קאאפעראנט אדער דעם דייטשען יונקער בכלל איידער זיך אויסשטעלען אלס אפענער אנטיסעמיט. דער אנ־טיסעמיטיזם אין זיינע גראבע פארמען איז שוין פארט ארויס פון דער מאדע אין מערב־איירא פא; דערדריקען א פערפאלגלטען יודען, יע, וואס אנטלויפט פון זיין שטיעף־היים זוכען ליכט אין פרעמדע אוניווערסיטעטען איז פארט ניט מענשליך, איז מען געפאלען אויף א המצאה און מען וויל אונז פערטרייבען אלס ר ו ס ע ן.

דאכט זיך אז אונזער האלטונג דארף זיין קלאר: מיר מוזען ארויסטרע־טען אלס יודען, אלס א פאלק אהן א היים און פאטערלאנד; מיר מוזען מגלה זיין די גאנצע פערשלייערטע פאליטיק, וואס ווערט ארום אונז געפיהרט; מיר מוזען איין מאל פאר אלע מאל זאגען אז מיר זיינען יודען און ניט קיין רוסען, פוילען אדער דייטשען; מיר מוזען פראקלאמירען צוערשט פאר די ברייטע דייטשע פאלקס־מאסען און דערנאך פאר דער גאנצער וועלט דעם ניטבערעכטיגטען יונקערשען אנטיסעמיטיזם. נאר דאן קענען מיר רעכענען אויף ערפאלג.

קלויבען זיך אויף אונזערע אסימיליאטארען און ערקלערען, אז מיר זיינען פארט ר ו ס ע ן; אין זייער פעטיציע ווייזען זיי אן אויף די גרויסע פערדינסטען פון די רוסישע געלעהרטע א. א וו. און דאס איז אלץ דורכגעדרונגען מיט אזא הארצלאזיגקייט און קאלטקייט. „ס׳איז מיר קלאר — האט געזאגט מיט א קורצער צייט צוריק ה׳ מאצקין אויף א פראטעסט־פערזאמלונג פון די יודישע סטודענטען אין בערלין — אז אונמענשליכקייט און אסימילאציע, הארצלאזיגקייט

ארגאניזירען. צוערשט האבען זיי מיט רוב שטימען בעשלאסען אז זיי, ניט זייענדיג ניט קיין סטודענטען און ניט קיין יודען, האבען רעכט זיך בעטייליגען אין דער גרינדונגס־פערזאמלונג און דערנאך האבען זיי געמאכט צו נישט אלע פארשלאגען פון דער איניציאטיוו־קאמיסיע „ווייל זיי נויטיגען זיך ניט". מען האב געמוזט בעשטימען אויף מארגען אנ׳אנדער פערזאמלונג אויף א פריוואטער וואהנונג אום דער געווינשטער פעראיין זאל ארגאניזירט ווערען. אויף אזא אופן וויל מען צושטערען דאס, וואס מיר שאפען דורך אזוי פיעל מיה און ארבייט.

גלייכצייטיג מיט דער נאציאנאלער ארגאניזירונג פון דער יודי־שער סטודענטענשאפט קומט פאר אנ׳אנטינאציאנאלע אדער, ריכ־טיגער געזאגט, אויך אנאציאנאלע נאר מיט׳ן קאפ אראב: אונטער דער רוסישער פאהן, בעפוצט מיט א פעררוסישטער קולטור. אונזערע אסימיליאטארען דערזעהענדיג אין די יודישע פעראיינען א געפאהר, האבען אנגעהויבען פערפעסטיגען זייערע פאזיציעס און, ווען דער אלגעמיינער יודישער סטודענטען פערבאנד איז בעשטימט געווארען, האט צוזאמענגערופען א קאנפערענץ און אויך בעשטימט א צוזאמענ־פאהר. מען דארף קאנקורירען!...

עס זיינען פאראן איינצעלנע חברים צווישען די נאציאנאל־גע־זאנענע, וואס מיינען אז אנ׳אלגעמיינער צוזאמענפאהר פון די „רו־סישע" סטודענטען איז פארט נוצליך, ווייל ס׳זיינען פאראן אקאדע־מישע און עקאנאמישע אינטערעסען, וואס זיינען שייך דער גאנצער קאלאניע און ניט נאר די יודען: די פערפאלגונגען אין דייטשלאנד זיינען געווענדעט געגען ר ו ס ע ן בכלל; נויטבעדערפטיגע סטו־דענטען קענען זיך געפינען אויך צווישען ניט יודען א. א. וו. דא שטעלט אבער א גרויסער טעות. מען מוז זיך פריהער פאר אלץ ערקלערען פאר וואס די פאליטיק אין דייטשלאנד איז אפיציעל א נ׳א נ ט י ר ו ס י ש ע. די זאך איז גאנץ פשוט: אויף אזא אופן וועט גרינגער זיין פון די «רוסען» פטור צו ווערען. «די רוסען

ווייזען, אז מיר זיינען טרייע זיהן פון אונזער אומה און נאר קליינ־ליכע עגאאיסטען, צוליעב זייערע פערזענליכע אינטערעסען, אנט־לויפען פון אונז, ווייל זיי ווילען ניט און קענען ניט בריינגען די גרויסע אפפער, וואס פאדערט פון אונז דער שווערער היסטארישער מאמענט, וועלכען מיר לעבען איצט איבער. אונזערע געזעלשאפ־טען טהוען טאג־טעגליך זייער ארבייט: פון איין זייט בעפריעדיגען זיי אונזערע בעדערפנישען אלס יודען און מענשען, פערטיעפערען אונזער נאציאנאלען בעוואוסטזיין. פון צווייטען זייט ווירקען זיי גינסטיג שוין מיט זייער עקזיסטענץ אליין אויף אונזערע נאציאנאל־נייטראלע חברים און אויף דער ארומיגער פרעמדער סביבה. דאס עקזיסטענץ פון אונזערע ביבליאטעקען און אנדערע איינריכטונגען לייקענט אב און צושטערט די שענדליכע און שעדליכע פאליטיק פון אונזערע אסימילאטארען.

נאר יעדע בעפרייאונגס־בעוועגונג, ווי פראגרעסיוו און נויט־ווענדיג זי זאל ניט זיין, רופט שטענדיג ארויס א רעאקציע פון יענע עלעמענטען „וואס זיינען ניט פעראינטערעסירט". אויף דער יודישער נאציאנאלער בעוועגונג האט גלייך פון אנהויב קרום געקוקט די טיילען פון די קאלאניעס וועלכע האבען פריהער גע־שפיעלט די הויפט־ראליע און האבען איצט, פערשטענדליך, פערלארען זייער איינפלוס. נאכ׳ן פינפטען יאהר האבען זיי ביסלעכווייז איינ־געשלאפען און זיך ניט אינטערעסירט ניט נאר מיט דער יודענפראגע (מיט איהר האבען זיי זיך כמעט קיינמאל ניט אינטערעסירט) נאר אויך מיט קיין שום געזעלשאפטליכער פראגע, איצט, ווען דער גע־זעלשאפטליכער פולס האט אנגעהויבען שטארקער צו קלאפען, קומען זיי אויך ארויס... אום צו שטערען.

אין ברוסעל, למשל, זיינען געקומען צו דער גרינדונגס־פער־זאמלונג פון יודישען סטודענטען־פעראיין אונזערע «געגנער» מיט א געגנוגענדער צאהל ניט סטודענטען און ניט יודען און האבען געשטערט די נאציאנאלע סטודענטען זיך צו

געקענט דער פאר האפען אז ווען די בעלגען און פראנצויזען וועלען קומען אין נעהנטערע בעציהונגען מיט'ן יודען, וועט זיך ביי זיי אויך די פארשטעלונג וועגען „זשאיף“ זיך בייטען. אין דער אמת'ן האבען מיר ביז איצט בעמערקט דעם היפך. און שולדיג אין דעם איז אונזער דענאציאנאליזירטער סטודענט: אז מען פרעגט ביי איהם ווער ער איז, רופט ער זיך אן ניט אלס רוסישער יוד, נאר פשוט ר ו ס. און היינט שטעלט זיך פאר וואס קען מען קלערען וועגען איהם אז לאזט זיך אויס אז דער «רוס» איז גאר א י ו ד, וואס פאר א פארשטעלונג מען קען האבען וועגען יוד, זעהענדיג אז ער אליין פערלייקענט זיין אבשטאמונג, פערבעהאלט זיין שרש. און ניט ווי־לענדיג פערשטארקט זיך דער געדאנק אז «לע זשאיף» איז א בע־טריגער, אבנארער...

אונזערע „אסימילירטע“ סטודענטען פון איישישאק און יעהופעץ (פאקטען ווייזען אונז, אז די סטודענטען פון אירקוטסק און נאווגא־ראד זיינען הייסע יודען און פון בערדיטשעוו און ווילנא זיינען «אסימילאטארען») פארבעהאלטען זיך אונטער א רוסיש־סלאווישער און אפט פראוואסלאוונער מאסקע און ס'איז שוין פארגעקומען א פאל, ווען איינער א סטודענט, וואס זיין אויסזעהען האט אויסגעזאגט אז ער איז ניט קיין «סלאוו» האט זיך פארגעשטעלט אלס ק א ל־מ י ק... מיר האבען שוין, דאנקען גאט, אויך קאלמיקען פון משה רבינו'ס גלויבען! אט וועלכע לעכערליכע פארמען נעהמט אן די אסימיליאציע אין איהר פערוועלקונגס־פעריאד!

געגען דער שענדליכער פאליטיק, וועלכע בעשמוצט אונזער נא־ציאנאלען כבוד, האט די נאציאנאלע סטודענטענשאפט אנגעהויבען צו קעמפפען און אומעטום, וואו מיר געפינען פאר נוצליך, פראק־לאמירען מיר זיך אלס פאלק. מיר ווייזען אן, אז מיר זיינען קינדער פון א גרויסען מיליאנען־פאלק מיט כמעט דער עלטסטער וועלט־קולטור, א פאלק, וואס האט אויסער איהר בעריהמטער הי־סטארישער שפראך, אויך א יונגע וואקסענדע פאלקס־שפראך. מיר

יוגענד זיך ארגאניזירען אין יודישע פעראיינען און אריינטרעטען אין אלגעמיינעם געזעלשאפטליכען לעבען אלס י ו ד י ש ע סטודענטען.

וויכטיג איז ביים יודישען נאציאנאלגעשטימטען סטודענט דאס יודישע בוך, דער ליטעראַרישער קרייזעל, דער רעפעראט אבער וויכטיגער פאר אלץ איז דאס בעשיצען זיין נאציאנאלען כבוד. א געזונדען פאלק קומט זעהר זעלטען פאר צו פערטיידיגען זיין נאציאנאלע עהרע; נאר אין גרויסע קריזיסען, נאציאנאלע אומגליקען ווערט אמאל געלעסטערט זיינע נאציאנאלע געפיהלען. דעם יוד אבער קומט אויס אין דעם הינזיכט ליידען שטענדיג און ניט נאר אין אונזערע „היימען" נאר אויך אין די אויסלענדישע קאלאניעס. אויך דא ווערען אונזערע נאציאנאלע געפיהלען טאג־טעגליך געטראטען. די פיינדליכע בעציהונג פון דער דייטשער געזעלשאפט, בעזונדערס פון דער דייטשער סטודענטענשאפט, צום יודישען סטודענט איז גוט בעקאנט און האט זיך בולט ארויסגעוויזען אין האללער אינצידענט, וואו די דייטשע סטודענטען האבען געפאדערט א מין פראצענט־נארמע פאר זייערע יודישע חברים און האבען ערקלערט א שטרייק אום צו נויטען דעם פראפעסארען־ראטה וואס גיכער צו פערווירקליכען זייערע פאדערונגען. אויך אין פראנקרייך און בעלגיען קומט אויס דעם יודישען סטודענט אויסשטעהן פיעל אונאנגענעהמהייטען. דאס מאל פשוט צוליעב'ן ווארט י ו ד — „זשאיף".

דער מיטעלאלטער האט בערייכט די פראנצויזישע ליטעראטור מיט א סימבאל פון שלויהייט, אבנארען, בעטרוג. און דאס איז אונזער פאלקס־נאמען — „זשאיף". דאס איז א מין רוסישער ז ש י ד נאר מיט א מעהר מאטעריאליסטישען אינהאלט. מען געברויכט דעם ווארט „זשאיף" ניט נאר בנוגע צו יודען: א סטודענט איז גרייט מכבד זיין א פראפעסאר, אויף וועלכען ער איז אין כעס, מיט'ן ווארט „זשאיף". איין סוחר בערופט אמאל אזוי דעם אנדער'ן.. דער יוד און די יודישקייט איז אבער גאנץ פרעמד די ברייטע פאלקס־מאסען. מיר האבען

שטעלט זיך אין די רייהען פון זיינע קעמפפער פאר א בעסערע צו־קונפט· אמת, אפט אויסגעדראשענע פערמאטערטע קומען צוריק אונזערע געבלאנדזשעטע ברידער; פערפרעמדטע, פערשטעהען זיי ניט אונזער פאלקס־שפראך; דעם הארציגען „חטאתי״ זאגען זיי נאך אויך איצט אויף א פרעמדע שפראך; פערפרעמדטע, מוזען זיי זיין איינזאמע אויך אין אונזער סביבה, ווייל אונזער קולטור־לעבען איז זיי פרעמד, ווי דאס גאנצע לעבען פון אונזער אומה, ווייל זיי האבען נאך ניט אוספעיעט אויסוועבען פעראייניגונגס־פעדים צווישען זייער נשמה און דער גרויסער פאלקס־נשמה, זיי האבען נאך ניט פערפוילט דעם גרויסען תהום וואס האט אויסגעגראבען זייער פאטער דער „משכיל״*) און וואס האט פערטיעפט די מלוכה־שול. דאך שפראכליך פרעמדע, קולטורעל אבגעזונדערטע שטעהען די «איינזאמע» ברידערליך אין אונזערע רייהען, מיר דריקען זיי חבריש די האנד, זיי זיינען אונזערע מיטקעמפפער.

נאר דאס גרעסטע טייל פון דער יודישער נאציאנאלער יוגענד ווערט צוזאמענגעשטעלט פון די יונגע. דאס זיינען די, וואס האבען ניט איבער געלעבט די גרויסע בעפרייאונגס־בעוועגונג, נאר וועמעס מוחות זיינען אבער אויך ניט פערדרעהט געווארען מיט פערשיעדענע, אבגעריסענע פון יודישען לעבען, טהעאריעס, פון וועמעס הארץ איז ניט אויסגעדראשען געווארען די נאטירליכע געפיהלען פון צוזאמענבונד מיט דאס אייגענע פאלק. דאס זיינען יונגע כוחות מיט א שטאלצען געפיהל פון מענשען־ווערדע, דורכגעדרונגען מיט א טיעפען דעמאקראטיזם, ראציאנעלען געדאנק און הייסער יודישער הארץ.

די פיעלזייטיגע אייגענארטיגע אינטערעסען פון דער יודישער סטודענטענשאפט, דאס געפיהל פון זעלבסט־אכטונג און זעלבסט־שוץ האט פריהר פאר אלץ דיקטירט דער יודישער נאציאנאלער

*) אזוי ווי דער חסיד פיהרט זיין טאכטער צום שמד, אזוי האט דער משכיל געפיהרט זיין קינד צו אסימילאציע.

# דער יודישער סטודענט

געווידמעט די אינטערעסען פון דער יודישער יוגענד בכלל און פון דער יודישער שטודירענדער יוגענד בפרט.
רעדאגירט דורך קאנד. אינזש. י. ליפשיץ און י. פאדרוזשניק.

ערשטער באנד. יאנואר־פעברואר 1913 2־3 העפט.

י. ליפשיץ.

## די יודישע סטודענטען־בעוועגונג אין מערב אייראפא.

מיר שטעהען איצט געוויס פאר א וויכטיגער געזעלשאפטליכער ערשיינונג, וועלכע וועט פערנעהמען א בכבודיגען פלאץ אין דער היסטאריע פון דער יודישער סטודענטען־בעוועגונג. דער 1912/13 לעהר־יאהר וועט מוזען פערצייכענט ווערען אלס איינער פון די ליכטיגסטע מאמענטען אין דאס לעבען פון דער יודישער אינטעליגענץ. ווייל איצט ווערט רעאליזירט די גרויסע אידעע פון ארגאניזירונג און פעראייניגונג פון דער יודישער נאציאנאלער סטודענטענשאפט. פאר אונז פראקלאמירט דער יודישער האלב־אסימילירטער סטודענט זיין צוריק־קעהרען צו זיין פאלק. דער יודישער סטודענט, וואס האט נאך גאר ניט לאנג און׳ברחמנות׳דיג געריסען די פעדים, וואס בינדט צונויף זיין נשמה מיט׳ן גרויסען פאלקס־ארגאניזם, אום זיך קינסטליך צוקלעען צו פרעמדע פעלקער, אום זיך אינקאגניטא אריינ׳גנב׳נען אין פרעמדע היימען, קומט צוריק, ווי א געבלאנדזשעטע טאכטער צו איהר אלטער טרייער מוטער, צו זיין פאלק און

# אינהאלט:


י. ליפשיץ — — — די יודישע סטודענטען־בעוועגונג אין מערב־אייראפא.

א. ח. שעפס — — — ליעדער.

יאלי — — — — א ליעד פון א וואסער־פעע.

א. מ. ביעלענסקי — מיין נדר; דער תענית.

י. קרעפליאק — — א נאכט פון שרעק.

א. י. גראדזענסקי — דאס הערבסט־בלעטעל.

י. דאברושין — — אין א פאלשען טאג.

י. אהרנזאהן — — די שטעלונג פון דער יודענפראגע המשך.

י. פאדרוזשניק — — ד״ר. חיים זשיטלאווסקי.

א. קאפציאווסקי — יודישע סטודענטען פאר׳ן יודיש. פאלק.

ח. שאשקעס — — פאליאקען.

ארגאניזאציאנס־קאמיסיע — דעקלאראציע.

א. ב. — — — — די יודישע סטודענטען אין ליעזש.

א. י. לעוויטין — — די גענטנער קאלאניע.

ל. יאקובסאן — — די סטודענטען קאלאניע אין בערן.

אפרים — — — — צוריכער קאלאניע.

די תקנות פון גענטער פעראיין «התחיה»

כראניקע. בריעף אין רעדאקציע.

פון דער רעדאקציע.



געדרוקט און ארויסגעגעבען פון יוסף ליטיטשעווסקי.

קאפענהאגען, הויסערגאדע 36.

Nr. 2-3. 　　　　　　　　　　　　　　　　 יאנואר־ פעברואר 1913.

# דער יודישער סטודענט

פ ר י י ז: 1 פר. 40 קאפ. 80 פפעניג.

# L'etudiant Juif.

**Mensuel littéraire et sientifique**

consacre aux intèrêts des ètudiants juifs et de la jeunes se juive en gènèral.

*Rédigè par J. LIPCHITZ et J. PODRUSNIK.*

**Prix de l'abonnement:**

| | | | |
|---|---|---|---|
| un an: | 5.00 frs | 2 roubles | 4 Marks |
| six mois; | 2,50 „ | 1 „ | 2 „ |

Redaction et administration:

**Gand (Belgique) Rue Van Hulten 35.**

Imprimerie „Journal de la Semaine"
Ioseph Litischevski, Copenhaque Hausergade 36.

# די בוכהאנדלונג פון

# ש׳ כהן

איז די איינציגע אנגעזעהענסטע און רייכסטע, וואס האט אויף לאגער א גאנץ גרויסען אויס־וואהל פון ביכער וועלכע בעהאנדלען יודישע פראגען, אין העברעאישער, יודישער, רוסישער, דייטשער, פראנצויזיש. און האלענדישער שפראך.

די בוכהאנדלונג שטעלט זיך אויך אין פערבינ־דונג מיט איינצעלנע פערזאנען, פונקט אזוי גוט ווי מיט די יודישע פעראיינען אין מערב־איי־ראפא און נעהמט זיך אונטער זיי צו ליפערען אלע פערלאנגטע ביכער פון וועלכען ס׳איז איינ־האלט פונקטליך, רעיעל און ביליג.

פון מיין אייגענעם פערלאג געפינט זיך צום פערקויפען פאלגענדע 2 אינטערעסאנטע ביכער:

S. Dembitzer

**W O L K E N**

(Jargongedichte).

פרייז: 1 פראנק 25 סאנטים.

Dr. Salomon Ullmann

**Studien zur geschichte der Juden in Belgien.**

פרייז: 1 פראנק 25 סאנטים.

א גרויסער אויסוואהל פון גראמאפאנען

פלאטען פונ׳ם גאנצען יודישען טהעאטער רע־פעטואר.

עס געפינט זיך אויך א רייכען און פערשיעדענ־ארטיגען אוסוואהל פון פלאטען פון רענאמיר־טעסטע און בעקאנט. אייראפעאישע קינסטלער.

ווענען אלע איינגעלעגענהייטען זיך צו ווענדען:

# S. KAHAN

**Libraire Editeur.**

92, Longue rue du Vanneu 92.

**Anvers.** (Belgique).

# פון דער רעדאקציע.

אויפשטעלענדיג דעם 1־טען נומער האבען מיר זיך גערעכענט מיט די שטימונגען, וועלכע הערשען אין די סטודענטען קרייזען, וועלכע זיינען אונז בעקאנט. צו וועט אונזער שריפט בעפריעדיגען אויך די איבריגע לעזער. וועלען מיר זיך דערוויסען פון די פערשיעדענע מיינונגען, וועלכע מיר בעטען ארויסזאגען אין „ב ר י ע ף ק א ס ט ע ן" וואס מיר עפענען אין 2־טען נומער.

פון 2־ן נומער אן וועט אויך געעפענט ווערען א „פ ר י י ע ד י ס ק ו ס י א נ ס ־ ט ר י ב ו נ ע" און די לעזער וועלען האבען די מעגליכקייט ארויסזאגען זייער מיינונג וועגען די פראגען וועלכע ס'זיינען בעריהרט געווארען אין שריפט.

אין דער אבטיילונג „ס ט ו ד ע נ ט י ש ע כ ר א נ י ק" וועלען געגעבען ווערען קורצע בעריכטען וועגען דאס סטודענטען בעוועגונג אין אלע קאלאניעס. די פארשטאנדען פון פערשיעדענע סטודענטישע געזעלשאפטען זיינען דרינגענד געבעטען געבען יעדען מאנאט א קורצען בעריכט וועגען זייער טהעטיגקייט.

ביי זעהר שווערע בעדינגונגען הויבען מיר אן ארויסצוגעבען אונזער שריפט. ביז איצט איז נאך ניטא קיין בעשטימטע ארגאניזאציע, קיין פעסטע שטרעבונג אין דער יודישער סטודענטענשאפט אויף וועלכער דער יודישער סטודענט זאל זיך קענען שטיצען. נאר מיר רעכענען, אז דער אלגעמיינער סטודענטען־פערבאנד, וועלכער דארף אין גיכען בעשאפען ווערען, וועט זיין דער פונדאמענט אויף וועלכען דער „יודישער סטודענט" וועט זיך פעסט שטעלען. שוין איצט איז דער רעדאקציע געלונגען פעראינטערעסירען איינייגע וויכטיגע סטודענטען־געזעלשאפטען, וועלכע האבען צוגעזאגט הילף און שטיצע, און מיט גלויבען אין דער לעבענסקראפט פון אונזערע אידעען און אין דער וויכטיקייט פון אונזער טהעטיגקייט טרעטען מיר צו צוזאמענשטעלען דעם 2־טען נומער.

די רעדאקציע

## לעזט און פערשפרייט

## „דעם יודישען סטודענט"

קאפענהאגען, «וואכען בלאט׳ס» דרוקעריי, הויסערגאדע 36.
יוסף ליטיטשעווסקי.

דער יודישער טטודענט וויינער האט זיך אנידערגעזעצט אין א קאפע מיט זיינעם א חבר נעבען א טישעל מיט קאאפעראנטען, באלד האבען זיך אנגעהויבען שיטען שטעכווערטלעך. אביסעל שפע־טער האבען אנגעצונדענע שוועבעלעך געפלויגען אויפ׳ן סטודענט וויינער, דערנאך האט מען איהם א צעטעל צוגעשיקט אז ער זאל ארויס געהן פון קאפע. דער סטודענט וויינער זאל זיך האבען בשעת מעשה פארנאנדערגעלאכט און זיי געבעטען זיין פארזיכטיג, ווייל ער האט מיט זיך א ברויניג.

א זייגער 6 אין דערפריה, ווען א. וויינער איז מיט זיין חבר ארויס פון קאפע, האבען איהם שוין קאאפעראנטען אבגעוואַרט, איי־נער האט איהם פאר׳ן ברוסט געחאפט און אומגעווארפען, דער אנ־דערער מיט א מעסער דערשטאכען און שוין א טויטען קערפער ווייטער געשטאכען כמעט צו זיפ געמאכט...

ווען די יודישע סטודענטען, ווילען אויפ׳ן אפענעם קבר ארויס־זאגען זייער טיעפען טרויער און אפען ערקלערען די סבות פון דער טראגעדיע, פערמאכט מען זיי דעם מויל...

די דייטשע סטודענטען־קאאפעראנטען האבען פערענטפערט זיי־ער חבר דעם מערדער און מיט ניט געשטויגענע זלזולים געגען אונז אין דער פרעססע ארוים אז מיר «סלאווען» זיינען שולדיג אין די שלעכטע בעציהונגען: מיר זינגען אין די עפענטליכע ערטער אונזער רוסיש נאציאנאלען הימן א. אז. וו. ...

אשוידער נעהמט אן ווען מען בעטראכט אונזער לאג ע און ניט ווילענדיג שטעלט זיך פאר אונז די אלטע קשיה, וואס וועט ווייטער זיין?

אליעז קאפאצאווסקי.

דאקציע איז געווען אזוי פריינדליך און האט אונז צוגעזאגט צו דרוקען אלע ארטיקלען וואס זיינען נוגע דעם צוזאמענפאהר.

חברים, א וואו איהר זייט, אין וועלכע לענדער איהר געפינט זיך, רופט זיך אב! פון אייך ווענדט זיך צו ווער די ארגאניזאציע פון דער יוד. סטודענטענשאפט ווערען א פאקט, אדער צו ווער זי נור בלייבען אויף׳ן פאפיער!

אקאדעמישער פעראיין „מכביה״.

# צו דער דארמשטאדטער טראגעדיע.

דא איז געשעהען א געשיכטע, וואס קען דיענען אלס כאראקטעריסטישעס בילד פון טרויעריגען יודישען סטודענטען לעבען אין דייטשלאנד.

ניט האבענדיג די מעגליכקייט אין דער היים די העכערע בילדונג צו בעקומען, מוז דער יודישער אביטוריענט אוועקפאהרען אין דער פרעמד.

נאר אונטאלעראנץ און „רוסען־האס״, וועלכע האבען דערגרייכט ביז דער העכסטער מדרגה, ערוואַרטען איהם דא. די דייטשע קאאפעראנטען דערפיהלענדיג אין אונז יודישע סטודענטען, מענשען וועלכע זיינען אומעטום געדריקט, וויסענדיג אז קיינער וועט זיך פאר אונזער קריוודע ניט אננעהמען, לאזען זיי אויס אויף אונז זייער גאנצען שאוואוניסטישען האס; זיי בעדעקען איהם מיט א מאנטעל פון «רוסען־פראגע», כדי אונגעשטערט צו פיהרען זייער אנטי־סעמיטישע פאליטיק. עס דערגרייכט אמאל אזוי ווייט, אז זיי שעמען זיך ניט אפילו אין עפענטליכע ערטער ארויסווייזען זייער «רוסען־פרעסערייי». איינע פון אזעלכע סצענעס, האבען געבראכט צום טרויעריגען צופאל מיט א מענשליכען קרבן אין דער נאכט פון 13־טען נאוועמבער.

אין צוזאמענפאהר. דעם צירקולאר האבען מיר געשיקט אין 34 פער־איינען.

גלייכצייטיג האבען מיר זיך געווענדעט צו אייניגע כלל טהוער זיי זאלען אונז ארויסזאגען זייער מיינונג וועגען צוזאמענפאהר און זיינע אויפגאבען.

ביז איצט שטעהען מיר אין שריפטליכע פערבינדונגען מיט די פעראיינען פון פאלגענדע שטעדט: 1) בערלין, 2) היידעלבערג 3) קארלסרוהע, 4) פרייבורג, 5) מיונכען, 6) פרידבערג, 7) קעניגס־בערג, 8) שטראסבורג (דייטשלאנד), 9) בערק, 10) באזעל, 11) ציוריך (שווייץ) 12), גראץ (עסטרייך), 13), ליעזש (די פעראיינען „חרות" און „צוקונפט"), גענט (בעלגיען) 14) נאנסי (פראנקרייך), אויסערדעם זיינען אונז בעקאנט נאך א סך אנדערע פעראיינען וועלכע האבען זיך צום בעדויערען ביז איצט ניט אבגערופען אויף אונזערע בריעף. חברים! ביז'ן צוזאמענפאהר איז געבליבען ניט קיין סך צייט. מיר בעטען אלע פעראיינען אונז גלייך צו ענטפערן אויף אונזער צירקולאר, כדי מיר זאלען וויסען וואס מיר האבען צו טהון און מיט וועמען מיר האבען צו טהון.

אייניגע פעראיינען ווי צ. ב.: דער היידעלבערגער פעראיין און דער פרייבורגער האבען פארגעלעגט צונויפרופען א קאנפערענץ, ניט קיין צוזאמענפאהר. עס קאן זעהר זיין אז זיי זיינען גערעכט, נאר מיר קענען זיי דערויף גאר ניט ענטפערן. מיר רעכענען אז צוועק־מעסיגער וועט זיין, ווען די דעלעגאטען גופא וועלען בעשטימען צו דאס וועט הייסען צוזאמענפאהר אדער נור קאנפערענץ. דאס וועט פערשטעהט זיך זיין אבהענגיג פון די שטימונג פון גרעסטען טייל פעראיינען. יעדענפאלס איז דאס ניט קיין פרינציפיעלע פראגע.

קיין ספעציעלען זאמעלבוך וועלען מיר ניט ארויסגעבען, ווייל העקטאגראפירען איהם איז ניט גאנץ פאסיג און אויף אבדרוקען האבען מיר קיין געלד ניט. שיקט אונז צו אייערע ארטיקלען און מיר וועלען זיי אבדרוקען אין „יוד. סטודענט". די געעהרטע רע־

6) בילדען א צענטראלע ביבליאטהעקען־ביורא" *)

מיר האבען פארגעלעגט דעם צוזאמענפאהר צוזיפצורופען ענ־דע זומער־סעמעסטער אין דארמשטאדט. אויף דארמשטאדט האבען מיר זיך אבגעשטעלט דעריבער ווייל זי געפינט זיך געוויסערמאסען אין מיטעל פונקט פון מערב־אייראפא און איז גלייך נאהענט צו די דייטשע שווייצארישע, פראנצויזישע און בעלגישע קאלאניעס. אויף אונזער אויפרוף האט זיך אבגערופען א גאנצע רייהע פון פעראיי־נען. פון אומעטום האט מען אונז אויס געדריקט מיטגעפיהל. און צוגעזאגט גייסטיגע און מאטעריעלע שטיצע.

פון די בריעף פון אונזערע פראנצויזישע און בעלגישע חברים איז געווען ארויסצוזעהען אז די צייט וואס מיר האבען פארגעלעגט פאר׳ן צוזאמענפאהר איז פאר זיי ניט פאסענד. אום צו געבען אלע פעראיינען די מעגליכקייט צו שיקען זייערע דעלעגאטען אויפ׳ן צו־זאמענפאהר האבען מיר בעשלאסען איהם אבצולעגען אויף ענדע דעצעמבער היינטיגען ווינטער. דעם ארט האבען מיר ענדגיל־טיג בעשטימט אין דארמשטאדט צוליעב די אויבענדערמאהנטע טעמים. וועגען דעם אלעם האבען מיר מיטגעטיילט אין דער פרע־סע און האבען גלייכצייטיג געמעלדעט אז מיר גיבען ארויס א זאמעל־בוך, אין וועלכען עס וועלען בעהאנדעלט ווערען אלע פראגען וואס האבען אשיכות צום צוזאמענפאהר. אזוי האט זיך ביי אונז געענדיגט דער זומער־סעמעסטער 1912. היינטיגען סעמעסטער האבען מיר אנגעהויבען דערמיט, וואס מיר האבען צושיקט צירקולארען צו די פעראיינען אין וועלכע מיר האבען איבערגעחזרט אונזער לעצטע מעלדונג אין דער פרעסע. מיר האבען מיטגעטיילט וועגען דער צייט פון צוזאמענפאהר ווי אויך וועגען זאמעלבוך. מיר האבען געבעטען גייסטיגע און מאטעריעלע שטיצע פאר׳ן זאמעלבוך און האבען אנ־געפרעגט יעדען איינצעלנעם פעראיין אויב ער וועט זיך בעטייליגען

*) דעם פונקט געבען מיר איצט צו, מיר האבען איהם גענומען פון קארלסרוהער יוד. סטודענטען־קלוב.

נעהמען טראכטען וועגען א צוזאמענפאהר. און דאס האבען מיר אויך געטהאן.

צום סוף פון ווינטער־סעמעסטער 1911־12 איז די פראגע ווידער ארויפגעשוואומען אויף'ן טאגעס־ארדנונג פון אונזערע פערזאמלונגען. מיר האבען דעם ענין בעטראכט פון אלע זייטען און מיר זיינען געקומען צום בעשלוס אז כדי די אידעע זאל ניט בלייבען אויף'ן פאפיער מוז א וועלכער עס איז פעראיין נעהמען אויף זיך די איניציאטיווע זי דורכצופיהרען אין לעבען. נאך אגרויסען ישוב־הדעת. האבען מיר בעשלאסען צו נעהמען די איניציאטיווע אויף זיך. מיר האבען מודיע געווען וועגען אונזער בעשלוס אין דער יודישער פרעסע און האבען זיך געווענדעט צו די יוד. פעראיינען מיט דער בקשה זיי זאלען זיך אברופען.

אין א קורצע צייט ארום האבען מיר צושיקט מעהרערע צעהנדליגע אויפרופען אין גרעסטען טייל פון די יוד. פעראיינען וואו מיר האבען ארויסגעזאגט אונזער שטאנדפונקט אויף א צוזאמענפאהר און זיינע אויפגאבען די וויכטיגסטע אויפגאבען זיינע דארף זיין ארגאניזירען א פערבאנד פון אלע יודיש־סטודענטישע פעראיינען אין אויסלאנד. די פונקציעס פון פערבאנד האבען מיר אזוי אויסגעדריקט:

„1) ארויסגעבען א אלגעמיין־סטודענטישען ארגאן וואס זאל אבשפיגלען דעם גייסטיגען לעבען פון יודישען סטודענט און זאל פערשפרייטען דעם נאציאנאלען געדאנק צווישען די יוד. סטודענטען.

2) ארגאניזירען סיסטעמאטישע טורנע'ס פון יודישע ליטעראטען, כלל־טהוער א. א. וו. איבער די יוד. קאלאניעס.

3) ארויסלאזען א אנקעטע איבער דעם מאטעריעלען און קולטורעלען צושטאנד פון די יוד. סטודענטען.

4) גרינדען א קאסע פאר געגענזייטיגע הילף.

5) גרינדען א אינפארמאציאנס־ביורא און ארבייטס־ביורא.

# צו די יודישע סטודענטען!

נאך מיט אנדערהאלבען יאהר צוריק האבען מיר געמאכט די ערשטע שריט צו פערווירקליכען די אידעע פון א יודישען אלגעמיין-סטודענטישען צוזאמענפאהר. א בעזונדערע קאמיסיע איז געווען בע-פאלמעכטיגט זיך צונויפצושרייבען וועגען דעם ענין מיט די וויכ-טיגערע סטודענטישע פעראיינען אין מערב-אייראפא. ליידער אבער האט אונזער פארשלאג ניט געפונען קיין גרויסען מיטגעפיהל, יעדענ-פאלס ניט אין דעם מאס ווי מיר האבען עס ערווארטעט. אזוי צ.ב.: האט איינער פון די גרעסטע יודישע פעראיינען אין מערב-אייראפא ארויסגעזאגט זיין הסכמה נאר אויף א צוזאמענפאהר, וואס זאל זיך שטעלען די אויפגאבע צו פערבעסערען די מאטעריעלע לאגע פון די סטודענטען אין אויסלאנד. ניט ווילענדיג בעשרענקען דעם אר-בייטס-קרייז פון צוזאמענפאהר און שטעהענדיג אויף דעם שטאנד-פונקט דאס ער מוז בעהאנדלען אלע פראגען וואס אינטערעסי-רען דעם יודישען סטודענט זיינען מיר געווען געצוואונגען דערווייל אבצושטעלען אונזער ארבייט און ווארטען אויף בעסערע צייטען.

און די בעסערע צייטען זיינען טאקע געקומען. די נאציאנאלע אידעע איז טיעפער אריינגעדרינגען אין מח פון יודישען סטודענט די זאגענאנטע „רוסישע קאלאניעס” האבען זיך אנגעהויבען צו די-פערענצירען. דעם יודישען עלעמענט איז ענג געווארען אין די אלגעמיין-רוסישע אינסטיטוציעס. די רוסישע לעזעהאלע האט אויפ-געהערט צו בעפרידיגען דעם בעוואוסטזיניגערען יודישען סטודענט און ער איז אוועק אין די יודישע פעראיינען און דארטען וואו א זעלכע זיינען ניט געווען האט ער זיי בעשאפען. די יודישע פער-איינען ווערען א וויכטיגער פאקטאר אין לעבען פון די אויסלענדישע קאלאניעס. און זייער נאציאנאליזירענדע ווירקונג ווערט גרעסער פון טאג צו טאג.

און אז מיר האבען דערגרייכט צו אזא מדרגה, קענען מיר שוין

האט פערעפענטליכט א אויפרוף צום יודישען סטודענטענטום עס זאל זיך ארגאניזירען און איינרופען א צוזאמענפאהר, וועלכער זאל צו־זאמען־בונדען די פערשיעדענע גרופען אין א אלגעמיינער יודישער סטודענטען־ארגאניזאציע האט דער אויפרוף געפונען א ווידערקלאנג אין ליעזש און אין אקטאבער 1910־11 לעדע יאהר איז פארגעקומען א גרינדוגג פערזאמלונג פון דער יודישער סטודענטען ארגאניזא־ציע „חרות״ אין ליעז״ מיט סטאטוטען ענליכע צו די סטאטוטען פון „חרות״ אין זשענעווי.

צו דער פערוואונדערונג פון די גרונדער איז אויף דער ערשטער פערזאמלונג געקומען א גרויסע צאהל פון ניי־געקומענע סטודענטען „חרות״ האט אנגעהויבען שנעל זיך ענטוויקלען און די צאהל מיט־גלידער האט שנעל זיך געמעהרט, כמעט דורכשניטליך פון די ניי־געקומענע.

די לעצטע ערשיינונג בעווייזט אונז די אפאטיע, וועלכע האט געהערשט די לעצטע יאהרען אויף דער יודישער גאס אלס רעזול־טאט פון דער ווילדער רעאקציע, געהט פאריבער און פערטרעט ביסלאכווייז איהר פלאץ א געזונטען שטראם פון נאציאנאלען אויפלעבונג.

נאר גלייכצייטיג מיט דער גרינדונג פון „חרות״ האט זיך בע־וויזען א שטארקע שנאה און ווידערשטאנד צו איהם פון דער „רו־סישער קאלאניע״ דאס הייסט פון די רוסישע פארטייען און פון „בונד״.

(דער סוף קומט).

זיך ארום דער רוסישער ביבליאטעק. די יודישע נאציאנאלע עלע־מענטען מאכען איינינע מאהל פראבען אריינצוברייננען יודישע ליטעראטור און פרעסע אין דער רוסישער ביבליאטעק, נאר זיי בע־געגענען שטענדיג א שטארקען ווידערשטאנד פון די רוסישע פארטיי־לייט און פון זייערע יודישע קאלעגען. נאר איין מאהל האט מען געפועלט אז מען זאל אויסשרייבען דעם „פריינד" און „ראזשסוועט" נאר די ביבליאטעק־לייט האבען אבער שנעל חרטה געהאט און אויפגעהערט זיי אבאנירען.

איין מאהל איז אויך דורך די יודישע נאציאנאלע עלעמענטען געמאכט געווארען א נסיון צו גרינדען א יודישען קלוב, נאר דער קלוב האט נישט לאנג עקזעסטירט צוליעב דער גלייכגילטיג־קייט פונ׳ם יודישען סטודענט און צוליעב די פיינדליכע בעציהונג פון דער רוסישער קאלאניע.

אלס איליוסטראציע צו דעם פערטראגען זיך פון דער רוסישער קאלאניע קען דינען דער פאלגענדער אינצידענט: אויף א אווענד פון דער „קאסע פון געגענזייטיגער הילף" האט צווישען אנדערע נומערען פון פראגראם געדארפט פארגעלעזען ווערען שלום עליכם׳ס א ווערק. נאר פאר איינינע רוסען און „רוסען" איך שטריכען איז דער קלאנג פון דער אידישער שפראך אזוי מיסוויס און פרעמד געווען אז זיי האבען ניט געקענט אויסהערען ביז׳ן סוף און דורך א געפילדער און פייפעריי געצוואונגען דעם פארלעזער פערלאזען די ביהנע. די אויפפירונג פון די דערמאהנטע הערען האט אויפגעבראכט די נאציאנאלע בעוואוסטזיננינע יודישע סטודענטען און דער אווענד האט זיך פערענדיגט מיט א סקאנדאל.

דער דערמאנטער אינצידענט האט געדינט אלס אויכענוועניגסטע סבה אז די נאציאנאל יודישע עלעמענטען זאלען זוכען אויפצולע־בען די אידעע צו גרינדען א פעראייניגונג־אינסטיטוציע פאר דער יודישער סטודענטשאפט.

ווען די יודישע סטודענטען ארגאניזאציע „חרות" אין זשענעוו

שיינע און שטורמישע רעאקציע און ס'ווערט אויסגעטיילט אזוי פיעל ווארימקייט, אז אפילו א עלקטרישע וואלטע־לאמפ קען עס ניט געבען. ווי ערקלערען די ערשיינונגען?, וועגען דעם אין צווייטען ארטיקעל.

א. ב.

# די יודישע סטודענטען אין ליעזש.

ליעזש איז שוין לאנג א צענטער פון א גרויסער יודישער סטודענטען קאלאניע, א דאנק דעם בעוואוסטען אוניווערסיטעט און אי־בערהויפט זיין טעכנישען פאקולטעט. די צאהל פון יודישע סטודענטען דערגרייכט איצט אונגעפער 800־700 פערזאן. גענוי קען מען די צאהל ניט וויסען, ווייל אין די רעעסטרען פון איניווערזיטעט ווערען זיי פערצייכענט אלס רוסען, פאליאקען, רומעניער א.ז.וו. נאך די לענדער פון וואנען זיי קומען. אויך דער בעפעלקערונג זיינען זיי בעוואוסט אונטער פרעמדע נעמען, ווייל ווייניג פון זיי האבען ביז די לעצטע יאהרען די דרייסט געהאט זיך אנרופען מיט זייער אמת'ען נאמען.

וועגען יודיש־נאציאנאלען בעוואוסטזיין פון יודישען סטודענטענטום איז דא ביז די לעצטע יאהרען קיין שפור ניט געווען. אין די יאהרען 7־1905 איז דא געווען אפילו גאנץ שטארקע יודישע פארטיי־גרופפען פון ציוניסטען, „ס.ס.“ „פועלי ציון“ נאר אויך דאן האבען זיי א קליינע ווירקונג געהאט אויף דער יודישער סטודענטענשאפט. וועלכע האט געהערט אין דער גרויסער מערהייט צו די רוסישע און פוילישע פארטייען.

מיט דער פערשטארקונג פון דער רוסישער רעוואלוציע קומט אן אין לעבען פון ליעזשער סטודענטען א פעריאד פון פאלקאמער אפאטיע. די יודישע פארטייען ווערען כמעט אין גאנצען פערשוויגען און דאס גאנצע לעבען פון דער „רוסישער קאלאניע“ קאנצערטרירט

אויסבעסערונגען. אזוי, למשל, עקזעסטירט די בעקאנטע וואן־דער־וואלדס אויסבעסערונג צו גיילוסאקס געזעץ. איין העלמהאצס געזעץ וועגען ענערגיע־ענהאלטונג איז פינקטליך און נויטיגט זיך ניט אין קיין אויסבעסערונגען. דאס איז דער געזעץ פון אלע געזעצען.

און אזוי איז דער אונטערשיעד צווישען חימישע און פיזישע געזעצען גאר א קנאפע; די חימישע רעאקציעס זיינען שטארק פארבונדען מיטן פיזישען צושטאנד, די טהערמאחימיע בינט צוזאמען פיזיק מיט חימיע. טהערמאחימיע איז אויסגעבויט אויף די בעקאנטע 3 פרינציפען פון בערטעלא: 1) דער פרינציפ פון „מאלעקולערער ארבייט"; וועלכער שטעלט פעסט אז די ווארימקייט, וואס ענטוויקעלט זיך דורך א חימישער רעאקציע איז גלייך דער חימישער און פיזישער ארבייט וואס ווערט בענוצט בעת דער רעאקציע.

2) דער פרינציפ פון „אנהויב און סוף צושטאנד" וואס זאגט אז ווען אין א סיסטעם, וואס געפינט זיך צוערסט אין בעשטימטע בעדינגונגען קומט פאר א פיזישע אדער חימישע ענדערונג, וואס איז אומשטאנד איהם ברייגען אין אנדערע בעדינגונגען און ביי דעם קומט ניט פאר קיין אויסערליכע מעכאנישע ערשיינונגען, הייגט אב די גאנצע געברויכטע ווארימקייט נאר פון אנהויב און סוף צושטאנד פון סיסטעם.

3) יעדער חימישע ענדערונג וואס קומט פאר אהן דער הילף פון אויסערליכער ענערגיע, שטרעבט צו בעשאפען א זעלכע צוזאמענשטעלונגען וועלכע טיילען אויס מעהרער ווארעמקייט.

נאר דאך זיינען דא א סך חימישע ערשיינונגען וואס קענען ניט ערקלערט ווערען מיט די ביז איצט ענטדעקטע געזעצען. איך וועל נעהמען למשל דעם פאקט אז קוילען־שטאף (C) דרייעניגענדיג זיך מיט זייער־שטאף (0) גיט קוילען־זייער (Co2) און ניט קוילען־אקסיד אדער א אנדער ביישפיעל: אז מען מישט צוזאמען א גלייכע פארציע פון מעטאל־אקסיד מיט מעטאלישען אלומיניע בעקומט מען אלומיניע־אקסיד און ריינעם מעטאל. דערביי קומט פאר א זעהר

אלאגיע, זעהען מיר, אז ס'ווערען פערשוואונדען די גרענעצען צווי־
שען אזוינע וויסענשאפטען ווי אנטראפאלאגיע און זאאלאגיע, זאא־
לאגיע און באטאניקע א.א.וו. ווייל די הויפט געזעצען שטרעבען צו
איינארטיגקייט, צו ווערען איינע און די זעלבע. בעזונדער פערבינדען
זיך שטארק חימיע און פיזיק. פיעל חימישע געזעצען זיינען אפראס־
טער פאלג פון ריין פיזישע ערשיינונגען. די טערמאחימיע לעהרנט
אז אלע חימישע פראצעסען קומען פאר צוליעב ווארימקייט ענדע־
רונגען אין דער שטאף, די ווארימקייט ערשיינונגען אבער זיינען ניט
אנדערש ווי אן ארט בעוועגונג פון די מאלעקולען. וואס שנעלער
די מאלעקולען בעוועגען זיך, אלץ גרעסער איז זייער לעבעדיגע
קראפט און אלץ ווארימער דאכט זיך אונז אויס די שטאף. איך זאג
דאכט זיך אונז אויס, ווייל ווארימקייט איז אין דער אמת'ן ניט אנ־
דערש ווי אונזער נערווען־עמפפינדונגען; אין דער נאטור קען זי
אלס אזעלכע גאר ניט עקזיסטירען און ס'קענען זיך געפינען אזעלכע
חיות, מיט א זעלכער פיזיאלאגישער געביי, וועלכע זאלען די ווא־
רימקייט גאר ניט פיהלען.

דער איינציגער אונטערשייד, וואס מיר קענען מאכען צווישען
חימישע און פיזישע געזעצען בעשטעהט אין דעם, וואס די ערשטע
קענען ניט אויסגעדריקט ווערען דורך מאטהעמאטישע פארמולען,
און ווערען פעסטגעשטעלט נור דורך עקספערימענט. דאס זיינען:
לעוואאזיעס געזעץ וועגען דער ערהאלטונג פון דער מאטעריע,
דאלטאנס—וועגען איינפאכער געוויכטס־פערהעלטניס און גיי־לוסאקס
—וועגען רוים־אינהאלט פראפארציע. די פיזישע געזעצען אבער
קענען דערוויזען ווערען אויפן מאטהעמאטישען אויפן, אמת מיט
איי‌ניגע קוועטשען. דאס זיינען: אוואגאדראס געזעץ וועגען גלייכע
רוים־אינהאלטען, גיי־לוסאקס וועגען פערברייטערונג פון גאז, דאל־
טאנס־וועגען דרוק פון גאז־מישונגען און קלאפעוראנס־וועגען דער
סטאטישער גלייכונג. אזוי ווי דער עקספערימענט בעשטעטיגט ניט
שטענדיג פינקטליך דעם געזעץ מוזען געמאכט ווערען אלערליי

אט אזא בריעף ווירקט ווי קאלט וואסער אויף א „ענטוזיאסטי־שען קאפ“.

אין פלאנדריען, וועלכע איז צו איהרע גרויסע ענטוזיאסטיש און סענטימענטאל איז אנטשוויגען געווארען.

זי פערשטעהט שוין אפשר, אז מעטערלינקס בענעהמונג איז ניט קיין צופאל: ער איז א קינד פון אזא צייט. ווען די אינטעליגענץ האט בעוואוסטזיניג איגנארירט זייער פאלק, זייער שפראך, זייערע אייגענע קולטור־ווערטהען און זיינען געגאנגען שנארען ביי פרעמדע.

אויב דעם פלעמישען פאלק וועט נאך א מאל בעשערט זיין ארויסצוברענגען אזא מעטערלינק, וועט ער שוין געוויס אזוי ניט האנדלען, ווייל איהר נאציאנאלעס בעוואוסטזיין הויבט זיך פון טאג צו טאג און דערמיט שטרייכט זי ענערגיש אן איהרע נאציאנאלע אייגענ־טימליכקייט, און גיט איהרע צוקונפטיגע ג ר ו י ס ע, דירעקטיוען אויף וועלכער ליניע זיי האבען זיך אויף זייער לעבענסוועג צו בע־וועגען. און ווען ס׳זאל אפילו אויפשטעהן א זשעניע און וועט זיך מאכען אייגענע ליניעס וועט ער דאס נאציאנאלע בעוואוסטזיין שטענדיג אין זיך אבער בעהאלטען.

י. ל.

# איינינע געדאנקען וועגען חימי־שע ערשיינונגען.

מיט דער ענטוויקלונג פון דער וויסענשאפט פאלט אלץ מעהר איהר צוטיילונג אויף בעזונדערע אונאבהייניגע צווייגען. ניט ריי־דענדיג דער פון וואס לויט דער מאטריאליסטישער לעהרע איז דער גייסט ניט אנדערש ווי א פראדוקט פון ריינע פיזיאלאגישע פראצע־סען, וואס קומען פאר אין דער מאטעריע און עס עקזעסטירט אויף אזא אופן אן איינגער צוזאמענהאנג צווישען פסיכאלאגיע און פיזי־

גען פאר דעם דאזיגען אויסדרוק איז דארט גערעדט געווארען מעהר מיט הארצוועהטאג ווי מיט קריטיק אויף מעטערלינק. סוף כל סוף ווילען זיי דאך נאך האבען כאטש א שטיקעל אילוזיע אז ער איז פארט „זייערער". איז אבער איצט נאך איין פונקט צוגעקומען און די לעצטע אילוזיע איז צושטערט געווארען.

מיט א יאהר צוריק, ווען מעטערלינק איז געקרוינט געווארען מיט דער נאבעל־פרעמיע אין פראנקרייך האט דערמיט טריומפירט, האט די בעלגישע אפיציעלע וועלט בעקומען א חשק איהם צו פער־עהרען זי האט געוואוסט, מיט וועלכע אויגען מעטערלינק קוקט אויף איהר זי האט זיך אבער געטראכט: „ווען מען האט ניט וואס מען ליעבט מוז מען ליעבען וואס מען האט". זי האט פשוט געוואלט פון איהם ארויסרייסען א פאר קאמפלימענטען און דער נאך עס פערשרייבען אין דער געשיכטע, אז אזוי און אזוי האט מעטערלינק אלס בעלגיער געזאגט וועגען בעלגיען.

נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען און ביטעס האט ער איינגע־שטימט צו קומען קיין ברוסעל אויף איניגע טעג. אזעלכע באנקעטען און פייערליכקייטען, וועלכע זיינען פאר זיין כבוד וועגען געמאכט געווארען, האט שוין ברוסעל לאנג ניט געזעהן. די גאנצע קעניגליכע פאמיליע האט זיך אין די פייערונגען בעטייליגט. זיצענדיג מיט מע־טערלינג אין טהעאטער אין איין לאזשע, האט די קעניגליכע פאמי־ליע ניט אויפגעהערט צו מאכען איהם קאמפלימענטען. נאר ביים באנ־קעט נאך אלע ווארימע רעדעס וואס זיינען פאר איהם געהאלטען גע־ווארען האט ער געענטפערט מיט א... לאקאנישען דאנק, ניט בעריה־רענדיג דערביי קיין שום פאליטישע און אנדערע איבערצייגונגען.

אנשטאט דעם, האט ער באלד אויף צומארגענס נאך די פייערונגען, אריינגעשיקט א בריעף צו זיינעם א פריינד, דעם בעקאנטען שריפט־שטעלער אנדרע פיקאר, אין וועלכען מיר לייענען פאלגענדע ווערטער:

„...איך וויס ניט, מיין פריינד, נאר איך פיהל אנ׳עקעל צו די פער־גאנגענע „ימים־טובים"... וואס פאר א שייכות האב איך צו זיי?".

ווערזיטעטען, נעמליך—אין גענט—זאלען די למודים געפיהרט ווערען אין פלעמישען, אנשטאט דעם פראנצויזישען. אזוי איז עס געקומען דערצו, אז בעת איין טייל בעלגיען שטרעבט צו פראנקרייך שטרעבט דער אנדערער טייל צו האלאנד. אזוי זיינען אויךביידע זייערע ליטעראטורען צוטיילט, און אפט זעהט מען אויך ווי די שטארקערע קולטור (די פראנצויזישע) רייסט ארויס פון דער שוואכערער ליטעראַרישע ריעזען און שלינגט זיי איין. דאס איז געשעהן מיט מאריס מעטערלינק.

מעטערלינק, וועלכער האט צו פערדאנקען זיין גלארַרייכען שאפען דער מוטעלאלטערליכער פלעמישער מיסטיק וואו מען פיהלט אויף שריט און טריט ווי ער איז פון איהר אינספירירט; דערזעלבער מעטערלינק פערהאלט זיך צום פלעמישען פאלק אויף דעמזעלבען אויפן ווי א געוויסער כאראקטערלאזער אסימילאטאריש-יודישער טיפ פערהאלט זיך צום יודענטום. א חוץ דעם וואס ער איז מבטל זיין מוטער־שפראך און פאלק: א חוץ דעם וואס ער ווייזט ארויס א פאל־שטענדיגע גלייכגילטיגקייט צו די קולטור אינטערעסען פון פלאנ־דריען, פערקלויבט ער זיך דארט אהין, פון צייט צו צייט, און גיעט א שפיי אין פנים זיינע פלעמישע פערהערער, וועלכע מיינען אלץ אז ער איז „זייערער" און קעהרט זיך צוריק אום דערנאך קיין פאריז.

מיט א פאר יאהר צוריק, וועז דער קאמפף פאר א פלעמישער אוניווערזיטעט איז געווען אין מיטען ברען און די פיהרער פון דער בעוועגונג האבען געוואלט וואס מעהר אויטאריטערע מיינונגען אויף זייער זייט האבען, האבען זיי זיך דערמאהנט אן מעטערלינק וועל־כער איז א פלעמער און דערצו נאך פערשטעהט ער, אז אזא הויכ־שוהל קאן האבען א ווירקונג אויפ׳ן קולטורעלען פארטשריט פון פלאנדריען זיי האבען דערפאר געהאפט אויף זיין שטיצע. זיין ענט־פער איז אבער געווען:

— „א פאפוס־שפראך דארף ניט קיין אוניווערזיטעט.

אויב עס זיינען איינגעארדענט געווארען פראטעסטפערזאמלונ־

גערמאנישע פלאנדריען אין אמת'ן געהערט פלאנדריען מעהר צו האָ־לאנד. ביידע האבען זיי כמעט דיעזעלבע שפראך און ליטעראטור און זיינען, געוויסערמאסען, אויך פערבונדען מיט געוויסע נאציאנא־לע פעדים און דאך האט זיך דער פלעמישער שטאם פעראייניגט מיט א פרעמדער ראסע, הויפטזעכליך צוליעב דער קאטוילישער רע־ליגיאן וועלכע פעראייניגט זיי מיט וואלאני'ען.

דאס איצטיגע בעלגיען איז אלזא א קינסטליך צוזאמענגעשטעל־טע נאציאן און שאפען אלגעמיינע בעלגישע קולטור־ווערטהען איז אונמעגליך. די פראנצויזישע קולטור איז אבער מעכטיגער פאר דער פלעמישער האט ער דערפאר לאנגע יאהרען געהערשט אין לאנד ארייגשלעפענדיג צו זיך די גאנצע בעלגישע אינטעליגענץ און האט זיך פערמאסטען צו מאכען פון בעלגיען א צווייטעס פראנקרייך; אין א געוויסער מאס איז עס אויך געשעהן.

צום סוף פון 19־טען יאהרהונדערט האט זיך אין פלאנדריען — פונקט ווי ביי אלע קולטורעל־אונטערדריקטע פעלקער — אנגעהויבען א בעוועגונג פאר דער גלייכבערעכטיגונג פון זייער שפראך נאכמעהר׳ זיי האבען אנגעהויבען צו קעמפפען געגען דער פראנ־צויזישער קולטורעלער אפטרופסות.

איצט זיינען זיי שוין געקומען דערצו אז זייער שפראך איז אין דער גאנצער מלוכה־פיהרונג גלייכבערעכטיגט.

אט די גלייכבערעכטיגונג האט נאך מעהר ארויס געוויזען וואסער א תהום עס ליעגט צווישען די צוויי ראסען — ווייל מיט'ן אויפבליהען פון דער נידערלענדישער ליטעראטור אין פלאנדריען איז פון דארט די פראנצויזישע קולטור ביסלעכוויז ארויסגעשטופט געווארען. ס'האט זיך ענטוויקעלט א בעוואוסטזיניגע פלעמישע אינטעליגענץ, וועלכע האט באלד בעקומען א גרויסען איינפלוס אויפ'ן פאלק. די לעצטע עטליכע יאהר האבען זיי אנגעהויבען קעמפ־פען א פלעמישער (לעז: נידערלענדישער) אוניווערזיטעט. —

עס ווערט פערלאנגט, אז אין איינער פון די 4 בעלגישע אוני־

מיר וועלען ריידען וועגען איינעם פון די שעהנסטע גייסטער וואס דאס צוואנציגסטע יאהרהונדערט פערמאגט—וועגען מאריס מע־טערלינג. די גאנצע קולטור־וועלט האט דא ניט לאנג געפייערט זיין 50 יעהריגען יובילעאום נאר איין פאלק האט דעמדאזיגען יום־טוב מיט א שטומען צער פערשוויגען — זיין אייגען פאלק, די פלע־מער. זיי האבען איהם ניט געפייערט ווייל ער זוכט מיט אלע מעג־ליכקייטען זיי צו איגנארירען, ווייל ער ווייכט זיי און בעטראכט זיך׳ ניט קוקענדיג אויף זיין גערמאנישער אבשטאמונג, אלס א קינד פון דעם רייכסטען לאטיינישען זוהן — פון פראנקרייך.

און ניט גאר צופעליג איז מעטערלינק א פראנצויזישער שריפט־שטעלער און ניט קיין פלעמישער; דערצו האט געבראכט די דורות־לאנגע טענדענץ פונ׳ם פלעמישען פאלק, וועלכע האבען זיך כסדר געזוכט צו צופאסען צום פראנצויזישען לעבען, האבען פעראכטעט זייער שפראך און זי פערנאכלעסיגט. אויף דער פלעמישער ליטערא־טור האט די אינטעליגענץ געקוקט מיט׳ן זעלבען פנים וואס א גע־וויסער טיפ יודען קוקען נאך ביז היינט אויף דער יודישער. אלעס פלעמישע איז בעטראכט געווארען פאר וואולגאר, גראב און צוגע־פאסט נאר פאר׳ן נידריגען המון. צוזאמען מיט׳ן וואוקס פון דער פראנצויזישער קולטור אין פלאנדריען איז אויך די פראנצויזישע פא־ליטיק געווען א היימישע בעל הבית׳טע אין בעלגיען; ווייל, ווי בע־וואוסט בעשטעהט בעלגיען פון צוויי, כמעט גלייכע פעלקער: פון די פלעמער און וואלאנען; די לעצטע רעכענען זיך אלס א פראנצויזי־שער שטאם און בעטראכטען זיך מיט די פראנצויזען אלס ווי מיט א ברודער־פאלק. און אפשר דערפאר האט גאר בעלגיען צו פערדאנ־קען פראנקרייך איהר אונאבהענגיגקייט. די וועניגע בעלגישע פריי־הייטס־קעמפפער וואלטען אפשר קיינמאל ניט גע׳פועל׳ט ביי זיך ארויסצוטרעטען געגען האלאנד, ווען דאס פראנצויזישע מיליטער און די קריעגסשיפען וואלטען זיי ניט געשטיצט. צום דאזיגען פריי־הייטס־קאמפף — אין יאהר 1830 — איז אויך צוגעשטאנען דאס

מיר מיינען אז ס'איז זאגאר דא איבער פליסיג צו דערמאהנען אז קיין איינציגע פון די היינטיגע אנגעזעהנע קולטורעלע שפראכען האבען ניט קיין גרויסען יחוס אין זייער פערגאנגענהייט: אלע אהן אויסנאהמען זיינען דאס קינדער פון וואולגארע דיאלעקטען און אידיאמען; און נאר דער מענשליכער גייסט, די מ ע נ ש ל י כ ע א י נ ט ע ל י ג ע נ ץ האט פון זיי געקענט בעשאפען דאס וואס זיי זיינען היינט אין דער ווירקליכקייט.

און ווען די אינטעליגענץ פון א וועלכען ס'איז פאלק געהט דאך ביי אנדערע אויבענס זיך ווארימען, ווייל דארט איז דא מ ע ה ר וו א ר י מ ק י י ט איז דאס נור א סימן פון אינטעלעקטועלער האראקטערלאזיגקייט און נאציאנאלער אונבעוואוסטזיניגקייט, וועלכע האבען, פריהער אדער שפעטער, אזעלכע ווירקונגען וועלכע בעצייכנען נאך דרייסטער די נאציאנאלע ענטארטונג פון א פאלק.

ביי אונז, יודען, איז אזא פארגעהן פון דער יודישער אינטעליגענץ איינע פון די חראניסטע פלאגען:

עס צוטיילט די יודישע אינטעלעקטועלע כחות אויף פערשיעדענע, איינער פון דער אנדערער הימעל וייטע שטרעמונגען און א דאנק וועלכען די יודישע נאציאנאלע בעוועגונג, די יודישע נאציאנאלע ק ו ל ט ו ר איז געבליבען פערהעלטניסמעסיג אנ'אבסטראקטע לאזונג, א פלאטאנישע שטרעבונג וועלכע קומט זעלטען ווען עס א"ז אין בעריהרונג מיט'ן רעאלען לעבען; ווייל זאגאר איהרע אנהענגער און פיאנערען לעבען נאך ניט אין דער יעניגער סביבה, פון וועלכער יעדע אמתע קולטור שטאמט אייגענטליך — פון פאלק.

ס'איז פאר אונז אינטערעסאנט און אפשר אויך נויטיג זיך צו בעקענען מיט פאקטען און בעוועגונגען פון אנדערע פעלקער וועלכע האבען א געוויסע עהנליכקייט צו אונזער יודיש לעבען; ניט נאר מיר לערנען דערפון אב אונזער נאציאנאלער געדאנק צו פערשטארקען: מיר לערנען דערפון אויך די מיטלען, מיט וועלכע מיר קענען אנטינאציאנאלע שטרעמונגען בעזייטיגען.

אין געוויסע מאמענטען הויבט זיך אן א קאמפף צו אבשלאגען די פאזיציעס, וואס דער יוד פארנעהמט, בערויבען דאס רעכט, וואס ער בעזיצט.

דער דרוק, וואס דער יודישער פאלקס־ארגאניזם בעקומט פון דער פרעמדער סביבה, איז אפיעל־ארטיגער און קען צוגליעדערט ווערען אויף דרייען לויט די אורזאכען, וועלכע האבען איהם ארויס־גערופען, זיי זיינען פאלגענדע:

1) די ניט דעמאקראטישע געזעצגעבונג, וואס הערשט אין די לענדער וואו ברייטע יודישע פאלקס־מאסען לעבען.

2) די קאפיטאליסטישע ארדנונג מיט איהר קאנפערענץ־פרינציפ אויף׳ן עקאנאמישען געביט.

3) די סאציאלע מינדערהייט בכלל, אלס אונאויסמיידליכער קולטורעלער דרוק.

(פארטזעצונג קומט).

י. פאדרוזשניק.

# מעטערלינק און זיין פאלק.

ווען די אינטעליגענץ פון א פאלק הערט אויף ליעבען, וועניג־סטענס אכטען זיין פאלקס־שפראך און זוכען זיך וואס מעהר צו ווארימען ביי פרעמדע קולטורען, ביי פרעמדע אוצרות, דאן איז דאס דער בולטסטער סימפטאם פון נאציאנאלער דעקאדענץ פון זיין פאלק, דער אויסרייד, אז אויף אן׳ארימער שפראך איז שווער אינ־טעלעקטועל צו שטייגען בלייבט ניט מעהר ווי אן׳אויסרייד; ווארים די שפראך־ארימקייט איז ניט שטענדיג קיין בעוויז פון קולטורע־לער ארימקייט, ניט קוקענדיג דערויף וואס דער קולטורעלער דלות איז שטענדיג בעגלייט פון א פרימיטיווער ניט ראפינירטער שפראך.

און קאמפלעצירט. די אידעען זיינען מעהרער ווי אלץ ערווייטערט פון פונדאמענט פון דער געזעלשאפט די פראדוקציאנס־מיטלען. די אי־דעען זיינען דער העכסטער פראדוקט פון מענשליכען לעבען און זייער ענטוויקלונג געהט לויט א בעשטימטען געזעץ. יעדען ענט־וויקלונגס פארם פון די פראדוקציאנס מיטלען ענטשפרעכט דריי מאמענטען אין דער ענטוויקלונג פון דער אידעע: דער טעזיסאלע אנשויאונגען, וואס מען האט בעקומען בירושה פון דער פאריגער עפאכע, וועלכע בילדען א טויטע אונבעוועגליכע טראדיציע. דער אנטיטעזיס — א רעאקציע געגען טעזיס, אפט זעהר פאלשע ווייל ס׳איז דער היפך פון טעזיס און לייקענט אב אפילו די אמת׳ע קער־נער פון טעזיס. לסוף דער סינטעז — אפשרה צווישען טעזיס און אנטי־טעזיס, וואס ווערט צוזאמענגעשטעלט פון די שטיקלעך אמת׳ן, וואס ענטהאלט אין זיך דער טעזיס פון איין זייט און דער אנטיטעזיס פון אנדערער. דער סינטעז שפיגעלט אב די נאטירליכע אידעען, וועלכע ענטשפרעכען די נויטווענדיגקייטען פון דער היסטארישער עפאכע. דער טעזיס, אנטיטעזיס און סינטעז איז א דער גאנצער ציקל פון דער יודען ענטוויקלונג. אין א צייט ארום, אז דער עקאנאמישער פארשריט פון דער געזעלשאפט געהט אלץ פארווערטס, הויבען ניי אידעען אן צו ווירקען; דער סינטעז ווערט פערוואנדעלט אין א טעזיס, וואס רופט ארויס געגען זיך א אנטיטעזיס און פון זיי ביידע ווערט געבארען א נייער סינטעז.

דאס איז דער געזעץ פון דער אידעען ענטוויקלונג.

די אורזאכען פון דער יודענפראגע.

די אוננארמאלע לאגע פון יודישען פאלק, אדער ווי מען רופט עס די „יודענפראגע“, בעשטעהט אין דעם, וואס זיין ענטוויקלונג איז מעהר ווי ביי אלע פעלקער אבהייגיג פון אויסערליכע סבות, פון די פעלקער צווישען דאס יודישע פאלק לעבט. די עקספונסיאנעלע אינערליכע כוחות שטויסען זיך אן אויף א ווידערשטאנד פון דער ארומיגער סביבה און לאזען זיי זיך ניט ענטוויקלען, נאך מעהר

געמיינזאמע טהעטיגקייט בעשאפט ענטשפרעכענדע פראדוקציאנס־מיטלען, אייגענארטיגען געזעלשאפטליכען צוזאמענבונד און ארט צו זאמענלעבען ועל כלם א בעשטימטען ארט דענקען. „ווי ס׳בעוועגט זיך אונזער טעכניקע אזוי בעוועגט זיך אונזער פסיהיק" זאגט מארקס א טיעפזיניגער אפאריזם.

די ענטוויקלונג פון די פראדוקציאנס־מיטלען געהט האנד ביי האנד מיט די בעדערפניסען פון דער געזעלשאפט. א מאל שנעלער א מאל לאנגזאמער, אבער אין אלגעמיינעם רעגעלמעסיג פארווערטס. אין צוזאמענהאנג מיט די פראדיקציאנס־מיטלען בייטען זיך אויך די געזעלשאפטליכע פראדוקציאנס־בעציהונגען די פאליטישע געזעלשאפטליכע געביי, וועלכע דארף אבהיטען די עקזיסטירענדע וירטשאפטליכע ארדנונג, די וועלט אנשויאונג פון דעם מענש, וועלכע איז א פאלק פון דער גאנצער פריהערדיגער ענטוויקלונג און פון די געגענווארטיגע אינטערעסען.

וואס אונדירעקטער ס׳ווירקט די פראדוקציאנס־מיטלען אויף וועלכער ס׳איז זייט פון מענשליכען לעבען (דאס רעכט, די קונסט, למשל) אלץ מעהר איז די ווירקונג שווערער צו געפינען, אלץ מעהר ווערט פערוויקעלט דער צוזאמענהאנג צווישען די בעטראכטע ערשיינונגען און די פראדוקציאנס מיטלען. בעטראכטענדיג איין געביט פון דעם פיעלזייטיגען לעבען אן און פאר זיך, געפינען מיר אין איהם אן אייגענארטיגען ענטוויקלונגס גאנג, וואס פאלט ניט שטענדיג צונויף מיט דער ענטוויקלונג פון די פראדוקציאנס מיטלען, וואס איז אמאל מעהר קאנסערוואטיוו א מאל מעהר רעוואליוציאנער. אין אלגעמיינעם אבער שטרעבען אלע זייטען פון מענשליכען לעבען זיך צו פאסען צו די בעדערפניסען פון די פראדוקציאנס־מיטלען פון דער עפאכע, שטרעבט די סטאטישען גלייכגעווירט. און דאס געשעהט אין דער אויפלעבונגס סטאדיע, אין מאמענט, ווען די ענטוויקלונג פון א בעשטימטער פארם דער גרייכט זיין העכסטע שטופע, זיין אפאגעי.

דער ענטוויקלונגס גאנג פון די אידעען איז גאנץ אייגענארטיג

נאטירליכע נויטווענדיגקייטען, וואס וועקען איהם און נויטען צו א אונאויפהערליכער טהעטיגקייט; דאס זיינען זיינע אינסטינ־קטען. הויפטזעכליך דער ערנעהרונגס און געשלעכטס אינסטינקט. זיי זיינען די טרייב קראפט פון דער ענטוויקלונג די פשט׳ע מענשליכע מאטעריע וואס וויל אינסטיקטיוו לעבען, רעגירט מיט אונזער גאנצער טהעטיגקייט, מיט אונזער בעשאף. דער ערנעהרונגס אינסטינקט דינט צו ערהאלטען דעם יחיד, דער געשלעכטס אינסטינקט —דעם מין מענש. דער ערנעהרונגס אינסטינקט פערפאלקאמט די געזעלשאפט, דער געשלעכטס אינסטינקט—דעם אינדיווידום.

דאס פאמיליען און געשלעכטס לעבען איז א פראדוקט פון דעם ענטוויקלונגס צו שטאנד, פון גאנצען ארט לעבען, דענקען און פיה־לען. וואס פאר א פאמיליען געביי עס זאל ניט זיין א פאליגאמישע צו א מאנאגאמישע, שפילט דערביי די וויכטיגסטע ראליע דאס שטרעבען צו געפעהלען. אין דער שטרעבונג ווערט דער מענש אינדי־ווידועלער שענער. אפילו חיות און פלאנצען ענטוויקלען זיך צוליעב זייערע געשלעכטס אינסטינקטען; בלומען ווערען שמעקיגער, בונ־טער און שלאנקער.

דער ערנעהרונגס אינסטינקט פיהרט צום קאמפף פון מענש מיט דער נאטור, ביי וועלכער ער נעהמט אלעס נייטיגעס צום לעבען. כל זמן דער קאמפף איז פרימיטיוו און בעשטעהט אין אראברייסען א פרוכט פון בוים. האפען א פיש אין וואסער אדער א שוואכע חיה אין וואלד קען דאס איין מענש אליין טהון. ווען אבער דער קאמפף מיט דער נאטור ווערט שווערער, מוזען זיך פיעל מענשען פאראיי־ניגען, אום מיט געמיינזאמע כוחות בייקומען אלע שוועריגקייטען עס ענטשטעהט די מענשליכע געזעלשאפט. וואס קאמפליצירטער עס ווערט דער קאמפף מיט דער נאטור, וואס גרעסער ס׳ווערען די מענש־ליכע בעדערפניסען, אלץ אונטענסיווער דארף פארקומען דער קאמפף אלץ ברייטער און פערוויקעלטער ווערט די געזעלשאפט. עס ווערען בעשאפען יענע פארמען, וועלכע זיינע מעהרער פראדוקטיוו. די

דעם היסטאריש־מאטעריאליסטישען מעטאד פון סאציאלען אנאליז קען מען שוין איצט געבען איינינע שטריכען, שטעלען א דיאגנאז פון דער ענטוויקלונג פון יודישען פאלק און דערמיט מיטווירקען דער ענטוויקלונג פון נאציאנאלען בעוואוסט־זיין. און בעוואוסט זיין הייסט מאכט!

### דער היסטארישער מאטעריאליזם.

אבשטעלענדיג זיך אויפ'ן מאטעריאליסטישען מעטאד פון סאציאלען אנאליז מוז מען מיט איינינע ווערטער פארמולירען דעם אינהאלט, די הויפט שטריכען פון היסטאריש־מאטעריאליסטישען פערשטעהן דעם ענטוויקלונגס־גאנג פון דער געזעלשאפט, ערשטנס דערפאר, ווייל די ענטוויקלונג פון דער סאציאלאגיע און פסיחאלאגיע האט אריינגעבראכט פיעל אויסבעסערונגען אין די אלגעמיינע טהעזיסען וואס האבען פארמולירט מארקס און ענגעלס. צווייטענס ווייל פאר דער לעצטער צייט, ווען דער היסטארישער מאטעריאליזם איז געווארען זעהר מאדערן, האבען זיך אנגעהויבען אונטער זיין נאמען פארבעהאלטען פיעל טהעארעטיקער, וועלכע האבען מיטן היסטארישען מאטעריאליזם אין דער אמת'ן קיין שום שייכות ניט און האבען דערמיט שטארק פערדונקעלט די הויפטריכטונגען.

דער היסטארישער מאטעריאליזם איז ניט נאר א ענטוויקלונגס טהעאריע נאר א גאנצע פילאזאפישע סיסטעם. א גאנצע וועלט־אנשוינג. דאס איז א קייט פון סאמע פערפלאנטערסטע פילאזאפישע (איבערהויבט די פראגע וועגען מאטעריע און גייסט) און סאציאלאגישע פראגען, וואו יעדע ווערט בעלויכטען און ערקלערט פון דעם דיאלעקטיש־מאניסטישען שטאנדפונקט. מיר וועלען בעטראכטען נור איין רינגעלע פון דער לאנגער קייט, מיר וועלען בעטראכטען ווי ערקלעט דער היסטארישער מאטעריאליזם דעם ענטוויקלוינגס־גאנג פון דער געזעלשאפט.

אונזער גאנצע קולטור איז א פאלק פון געגענזייטיגער ווירקונג פון מענש און נאטור. אין מענשענס ארגאניזם זיינען פערבארגען

הויבט זיך אן א נייער ענטוויקלונגס־קרייז.

די סאציאלע „פראגע“.

כל זמן די געזעלשאפטליכע ווידערשפרוכען זיינען נאך ניט רייף געווארען, כל זמן דער אנטאגאניזם האט נאך ניט בעשאפען דעם „מוז“ צו צושטערען דעם אינערליכען געגענזאץ, כל זמן דאס רעכט איז בערויבט פון דער מאכט, בלייבט די גאנצע אוננארמאלע לאגע א „פראגע“. מען זאגט א „פראגע“ דעריבער ווייל אין דער תקופה, אין דעם פעריאד ווערען געזוכט וועגען ווי צו ענטזייטיגען דעם אנטאגאניזם, עס ווערען אנגענומען מיטלען ווי צו בעשיצען דאס בערויבטע רעכט אדער ס׳ווערען אויסגעארבייט מעטהאדען ווי צו מאכען בולט׳ער דעם ווידערשפרוך, ערקלערען זיין אינהאלט און וואס גיכער ארויסרופען דעם אונפערמיידליכען קריזיס. אזוי עקסעסטירען; די ארבייטער פראגע, די נאציאנאלע פראגע בכלל און די יודענפראגע בפרט.

די נייע עפאכע אין דער יודישער געשיכטע.

די יודענפראגע עקסעסטירט שוין זייט 2000 יאהר. פאר דער צייט האט זי אנגענומען פערשידענע פארמען אין צוזאמענהאנג מיט אלערליי היסטארישע פאקטארען. איצט לעבט איבער דאס יודישע פאלק אנייע ענטוויקלונגס סטאדיע א וויכטיגע היסטארישע עפאכע: אין דער עקאנאמישער סטרוקטור פון דעם יודישען פאלקס ארגאניזם ווי אויך אין דער ארומיגער סביבה קומען פאר זעהר וויכטיגע ענדערונגען, די ברייטע פאלקס־מאסען געהען איבער צום אקטיווען געזעלשאפטליכען לעבען, און נעהמען אייגטהייל אין דער קולטורעלער און נאציאנאלער ווידערגעבורט. אין דעם פערבארגענעם פאלקס־לאבאראטאריום ווערט אויסגעארבייט די יונג־יודישע וועלטליכע קולטור. נאר די כאראקטעריסטישע שטריכען פון דער נייער יודישער געזעלשאפט זיינען נאך ניט דייטליך, די נייע פארמען זיינען נאך ניט בולט און דעריבער הערשט אין דער שטעלונג פון דער יודענפראגע פערשידענע מיינונגען. נאר דאך, אנוועגדענדיג

אונאויפהערליכע קלאפען פון הערבסט־רעגען אין צימער איז נאך אלץ פינסטער געווען און א צייט לאנג נאכדעם האב איך קיין לאמפ ניט אנגעצונדען.

ווילנא. 1912.

י. אהרונזאהן.

# די שטעלונג פון דער יודענפראגע.[1]

## I. די הויפט טהעזיסען.

די ווידערשפרוכען אין דער סאציאלער ענטוויקלונג.

די געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג ברייננגט זעהר אפט די אינער־ליכע ווידערשפרוכען, אונפערמיידליכע אנטאגאניזמען, וואס קענען אין אלגעמיינעם כאראקטעריזירט ווערען אלץ קאמפף פון רעכט מיט מאכט. ווען די סאציאלע עוואליוציע, ווען די היסטארישע פאקטא־רען בריינגען דערצו, אז איין געזעלשאפטליכע גרופפע [2] (קלאסס אדער נאציאן) בעקומט א אויבער האנד איבער אן אנדערער, ווערט ארויסגערופען א קאמפף, א קאמפף פון גערעכטיגקייט געגען דער הערשענדער קראפט. נאר די געזעצען פון דער מענשליכער און סאציאלער ענטוויקלונג פיהרען אויך דערצו, אז די מאכט דער־גרייכענדיג א געוויסע שטופע, וואקסט איבער זיך אליין און הויבט אן צו פערוועלקען; גלייכצייטיג ווערט דאס רעכט אין פראצעס פון קאמפף א מאכט וואס מוז סוף כל סוף ווערען דער זיעגער. דאן

1) מיט דעם ארטיקעל הויבט אן די רעדאקציע אין קורצען צו איבערגעבען די וויכטיגסטע ערטער פון א ביז איצט נאך ניט ער־שיענענעם ווערק וועגען דער יודענפראגע.

2) בעטראכטענדיג דעם גייסטיגען קאמפף אין דער געזעלשאפט קענען מיר דאס זעלבע זאגען וועגען די הערשענדע אידעען.

זיי האבען איהם אויפמערקזאם געמאכט אויף זיין טעות, נאר אז זיי האבען געזעה׳ן, אז דער «לעבענס־דיכטער» הערט ניט זייערע ר״יד, האבען זיי פערשטאנען, אז זייער ליעבלינגס־דיכטער האט גע־וויס אנ׳אומגליק געטראפען און מיט א טיעפען בעדויערונג זיינען זיי פון איהם אבגעטראטען, די קעפּ אראבגעלאזען, ווי פערשעמט...

און איינציג ווייז האבען איהם אוועק געווארפען זיינע מיידען מיט די שעהנע שווארץ־חנ׳עוודיגע אויגען זייערע, נאר ער האט עס ניט בעמערקט, ביז ער איז אליין געבליבען אנ׳איינזאמער אין זיינע גרויסע ליידיגע קאמערן, נאר איהם האט עס ניט געקימערט אין אלץ זעלטענער און זעלטענער זיינען זיינע לארבער־קרענץ געווארען, ביז זיי האבען אינגאנצען אויפגעהערט...

און אלץ מעהר און מעהר איז ער ביין פאלק פערגעסען געוואָ־רען, ביז קיינער האט שוין זיין נאמען אויף די ליפען ניט ארויפגע־בראכט. און ווער וויים צו עס האט ווערמס אנ׳אויג אנ׳איינציגען טרויער געלאזט, ווען ער האט אין איינע אזא פינסטערע הערבסט־נאכט פון ערגעץ א בוידעם־שטיבעל זיין נשמה צו די עלענדע הימלען געשיקט״...

מיר איז שווער געווען אין דער פינסטער צו בעטראכטען די שטריכען אויף מיין חבר׳ס געזיכט אזן די פליסטערענדע בעוועגונג פון זיינע ליפען, נאר איך האב געפיהלט, ווי צו מיר פויסט אריין זיין מעשה׳לע, פליסט אזוי שטיל און געהיימניספוהל, ווי א שטומער וואסערעל פון א פערבארגענעם קוואל.

ער האט זיך אבגערוקט א פאר טריט פון מיר און אויסגערעדט:

— איך ווייס ניט אויב די מעשה׳לע געפעהלט דיר, איך האב עס דיר נור דערצעהלט, ווייל איך ווייס, דו שרייבסט אמאהל ליעדער, וועגען שעהנע פרויען און שעהנע אויגען און מיידעל־נשמות... און נאך וועגען שעהנע גליקליכע זאכען... טהו א טראכט אמאהל, אויב עס לוינט דיר, וועגען דעם וואס איך האב דיר איצט דערצעהלט.

ער איז אוועקגעגאנגען. אין דרויסען האט זיך געהערט דאס

כעס, וואלט אין זיין הארץ געזאדען אויף וועמען...

און אויף מארגען, ווען צו איהם זיינען מיט די ערשטע זונען־שטראהלען זיינע מיידען געקומען אין זיין צימער האט ער זיי בע־געגענד, ווי מיט א געצוואונגענעם שמייכעל, ניט יענעם נאטירלי־כען צופרידענעם שמייכעל, ווי אין די פריהערדיגע טעג... און ער האט געקושט זייערע שעהנע פריה־מארגען־אויגען, עפעס ניט, ווייל ער האט געפיהלט צו זיי זיין שטענדיגען פערגעניגען און גענוס, נאר ווי צו א רחמנות צו זיי.

זיין הארץ האט מיט אמאהל דערפיהלט צו זיי א אונבעגרענצטע מיטלייד...

— — — — — — — — — — — — — — —

און ווען זיינע נייע ליעדער האבען די ליכטיגע וועלט דערזעה'ן זיינען זיי שוין דורכגעוועבט געוועזען מיט א צארטען פאדים פון יונ־גען יאוש און פריה־צייטיגען טרויער... ער האט בעזונגען פון געפאלענע שטערען אין די פינסטערע הערבסט־נעכט... פון פער־קוועלטע בלומען אין פריהען פרילינג... פון פערשוואונדענעם גליק און פון יוגענד, וואס איז פאר דער צייט פערעלטערט געווארען...

נאר קיין רשם האבען זיי אויפ'ן פאלק ניט געמאכט, אזוי ווי יענע דיכטער, וועלכע פלעגען אויך ניט בעגייסטערען דעם פאלק, ווען זיי פלעגען פרובען געזאנגען פון לעבען צו וועבען, דעם פונקט ווי יענע האט ער אויך נור דאס, וואס ס'האט זיין אויג און אויער דער גרייכען בעזינגען, קיינמאהל ניט האבענדיג דאס, קיינמאהל ניט איבער לעבענדיג, ניט איבער געפיהלט...

אזוי איז געוועזען מיט'ן „לעבען'ס דיכטער“: אנשטאדט א זינ־גער צו זיין, איז ער א בעזינגער געווארען... דען אמת זא־גענדיג, האט ער דאך קיינמאהל דעם טרויער און צער ניט געפיהלט.

און ס'זיינען נשתומם געווארען זיינע פערהערער, זיינע נייע טענער הערענדיג, און געמיינט האבען זיי אז ער האט פון וועג פער־בלאנדזשעט אין א פאלשע ריכטונג אין זיין דיכטונג גענומען און

אין די קנוילען פון די מעכטיגע חוואליעס איז עס צויבערליך, איז עס דער סימבאל פון קראפט און יוגענד׳ פון מאכט און מוטה; אבער ווען דו וואלסט אויף זיין גרונד גענידערט וואלטען דיינע פיס אין שמוץ און זומפען פערשלעפט געווארען׳ בייזע שלאנגען וואלטען זייער גיפט אין דיין פלייש געלאזען, היי־פיש וואלטען דיינע ביי־נער געגריזעט...

ווייסט: די יוגענד, וואס דו זינגסט איהר קראפט און גלאנץ זיי־נען איהרע מחשבות שוין גראהע, זייער הארץ פון שפינ־וועבס צו־לעכערט און זייער מארך פון זארגען צופרעסען...

ווייסט: די פרייד׳ וואס דו זינגסט איהר זארגלאזיגקייט איז מיט טרעהרען פון טויזענדער אנדערע אויסגעמישט, אזוי, אז דער וואס זופט עס פיהלט עס ניט׳ אדער ער נארט זיך אליין...

און וואס איז דען ווערט די שענקייט?... די שוועסטער פון די וועלכע בעטען דיר דיין בעט, געה׳ן אין די פינסטערע נעכט זייערע אונשולדיגע לייבער צו פרעמדע מענער פערקויפען פאר זייערע קאלטע גראשענ.ס...

און דאס גליק?... דער בעכער פון גאלד, פון וועלכע דו זופסט אזוי צופרידען׳ דיין וויין איז מיט שוויים און בלוט פון הונדערטער׳ טויזענדער יונגע לעבענס געשמאלצען׳ די יענע וועמעס רוהם דו זינגסט אזוי בעגייסטערט»..

פלוצלינג איז די שטימע אבגעהאקט געווארען; איז צוריק אוועק־געשוואומען אונבעוואוסט וואוהין, ווי אונבעוואוסט עס איז געווען פון וואנען זי איז געקומען.

א ווײלע איז דער «לעבענס־דיכטער» געבליבען ליגען א פער־גליווערטער אויף זיין ארט; צו ער האט אפשר געווארט, טאמער קומט צוריק די געהיימע שטימע׳ נאר זי איז שוין מעהר נישט גע־קומען. — דאן האט ער זיך מיט האסט א הויב געטהון פון זיין גע־לעגער׳ האט אין דער פינסטער זיינע כתבים אנגעטאפט׳ זיי אין זיינע הענד זיי צופליקט און אונטער זיינע פיס זיי צוטראטען׳ ווי א

רוהט, די פענסטער זיינען אין א פינסטערן גארטען אפען געווען, האט פלוצלונג א געהיימע שטימע געהערט:

«דיכטער, דו ביזט פאלש... פאלש דעם לעבען»...

א דערשראקענער איז ער פון זיין סאמעט־בעט אויפגעשפרונגען, די אויגען אין דער פינסטערניש פון דער נאכט ארייגעגלאנצט, נאר קיינעם ניט געזעהן, צוריק זיך געלייגט און בליץ־שנעל א קלער געטהון: „אודאי א חלום”, נאר אין א ווילע ארום האט איהם אין די אויערן ווידער געקלונגען יענע געהיימע שטימע:

«זינגסט יוגענד — וואו איז עס?... זינגסט פרייד — ווער האט עס?... און פון שענקייט — ביי וועמען?...»

און ווידעד איז דער דיכטער א צורודערטער געווארען, די אויגען אין נאכט־חלל ארייגעשפריצט, געזוכט דעם וואס רעדט צו איהם די דאזיגע ווערטער, נאר אומזיסט איז זיין מיהע געווען, אין צימער איז קיינער ניט געווען, נאר פון פינסטערען חלל, איז נאך אלץ יענע געהיימניספולע אונבעקאנטע שטימע, ווי א בת־קול ארויסגעשוואומען פארביי דעם דיכטער׳ס אויער.

און די שטימע האט גערעדט:

«די וואס זיינען יונג, האבען קיין יוגעגד ניט, געבארען אויף פרייד און ליכט — פער׳סמ׳ט זיי דאס לעבען»:

דו האסט פון דעם ניט געוואוסט, פאר וואס?... דערפאר וויל דו ביזט אלע מאהל געשטאנען העכער פאר׳ן לעבען, און פון דיין הימלישע הויכקייט האסטו מיט שטאלץ געלאזט דונער׳ן דיין געזאנג פון פרייד און גליק — אויף די וועלכע האבען דאס אפשר קיינמאהל ניט פערמאגט... געוויס מוז דאס, פון אויבען אלע מאהל שעהן און מיט פראכט און גלאנץ בעפוצט, אבער ווען דו וואלסט נידריגער זיך געפרובט...

אמת: דער ים איז שעהן, ווען מען קוקט אויף איהם אריבער, שטעהענדיג אויף א הויכען פעלז... אודאי, ווען די גאלדענע זונענשטראהלען, צו די זילבערנע לבנה־נעצען פלעכטען זייערע חלומות

און זיינען אויך יונג געווארען...

דער חילוק פון «לעבענס־דיכטער און די אנדערע: דער ערשטער האט געזונגען, דער צווייטער בעזונגען״.

---

„און אין דעם דיכטער׳ס פאנטאזיע האבען נאקעטע נימפען אויף די ברעגעס פון ים זייערע לופט־שלעסער געבויעט, זייערע פרויען־לייבער יעדע נאכט אין ים־וואסער געטונקט, און איבער זייער קאפ האבען הימלען די שטערען געצונדען, האבען זיך ווינדען אין די צו־לאזטע האהר געווארימט און ים־געלעכטער געהילכט און וואסער־נגונים געקלונגען...

און איבער דעם דיכטער׳ס קאפ האט דער הימעל זיינע רעגען־בויגענדיגע פארבען געשפיעלט, די זון גערייצט... און אונטער זיינע פיס האט געבלענדט פון גרינס, האבען זיך רויזען־פעלדער געקרוינט..

...און דאס פאלק איז ענציקט געווען פאר איהר דיכטער: איז איהם לארבער־קרענץ ווייניג געווען, האבען זיי איהם אויף די הענד איבער די גאסען געטראגען, האבען איהם לויב־מזמורים געזונגען און הערב־טענץ פאר איהם פאראויס־געטאנצט... איז איהם זיין קליין הייזעל אין דער הינטער־שטאדט־געסעל נמאס געווארען האבען זיי איהם פאלאצען אויף די הויכע בערג, אויפ׳ן לאנד געבויעט; איהם זיינע שעהנסטע טעכטער געשיקט, זיי זאלען איהם תענוגים פערשא־פען... פלעגט דער דיכטער זיינע טעג אין זארגלאזיגקייט פערברייג־גען, גליק און פרייד געניסען און אין די נעכט פלעגט ער פרויען־קושען מיט וויין פארטרינקען...

דערפאר, ווייל ער איז יונג געווען און נאאיוו, האט ער דאס וואס נור שעהן איז און גוט׳ס איז געזונגען״.

* *
*

«האט זיך אמאהל געמאכט, ווען דער „לעבענס־דיכטער״ האט א מיעדער פון טאג־פרייד און נאכט־גליק אויף זיין סאמעט־בעט גע־

זעלטענעם בוך. נאר וואס איז דער אונטערשיעד, זיי זיינען דאך מיר שטענדיג געפעלען געווען.

איך האב זיך מיט נייגעריגקייט צוגעגרייט הערען צו דעם, וואס מיין חבר וויל גראדע איצט, דערצעהלען.

ער האט אנגעהויבען אין א לעגענדארישען טאן:

— «אמאהל איז געווען א דיכטער, האט ער געזונגען פון פרייד. אינ'ם לאנד, וואו דער דיכטער האט זיינע לידער פערפאסט, האט מען איהם גערופען דער «לעבענס־דיכטער», ווייל שטענדיג האט ער נור געזונגען רוהם דעם לעבען, לויב דעם יוגענד און קראפט און גערימט די פרייד.

ס'זענען אין יענע צייטען אויך אנדערע דיכטער געווען, וועל־כע האבען געזאנגען פון לעבען געוועבט, פון פרייד און גליק... דאס פאלק אבער פלעגט פון זיי ניט זיין בעגייסטערט, צו דערפאר, ווייל זיי האט געפעהלט יענער צויבער־געפיהל צו פאנגען א הארץ מיט'ן ריטם־קלאנג פון זייערע טענער, צו אדער זיי האבען כלל ניט גע־טויגט צו דער מלאכה פון «גראמען־פערפאסער», נאר שטענדיג פלעגט אין זייערע לידער בעזונגען ווערען דאס, וואס ס'פלעגט דער־גרייכען צו זייער אויג, אדער צו זייער אויער, זיי זיינען דאס אבער קיינמאהל ניט געווען; דערפאר זיינען זיי אנשטאדט זינגער'ס בעזינגער געווען, ריכטיגער זיי זיינען געצוואונגען געווען עס צו בעזינגען, ווייל זייער נשמה האט שטענדיג געביינקט צו דעם, אבער קיינמאהל ניט געהאט, ניט איבער געלעבט...

ניט אזוי איז געווען דער «לעבענס־דיכטער». זיין הארץ האט געפיהלט דאס, וואס זיין נשמה האט געשפונען; — האט ער געזוי־גען פון יוגענד, האט פייער פון זיינע אויגען געשפריצט, און אין די שורות פון זיינע לידער האבען פונקען פון זיין נשמה געגליהט, פונקען, וואס ער האט זיי געשמידעט אויף דער קאוואדלע פון זיין הארצען... האט פון די ווערטער מיט שטארקייט געהויכט, האט גע־לעכטער פון די טענער געשאלט, האבען אלע די יוגענד דערפיהלט

מיר זיינען געזעסען אמאהל אין מיין צימער. עס איז געווען א פינסטערע הערבסט־נאכט. אין דרויסען האט דער רעגען אונאויפ־הערליך געגאסען... אויפ׳ן הארצען איז מאדנע שווער געווען. און צו עס איז יא געווען, צו עס איז ניט געווען — נאר מיר האבען ניט געהאט וואו זיך אהינצוטהון יענעם אווענד, און ווילענדיג, צו ניט ווילענדיג זיינען מיר פערבליבען אין דערהיים. אין צימער איז שטארק דונקעל געווען, נאר דאך האט זיך ניט געפיהלט א נויטיג־קייט א לאמפ אנצוצינדען.

עס איז געלעגען אויף אונז ביידען, עפעס א דריקענדע שטילקייט אפשר האט מיין חבר פון וואס געקלערט, נאר מיין געדאנקען־וועלט איז געווען אונבעוועגליך, פונקט א פערגליווערטער שאטען וואלט זיך אויף דעם געלייגט און פערפאנצערט מיינע געדאנקען.

פלוצלינג האט זיך מיין חבר אבגערופען:

— הער, דו שרייבסט דאך אמאהל שירים, דו זינגסט עפעס פון שעהנע פרויען מיט הימעל־פארביגע אויגען, פון איידעלע מיידעל־נשמות און מיידעל־הערצער...

— דו ווייסט דען ניט?... האב איך איהם איבער געשלאגען פער־וואונדערט אויף דעם, וואס ער האט אין מיטען דערינען גענומען ריידען, וועגען מיינע ליעדער.

— נו, יא, איך ווייס טאקע, נאר איך וועל דיר דערצעהלען עפעס ענליכעס צו דעם וואס דו, זינגסט...

איך האב פערשטאנען, אז מיין חבר וועט ווידער דערצעהלען איינע פון יענע מעשה׳לעך, וועלכע ער דערצעהלט נור אונטער „פיער־אויגען”, און וועלכע איך האב אזוי ליעב געהאט צו הערען... איך מיין ניט, צי צוליעב דעם שעהנעם אינהאלט זייערען, צי צוליעב דעם קינסטלערישען ארט דערצעהלען זיינעם, צי גאר צוליעב דעם רמז, וואס ער פלעגט שטענדיג אין זיי אריין לייגען. איך ווייס אויך ניט, צו די מעשה׳לעך, זיינען זיינע אייגענע געווען, אויסגעטראכטע צו ער האט זיי ערגעץ געהערט דערצעהלען, אדער געלעזען אין א

אין ווארפען זיך אין פנים.

ס׳צימבלען די גלעקלאך הילכיג, מונטער,

פלאפלען צווישען זיך מעלאדיש,

און די צויבער־קלאנגען וויעגען זיך אין וויעגען
זיך אין לופט,

אין פאלען ציטערדיג

אויף די ווייסע פעלדער, וועלכע דרעמלען קאלט
און שטום...

ס׳פליהט דער שליטען איבער פעלדער, איבער
ווייס־פערדעקטע פעלדער,

שוועבט און טראגט זיך לייכט און גיך...

א. י. גראדזענסקי.

# „לעבענס־דיכטער"

(א מעשה׳לע).

איך האב געהאט א חבר, ער האט ליעב געהאט צו דערצעהלען מעשה׳לעך. אין זיינע מעשה׳לעך פלעגט ער שטענדיג אריינפלעכטען א רמז, צו א משל, אדער אמאהל א שעהנעם געדאנק; ער פלעגט זיי אבער שטענדיג דערצעהלען אונטער „פיער אויגען": פלעגט אונ־טערקומען אין יענע רגע א דריטער, פלעגט ער אנשוויגען ווערען אזא טבע האט מיין חבר געהאט. כ׳האב איהם קיינמאל ניט געטרא־פען אין א גרעסערע געזעלשאפט פון עפעס צו דערצעהלען. איך ווייס ניט אפשר האט ער געהאלטען, אז אנ׳איינצעלנער מענש הערט זיך מיט מעהר אויפמערקזאמקייט צו, צו אנ׳ערצעהלונג, איידער א פולע געזעלשאפט פון געמישטע פערזאנען. איך ווייס נור אז מיר זענען זיינע מעשה׳לעך שטענדיג געפעהלען געווען.

ל י י ב  נ י י ד ו ס.

# אין א ווינטער־נאכט.

ס׳פליהט דער שליטען איבער פעלדער, איבער
ווייס־פארדעקטע פעלדער,

שוועבט און טראגט זיך לייכט און שטיל...

פ׳האט דער אלטער, גרויהער ווינטער
זילבער־ליילאכער פארשפרייט,
און א טויטע, שטומע שטילקייט
פארזייהט...
ס׳שטעהען שטיל די ווייסע בוימער,
וויעגען עטוואס מיט די שפיצען
וואס פינקלען פון די לבנה־שטראלען,
וועלכע שפריצען
בלויען זילבער
פון דער הויך...
ס׳צאנקען פייערלאך פון ווייטען:
ס׳שלאפט א דערפעל איינגעהילט
אין פוכיג־ווייכע שנעען...
עס קיהלט
א זאנפטער ווינטעל, וועלכער קושט איך פנים מילד,
און בעפארבט די באקען
אין ראזע בלומען...

ס׳פליהט דער שליטען איבער פעלדער,
איבער ווייס־פערדעקטע פעלדער,

א פאל — א הויב,
ביי די זייטען פון דעם שליטען הויבען זיילען זיך
פון זילבער־שטויב,

בעצויבערט בלייבט מארקע דאן שטעהען
בעדעקט מיט א חמארע פון טרויער,
ער קוקט מיט בלוי-שטאלענע בליקען
און זעהט נאר — א וואסער א גרויער.

ער געהט אויף די ברעגעס פון דונאי
און רופט צו זיך ווי־עדער די פעע;
די חוואליס זיי לאכען און זאגען:
«מיר האבען קיין פעע געזעהען».

„א ליעגען” — האט מארקע געשריען —
„איהר מוזט דארט אליין מיט איהר שפיעלען”
און האט זיך, אום זוכען דער פעע,
געווארפען אין וואסער דעם שטילען.

עס באדע׳ זיך אין דונאי ווי פריהער
די פעע פון כשוף געוועבטע,
געקליידט אין לופט-גרינגע וואלען,
מיט גאלד און מיט זילבער געשטעפטע.

און מארקע דער מזיק, דער גבור,
ער שלאפט אויף דעם אבגרונד אין פרידען.
ער האט ניט געפונען זיין פעע
דאך פון איהם איז א מעשה געבליעבען.

דו, מענשעלע, אבער ווען לעבען
ווי א ווארים אין קבר, אין פינסטער,
קיין שירים וועט קיינער ניט זינגען,
דיר וועט ניט דערמאנען דער קינסטלער.
געענט.

ניין נאר א שטארקע און בעגייסטערטע ארגאניזאציע קען ברייגנען
צו ערנסטע רעזולטאטען דעריבער מוזען מיר מאכען דעם ערשטען
טריט זיך צו ארגאניזירען, און ביי ווען ס'איז נאך דא א טראפען
מענשליכע ווערדע א פונק פון נאציאנאלען שטאלץ מוז קומען העל־
פען לייגען דעם ערשטען שטיין פון אלגעמיינעם יודישען סטודענ־
טען פערבאנד.

יאלי.

# א מעשה.

(פון גארקי).

א נעץ האבען פישער פערצויגען
און האבען אפּעע געפאנגען,
א פעע פון וועלדעל דעם נאהנטען
וואס איז זיך דארט באדען געגאנגען.

---

דערזעהן האט איהר מארקע דער פישער
און שליסט איהר אין אייזערנעם ארים
און האלדזט איהר און קושט איהר אהן אויפהער
און ווייס ניט וואס ס'איז איהם געווארען.

---

ווי א בוימעל, א יונגעס, א ווייכעס
האט מארקע דער פעע געטוליעט;
די פעע, זי לאכט און זי שמייכעלט
און טאנצט אויף דער זוהן און זי הוליעט.

---

ביז נאכט האט געשפּיעלט זיך די פעע
מיט מארקען אין גאלדענע שטראהלען
און ווי נאר די זוהן איז פערגאנגען
איז פּלוצלינג די פעע פארפאלען

דער אין די קאמפפס און בעפרייאונגס פעריאדען, אין די פעריאדען פון צושטערען און בויען. די יודישע יוגענד נעהמט נאך מעהר ווי ביי אלע פעלקער אנטייל אין פראגרעסיווע בעוועגונגען. סאציאלע פראבלעמען און בעוועגונגען זיינען די סטיכיע פון יודישען גייסט. נאר די היסטארישע אורזאכען האבען געבראכט דערצו אז די ענט־וויקלונג פון דער אינטעליגענץ און פון די ברייטע פאלקס מאסען איז ניט געגאנגען האנדביי האנד. די יודישע אינטעליגענץ דריבער לעבען און במילא אויך ווירקען אין א פרעמדער סביבה. נאר גאר אין די לעצטע יאהרען ווען די ברייטע פאלקסמאסען האבען זיך אויפגעהאפט צום קולטורעלען לעבען, זענען זיי געווארען א אנציהונגס קראפט פאר דער יודישער אינטעליגענץ. איצט זעהען מיר די יודישע אינטעליגענץ מאסען־ווייז זיך צוריקקערען צו זייער פאלק, „די יודישע אינטעליגענץ פארן יודישען פאלק” דאס איז געווארען אונזער דעוויז. א פעלד פאר פאליטיש געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט איז פאר אונז דא א אונגעהוירער א גרויסער. ניט איין יאהר וועט אונז נאך אויס קומען קעמפפען געגען די פינסטערע כחות וואס דריקען און שטיקען אונזער פאלק, נאך פיעל, פיעל קרבנות וועט פון אונז פאדערן אונזער היסטאריע איידער זי וועט פארענדיגען די בלוטיגע טראגעדיע פון אייביגען יוד.

זיך פארברייטען צו דעם שווערען קאמפף זיך ערציהען אלס ערנסטע און ערפאהרענע כלל טהוער, ערלערנען אלע פראגען וואס זיינען שייך אונזער פאלק—איז איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבען פון אונזער יונגער אינטעליגענץ. הויך אויפהויבען די פאהן פון נאציאנאלען שטאלץ; פראטעסטירען געגען אלע שמוציגע בעשולדיגונגען וואס מען ווארפט אונז טאג אויס טאג איין אין פנים; מוטהיג קעמפפען געגען יעדע נאציאנאלע אונטערדריקונג, בעשיצען אונזער נאציאנאלע עהרע—דאס איז אונזער פליכט!

זייענדיג צוריסען און אבגעזונדערט איז אונמעגליך דערגרייכען די אנגעצייכענטע פערזענליכע און געזעלשאפטליכע ציעלען.

זייער פאהן. די קאסעס זיינען געגרינדעט געווארען דורך דער גאנ־
צער רוסישער קאלאניע, אלס מיטגליעדער געהען אריין אי יודען
אי ניט־יודען און חאטש אמאל איז פאראן אנדערהאלבען ניט־יודען
און אמאל דאס אויך ניט, טראגט די קאסע די רוסישע פאהן און די
פרעמדע פאהן איז די הויפטאורזאכע פון איהר ניט פרוקטבארע
טהעטיגקייט. ווייל, מען דארף וויסען, אז אונזערע אויסלענדישע גע־
מיינדעס, אונזערע רייכע מוהמעס, גיבען זייערע עטליכע הונדערטער
מאנאטליך (זאלען מיר זאגען טויזענדער) ניט פון גרויסהערציגקייט
נאר אויס פרינציפען מיטלייד צו זייערע מזרחישע ברידער. נאר ביי
דער ערשטער מעגליכקייט דרעהען זיי אב דעם קאפ. און קומט מען
צו זיי בעטען פאר „רוסישע” סטודענטען ווילען זיי גאר ניט הערען.
דעריבער, אום צו קריגען די נויטיגע הונדערטער אין אונזערע סטו־
דענטישע קאסעס, אום מיר זאלען האבען דאס רעכט צו פאדערען
ביי אונזערע קהלות שטיצע און מיט ערפאלג קלייבען נדבות אומע־
טום אין אויסלאנד און רוסלאנד ביי אונזערע עלטערן, פריינד און
בעקאנטע דארפען מיר זיין א **יודישע ארגאניזאציע**, מיר
דארפען ארגאניזירען יודישע קאסעס און דאן קענען מיר האפען
אז אונזערע חברים וועלען בעקומען די נויטיגע שטיצע, ווייל די
יודישע געזעלשאפט מוז און וועט אונטערהאלטען איהרע ארימע
סטודענטען, איהר קינפטיגע שעפפערישע אינטעליגענץ.

עס מוז געגרינדעט ווערען א צענטראלע סטודענטען־קאסע וואו־
הין ס׳זאל אנקומען אלע צאהלונגען און נדבות. די צענטראלע קאסע
וועט שוין צוטיילען דאס געלד לויט די בעדערפניסען אזא ארגאני־
זאציע, אזא קאסע וועט האבען א גרויסע מאראלע ווירקונג און וועט
געוויס געווינען דאס צוטרוי פון די מנדבים. א ביישפיעל: די פוילי־
שע סטודענטען ארגאניזאציע מיט איהר צענטראל קאסע. איך וויל
ניט בעריהרען די אידעען וואס די ארגאניזאציע פיהרט דורך, נאר
איהר קאסע מוז דיענען אלס מוסטער ווייל זי בעזארגט ווי ס׳געהער
צו זיין די ארימע פוילישע סטודענטען, און נאר דער פאר איז איהר

געזעלשאפט צו קומען צו הילף די אויסלענדישע סטודענטען. נאר די עקזיסטירענדע סיסטעם: קומען צו הילף אייניגע פערזאנען, איז ניט אומשטאנד פערענטפערען די ברענענדע פראגען. ערשטענס, ווייל די הילף בסך הכל איז גאנץ קליין, צווייטענס ווייל די גאנצע דעה ליגט ביי דעם אדער יענעם גבאי אין די הענד; א מענש וואס איז כמעט שטענדיג ווייט פון די סטודענטען מאסען, און וואס גיט דאס געלד יענעם וואס איז איהם בעסער געפעלען. ביי אזעלכע בעדינגונגען בעקומען די שטיצע ניט די וואס נויטיגען זיך באמת נאר די וואס קענ׳ען מעהר פון אנדערע קריכען און שרייען; די וואס האבען מעהר פראטעקציעס. שטילע און ארבייטענדע נאטורען ווערען פערלא־רען די סטודענטען אליין, זיי ווייסען אבער גוט ווער און אויף ווי־פיל ס׳נויטיגט זיך; ווייל זיי לעבען צוזאמען. זיי קענען אבער ניט זאגען קיין מינדעסטע דעה, מען פרעגט אפילו ביי זיי ניט קיין ראהט, ווייל אלץ איז געבויט אויפ׳ן אונטערקוליעסען־פרינציפ. ס׳איז מיר בעקאנט א פאל ווען איינע אוויכטיגער פערזאן א פארשטעהער פון א גרויסער יודישער חברה איז געוועז געריהרט פון דער ענער־גישער (איך וועל זאגען חוצפישער) פאדערונג פון שטיצעפון איינעם זאגאר א רייכען סטודענט און האט איהם בעשטימט א מאנאטליכען געהאלט. אויף אזא אויפ׳ן בלייבט די פראגע ביי די באמת זיך נוי־טיגדיגע סטודענטען ניט פערענטפערט. די סטודענטען דארפען אליין בעשטימען ווענען און ווי ווייט קומען צו הילף זייערע חברים. דאס מוז זיין דער גרונד פרינציפ.

די עקזיסטירענדע סטודענטישע קאסעס האבען זיך ניט איינמאל געווענדט צו די געמיינדעס נאך שטיצע נאר האבען שטענדיג בע־קומען א אבזאג. די קאסעס האבען ג ע פ ר ו ב ט זוכען שטיצע ביי אונזערע רייכע מוהמעס — אין מערב אייראפא; ביי איינצעלנע פערזאנען אין רוסלאנד—נאר אהן ערפאלג:

די הויפט אורזאכע פון דעם איגנארירען די קאלאניאלע קאסעס ליגט אין דער נאטור פון די קאסעס אליין אין זייער סטרוקטור, אין

קומען צו הילף די הונגעריגע חברים איז לחלוט׳ן ניט אויסהאלטבאר.

די שוין געגרינדעטע קאסע האבען געמוזט אויפהערען צו פונק־ציאנירען, נייע זיינען ניט בעשאפען געווארען ווייל די הכנסה איז געווען קליין אין פערגלייך מיט דער נויטיגער הוצאה. און די מעשה איז גאנץ פערשטענדליך: ווי אלטרואיסטיש עס זאל דער רייכערער סטודענט ניט זיין, געשטימט קען ער קיין מאל ניט געבען קיין גרע־סערע סומען אויף אויסצוהאלטען זיין חבר, ווייל סוף כל סוף בע־קומט ער אויך נאר אויף אזוי פיעל, וויפיל מען דארף אויף פיהרען א אנשטענדיגען לעבען. אמת, עס זיינען דא אנדערע קוועלען פון הכנסה מאכען בעלער אדער אנדערע אונטערנעהמונגען. אבער זיי קענען ניט דעקען אפילו טיילווייז די נויטיגע הוצאה. און דערצו נאר אין א י י נ י ג ע קאלאניעס האט מען די מעגליכקייט מאכען פער־ווייילונגען, די א י ב ע ר י ג ע, ניט האבענדיג קיין ברייטעס סימפא־טיזירענדעס פובליקום, מוזען זיך דערפון ענטזאגען.

ווי פארענטפערען די וויכטיגע עקאנאמישע פראגען ביי אונז סטודענטען? אויף וואס פאר אויפ׳ן דארף מען רעארגאניזירען די סטודענטישע קאסען, אז זיי זאלען קענען דערגרייכען זייער ציעל? ניט האבענדיג די מעגליכקייט אליין זיך דורכצושלאגען מוזען די ניטבעזארגטע סטודענטען געוויס פאלען צו לאסט אויף דער געזעל־שאפט. די געזעלשאפט, זי מוז אונטערהאלטען איהרע קינפטיגע אינ־טעליגענטען, דאס איז איהר פליכט. די יודישע געזעלשאפט מוז בע־זארגען די ארימע פון איהרע סטודענטען אום זיי זאלען קענען ענ־דיגען זייער שטודיום. ניט נאר די אויסלענדישע יודישע קהלות נאר אויך די רוסישע דארפען געבען זייער שטיצע. איינצעלנע פערזאנען און גאנצע חברות דארף מען קומען צו הילף. און אין אלגעמיין זע־הען מיר טאקע אז די געזעלשאפטען פיהלט איהר פליכט. די אויס־לענדישע קהלות האלטען אויס אויף זייער חשבון איינעגע סטודענ־טען־חברות ווי „הילפס־פעראיין” און „אליאנס” גיבען ארויס סוב־סידיעס איינעגע פערזאנען; אין רוסלאנד איז געגרינדעט געווארען א

פערבאנד.

איך האב דא בעטראכט נור דעם נערוו פון פעראייניגטער קול־טורעלער ארבייט. אויסער דעם קען נאך פרייע איניציאטיווע בעשא־פען צעהנדליגע פראיעקטען פון פעראייניגטער ארבייט וועלכע ס׳קען האבען א געוויסען קולטורעלען ווערט און וועלכע ס׳איז ניט בכוח דורכצופיהרען א קליינע אבגעזונדערטע קאאפעראציע.

ה׳ וואלמאן לייגט פאר („פריינד" 139) בעשאפען א מין יודישען סעמינאריום איך וועל איצט ניט בעטראכטען דעם גרויסען פארשלאג; דאס וועט מוזען בעטראכט ווערען אין א בעזונדער ארטיקעל, נאר אין אלגעמיין קענען מיר פאראויס זעהען אז א אלגעמיינער פער־באנד ביי טיכטיגע איינטיילנעהמער און גוטער ראציאנעלער אר־גאניזאציע וועט פיהרען א רייכע פרוכטבארע קולטורעלע ארבייט,

ניט נאר קולטורעלע ציעלען דארף האבען די קינפטיגע סטו־דענטישע ארגאניזאציע. פיעל וויכטיגער, פיעל נויטווענדיגער איז איהר עקאנאמישע טהעטיגקייט. שווער איז געווען פון שטענדיג אן זיך דורכשלאגען דעם ניט בעזארגטען יודישען סטודענט אין אויס־לאנד, פערדינען א שטיקעל ברויט פון אייגענער ארבייט איז פשוט אונמעגליך, נאר דאך איז געווען די לאגע צו ערטראגען, ווייל אין אויסלאנד זענען געפאהרען כמעט דורכאויס „בעלי־הבתי׳שע" קינ־דער; און ווען ס׳האבען זיך ארויסגעריסען אויך אייניגע ניט קיין בעזארגטע, זענען די רייכע חברים זיי געקומען צו הילף. איצט האט זיך די לאגע פיעל פערערגערט: די גרויסע שוויריגקייטען וואס מען מאכט דער יודישער יוגענד אין רוסלאנד ביים ארייננטרעטען אין די הויכשולען, דאס בעגרענצען דאס רעכט פון דעם יודישען עקסטער־ן האט פערגרעסערט די יודישע אינטעליגענטען עמיגראציע. עס האט זיך בעוויזען אין אויסלאנד דער טיפ פון רוסישען הונגעריגען סטו־דענט. ס׳האט זיך פארשאפט די עקאנאמישע פראגע דא אין אויס־לאנד. די קאסע פון גגעגענזייטיגער הילף וואו נאר אזעלכע האבען עקזיסטירט זיינען פוסט געווארען; מיט אייגענע פריוואטע קרעפטען

(יודיש און העברעאיש), היסטארישע װיסענשאפטליכע, דראמאטישע („חרות״ פון ליעזש). עס װערען אײנגעארדענט רעפעראטען פון אר־טיגע און אײנגעלאדענע כחות א. ז. װ.

רעפעראטען און לעקציעס זײנען אײנע פון די װיכטיגסטע לע־בענס־נערװען פון די אױסלענדישע קאלאניעס. זײ ציהען צו די ברײ־טע סטודענטען־מאסען זײ גיבען אפט א טאן דעם געזעלשאפטליכען לעבען אין דער קאלאניע. אײנצוארדנען לעקציעס פון בעקאנטע דענ־קער און ליטעראטען, זײנען אײנע פון די װיכטיגסטע ציעלען פון די סטודענטישע געזעלשאפטען. נאר דא שטויסט מען זיך אן, איבער־הויפט די קלענערע קאלאניעס, אויף גרויסע מאטעריאלע שװעריג־קײטען: אויסשרײבען א רעפערענט פון ערגעץ א װײטער אויסלענ־דישער שטאדט אדער גאר פון רוסלאנד איז קײן מאל ניט לויט די קרעפטען פון אײן געזעלשאפט. עס הויבט זיך אן א קארעספאנדענץ צװישען פערשידענע גרופען, מען זוכט בעלנים, אײנטײלנעהמער, עס הויבט זיך אן א פראגע װעגען חלק קאסטען, און אנד. — ביז די זאך װערט צו נישט. און אז ס׳גײט שוין יע איבער אײן רעפעראט כשורה, איז צו צװײטען מאל די זעלבע זאך פון ס׳ני׳. עס מוז אלזא געגרינדעט װערען א צענטראלע רעפעראטען־ביורא מיט א בעשטימ־טען ביודזשעט װעלכע זאל ארגאניזירען די רעפעראטען אין אלע גרעסערע און קלענערע יודישע קאלאניעס. דאס ביורא דארף אויס־ארבײטען א מארשרוט פאר די רעפערענטען, אזוי אז די קאסטען זאלען זײן מינימום און דאס קומען פון רעפערענט זאל צוגעפאסט װערען צו די בעדערפניסען פון פלאץ. מיט אײן װארט: עס דארף בעשאפען װערען א צענטר, װעלכער זאל רעגולירען די רעפערא־טען — פראגע; אײנע פון די װיכטיגסטע פון סטודענטישען קולטו־רעלען לעבען.

אט די נויטװענדיגקײט אין א רעפערענטען־ביורא, אט די אר־גאניזירונג אויפ׳ן געביט פון געגענזײטיגער קולטורעלער ארבײט— זאגט אונז שוין פאר די נויטיגקײט פון א אלגעמײנעם סטודענטען

שאטירונגען אין די יודישע סטודענטישע חברות אויף די פערשי־
דענע נעמען וואס זיי טראגען, האבען זיי פארט איין־און דעמזעל־
בען געזעלשאפטליכען פנים. מען קען זיי כאראקטעריזירען מיט איי־
נע און די זעלבע גרונדשטריכען.

אין וואס בעשטייט זייער ארבייט? אין אלגעמיין איז די ארבייט
א דרייארטיגע א דרייזייטיגע: א קולטורעלע, א עקאנאמישע און א
פאליטיש־געזעלשאפטליכע. נאר אין צוזאמענהאנג מיט די פערשידע־
נע אינערליכע און אויסערליכע בעדינגונגען ענטוויקעלט זיך אין
איין געזעלשאפט נור איין זייט פון דעם אלגעמיינעם פראגראם, ביי
דער אנדערער די אנדערע זייט, איין געזעלשאפט הויבט אן איהר
טהעטיגקייט פון קולטורעלער ארבייט און געהט איבער צו עקאנא־
מישער און געזעלשאפטליך־פאליטישער, די אנדערע פערקעהרט היי־
בען אן פון עקאנאמישער טהעטיגקייט און געהען איבער צו קולטו־
רעלער. אזוי צום ביישפיעל האבען די גענטער סטודענטען צו ערשט
געגרינדעט א ביבליאטעק און לעזעזאל און ערשט איצט הויבט מען
אן צו קלערען וועגען א הילפס־קאסע פאר ניט בעזארגטע חברים,
וועגען איינטיילנעהמען אין אלגעמיין סטודענטישען פערבאנד א. ז. וו.
אנדערש איז עס אבער מיט די בערלינער חברים וועלכע האבען אנ־
געהויבען פון דער עקאנאמישער זייט און האבען געגרינדעט די קא־
סע פון געגענזייטיגער הילף און נאר דערנאך איז בעשלאסען גע־
ווארען צו פיהרען א קולטורעלע ארבייט.

נאר בעטאנענדיג די אדער יענע טייל פון דער יודיש־סטודענ־
טישער פראגראם טוט יעדע קאלאניע כמעט דאס זעלבע די קולטו־
רעלע ארבייט בעשטעהט אין בעשאפען א יודישע סביבה, בעשאפען
די מעגליכקייט צו זיין אין שטענדיגען צוזאמענהאנג מיט דעם יו־
דישען געזעלשאפטליכען לעבען בכלל און יודישער ליטעראטור און
קונסט בפרט. ווי ס׳שטעהט אין די תקנות פון גענטער סטודענטען־
פערבאנד. א ביבליאטעק און א לעזעזאל זיינען די ערשטע טריט.
דערנאך ווערען געגרינדעט אלערליי סעקציעס: שפראכען סעקציעס

רופענדיג זיך שטענדיג «רוסישע קאלאניעס» האבען זיי טאקע גע־לעבט מיט דער רוסישער קולטור, גערעדט די רוסישע שפראך און זיך אינטערעסירט כמעט אויסשליסליך מיט דעם רוסישען געזעל־שאפטליכען לעבען. דאס יודישע לעבען, די יודישע פאלקס־אינטע־רעסען, די יודישע ליטעראטור איז אזוי ווי זיי וואלטען גאר ניט עקזיסטירט, די יודישע שפראך איז געווען פסול טרף, א יודיש בוך איז ניט געווען בנמצא, און ווען עס האט זיך יע דערהערט פון ערגעץ וואו א יודישע שטים איז עס פערטרונקען געווארען אין ים פון ניט יודישע שטימונגען.

נאר זייט צוויי־דריי יאהר זעהען מיר, אז פון מיטען די „רו־סישע קאלאניעס" שווימען ארויס גאנצע צעהנדליגער, הונדערטער «רוסישע» סטודענטען, הויבען הויך אויף די פאהן פון יודישען בע־וואוסטזיין און גרינדען אומעטום יודישע סטודענטישע געזעל־שאפטען זעלבסטשטענדיג, אהן קיינעמס אויסערלי־כער איניציאטיוו ווערען די געזעלשאפטען גע־גרינדעט און דאס בעווייזט זייער לעבענסקראפט זייענדיג בעשאפען פון ריין סטיחישע קרעפטען טראגען די געזעל־שאפטען א ארטיגען כאראקטער. אין זיי שפיגלען זיך אב דער ווי־לען און די אידעען פון די ארטיגע צופעליגע איינטיילנעמער. ס'ווע־רען אויסגעארבייט אייגענארטיגע פראגראמען און תקנות און ווי ווייט ס'ערלויבען די קרעפטען, ווי ווייט ס'איז דא א מעגליכקייט, ווערט געפיהרט א קולטורעלע עקאנאמישע און פאליטישע ארבייט. נאר וואס ברייטער און טיפער עס ווערט די טהעטיגקייט פון די יודישע קאלאניעס אלץ גרעסער וואקסט דער בעדארף אלץ וויכטי־גער ווערען די נויטיגע אונטערנעהמונגען. נאר דא שטויסט מען זיך אן אויף די בעגרענצטע מעגליכקייטען צוליעב דער קליינקייט פון יעדער קאלאניע בעזונדער. אט די עקספאנסיווע שטרעבונגען דער־פיהלענדיג די ראמען פון די צו ווארפענע קאלאניעס האט געבארען די אידעע פון איינהייט; ווייל ניט קוקענדיג אויף די פיעל ארטיגע

טען, עס איז ערשיענען דער עכט פאלקסטימליכער יודישער אינטע־ליגענט. ניט יודישער נאך זיין נאמען אדער אבשטאמונג, נאר יודי־שער לויט זיין געזעלשאפטליכער פונקציע, לויט זיין סאציאלען פנים און דער נייער געזעלשאפטליכער טיפ פיהלענדיג אונטער זיך א באָ־דען און זעהענדיג אז די צוקונפט־געהער צו איהם, האט ענערגיש אנגעהויבען זיין שעפפערישע טהעטיגקייט, אומעטום, א וואו ער זאל נאר ניט זיין, פיהרט ער דורך די ליניע פון דער ניי־יודישער קול־טור. צו ארבייט ער אין תחום אדער אין א אנדער יודישער געטא,— אויב ער קען נאר האבען א שטיקעל משא ומתן מיט די יודישע מא־סען לעבט ער, קעמפפט און שאפט און גיט זיין סביבה אלץ מיט וואס איהם האט בעשיינקט די נאטור. האט איהם דער שיקזאל פער־ווארפען ווייט פון דער יודישער גאס, האט ער געמוזט, אום זיך צו פארבערייטען צום שווערען קונפטיגען לעבען, אוועקפאהרען ווייט פון זיין איינגעלעבטער סביבה, פערליערט ער אויך דא ניט זיין מוטה און בעשאפט מיט מיה און מאטערניש א קליינעם יודישען קרייז, א מיניאטורע יודישע סביבה א וואו עס ווערט פארטגעזעצט די שווערע געזעלשאפטליכע און קולטורעלע ארבייט וואו ער פער־שטארקט און פערגליהט זיין גייסט און קראפט אום עהרליך דערנאך צו ערפיהלען זיין פליכט פאר זיין פאלק און פאר דער גאנצער מענ־שהייט, וויל צו איהם געהערט די צוקונפט!

די יודישע סטודענטען אין אויסלאנד געהערען צו די נאר וואס דערמאהנטע פערוואגעלטע מיטגליעדער פון דער יודישער געזעל־שאפט וואס מוזען בעשאפען א אייגענע סביבה, א זעלבסט־שטענ־דיגען אינזעל אין ארומיגען געזעלשאפטליכען לעבען. וואס פאר א כאראקטער האט אמאל געטראגען, און וואס פאר א כאראקטער טראגט היינט דאס געזעלשאפטליכע סטודענטישע לעבען?

די יודישע סטודענטישע קרייזלעך אין אויסלאנד, די סטודענטי־שע אזוי גערופענע „קאלאניעס״ האבען שטענדיג געטראגען א ניט יודישען כאראקטער לויט זייער פנים און לויט זייער אינהאלט. אנ־

# דער יודישער סטודענט

געווידמעט די אינטערעסען פון דער יודישער יוגענד בכלל און פון דער יודישער שטודירענדער יוגענד בפרט.

רעדאגירט דורך קאנד. אינזש. י. ליפשיץ און י. פאדרוזשניק.

ערשטער באנד. דעצעמבער 1912. ערשטעס העפט.

י. ליפשיץ.

## וועגען אלגעמיינעם יודישען סטודענטען־פערבאנד.

גלייך נאך דעם ווי די ברייטע פאלקס־מאסען האבען זיך ערוואכט צו א קולטורעלען און געזעלשאפטליכען לעבען, ווי די ברייטע שיכטען פונ׳ם יודישען פאלק האט זיך אויפגעהאפט פון לאנגען פינסטערען שלאף און ארויס אויפ׳ן וועג פון פראגרעס און ענטוויקלונג האט אין דער לופט זיך אנגעהויבען פיהלען א בעדערפניס אין א יודיש בוך אין א יודישער צייטונג אין אזא בוך און צייטונג, מיט וועלכער דער יודישער פאלקס־מאן וואלט קענען בעלויכטען דעם פערפלאנטערטען געזעלשאפטליכען לעבען וואס רינגעלט איהם ארום און באלד איז טאקע אזעלכע ביכער און צייטונגען בעשאפען געווארען. און וואס ברייטער און טיעפער ס׳איז געגאנגען דאס ערוואכען פון די יודישע פאלקס־מאסען איז אלץ מעהר ענטוויקעלט געווארען די יודישע ליטעראטור און פרעסע אלץ מעהר האט זיך קריסטאליזירט די ניי־יודישע קולטור. עס איז ארויסגערופען געווארען צום לעבען א גאנצע רייהע יודישע שרייבער, עס זיינען בעשאפען געווארען קולטורעלע און ליטערארישע פעראיינען און געזעלשאפ־

# אינהאלט:


וועגען דעם סטודענטען פערבאנד . . . . . . . י. ליפשיץ.

א מעשה . . . . . . . . . . . . יאלי

א ווינטער ליעד . . . . . . . . . ל. ניידוס.

לעבענס־דיכטער . . . . . . . . . י. גראדזענסקי.

די שטעלונג פון דער יודענפראגע . . . . . . י. אהרונזאהן.

מעטערלינק און זיין פאלק . . . . . . . י. פאדרוזשניק.

איינינע געדאנקען וועגען חימישע ערשיינונגען . י. ל.

די יודישע סטודענטען אין ליעזש . . . . . . א. ב.

צו די יודישע סטודענטען . . . . . . . . „מכבית“.

צו דער דארמשטאדטער טראגעדיע . . . . . . א. קאפאצאווסקי

פון דער רעדאקציע.



קאפענהאגען.

פערלאג «דאס וואכען בלאט».

1912.

Nr. 1. דעצעמבער 1912.

# דער יודישער סטודענט

פרייז: 50 סאנטים, 20 קאפ. 40 פפעניג.